STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02776

A LEBN OYF HEFKER

Osher Jaime Schuchinski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אשר (חיים) שטשוטשינסקי

אַ לעבּן אויף הפקר

און אַנדערע דערציילונגען

●

פאַרלאַג „האַוואַנער לעבן"
האַוואַנאַ, קובאַ.
1960

OSHER (JAIME) SCHUCHINSKI

"A LEBN OIF EFKER"

UNA VIDA A LA DERIVA

Y OTROS CUENTOS

צום אָנדענק פון מיין
היים־שטעטל — גאָניאָנדז.

[illegible]

אדרעס פון מחבר:
Osher (Jaime) Schuchinski
Felipe Poey No. 402
Habana
Cuba

I

ליכטיקע שאָטנס...

אויף ביידע זייטן מזרח ברענען נאָך די גרויסע נאַפט לאָמפּן, וואָס הענגען אויף גראָבע דראָטן צוגעבונדן צו גרויסע קרוקעס אריינגעהאַקטע אין הילצערנעם סופיט. פון די קיילעכדיקע קנויטן רייסן זיך האַלב רונדע פלעמלעך וואָס באַלויכטן די פאָדערשטע ווענט, דעם ארון קודש, די פאָדער־שטע זייט פון דער בימה. דורך דעם ברייטן העלזל פון גלאָז שלאָגט ארויף אַ העלע ליכט וואָס רינגלט אַרום ווי אַ לבנה דעם פאַרבויגענעם שוואַרצן קרוק און וואַרפט זיך ווי אַ וואָג שאָל הין און צוריק, הין און צוריק.

די גראָבע הילצערנע סטאָלבעס וואָס שפּאַרן אונטער דעם האַלב איינ־געבויגענעם פּולאָפּ, די ווינקל ווענט פון דער בימה, די הויכע ווענטלעך פון די בענק, וואַרפן שטיקער שאָטן אויף דער הינטערשטער וואַנט וואָס טיילט אָפּ די ווייבערשע שוהל, אויפן גרויסן קאַכלאָון אויוון, אויף דער גרויסער שאַפע ספרים, און ווי אימיצער וואָלט זיי געצויגן — די שאָטנס, — זיי גע־שטופּט איינע אויף די צווייטע, זיי אַראָפּגעשליידערט איינע פון די אַנדערע, געשטויסן זיי אויפן אויוון, געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע, — אַזוי באַוועגן זיי זיך מיטן שאָקלען פון די צוויי לאָמפּן.

פון די גרויסע צוועלף רעמלדיקע פענצטער שלאָגט אַריין אַ חושך, ווי אימיצער וואָלט געשאָטן שטויב פון זעקלעך שוואַרצן קויל.

פון הינטערן בימה, ווי פון צווישן די שאָטנס וואָס שלאָגן זיך הערט זיך אַ מורמלען — „והוא יעשה שלום עלינו“ און צוטראָגט זיך סודות׳דיק פון טונקעלן חלק בית מדרש ביז די מזרח ווענט, און שלאָגט זיך אָן אין די פינצטערע שייבלעך וואָס קוקן צום שוואַרצן דרויסן.

ניסן דינקעס האָט געענדיקט מעריב און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אויוון.

— רב מרדכי! איר וועט ניט זיין אין כעס. ארייננעפאלן היינט אביסל צו שפעט פון דארף, קורצע טעג, שווער צום גיין אויפן אנגעפאלענעם שניי, די קעלט פארהאקט דעם אטעם, אבער מעריב מוז מען דאך דאווענען און אז מען קען אין בית מדרש איז אוודאי גוט. איר בלייבט נאך דא, מרדכי? איך אייל זיך גיין עסן וועטשערע. דעם אמת געזאגט דארף איך נאך עסן אנבייסן, נאר מען וועט דאס שוין מאכן צוזאמען. נו, גאט צו דאנקען, אבי מען איז געזונט און מען האט היונה.

— איך מאך נאר צו דעם אויוון גיי איך שוין אויך.

מרדכי דער שמש האט צוגעמאכט די אייזערנע טירל און פארדרייט דעם שרויף, שטארק געדריקט די מעשענע הענטל ביז עס האט זיך געהערט א סקריפ:

— אז איך מאך צו אזוי די טירל פון אויוון געפין איך נאך אין דער פרי היים דעם אש.

עס האבן זיך געהערט טריט אין פיר-הויז און דער שארך פון דער אייזערנער שפראנזשינע. ביסלעכווייז האט זיך געעפנט די שווערע הילצער-נע טיר וואס איז פון אינעווייניק געווען נאס פון צעגאנגענעם אנגעטראגע-נעם שניי. ס׳איז ארייננעקומען א איד, די קיילעכדיקע שווארצע היטעלע איז אים געלעגן אויף די ברעמען. די שטיקלעך ניט באוואקסענע באקן און דער נאז האבן געפלאמט פון קעלט. די בארד ארום מויל איז געווען וויס, פארפרארן, די קליאפעס פון דער קאפאטע זענען געווען פארלייגט איינע אויף דער צווייטער און צוגעדעקט די האלז, אונטערן ארעם האט ער גע-טראגן א פיר קאנטיקן פעקל איינגעוויקלט אין א גרויער דאטשקע.

מרדכי דער שמש האט א הויב געטאן די קאפ, אנגעשפיצט די אויגן און דורך די טונקעלע שאטנס באטראכט דעם אידן. ניסן דינקעס האט אויך גע-קוקט צום טיר.

— ווער איז דאס? אזוי שפעט! — האבן ביידע שטיל געמורמלט.

— געלויבט איז גאט! אבי כ׳בין שוין געקומען, אז עפעס גאר קיין טעג ניט! דו קוקסט זיך גארניט ארום און עס איז שוין פינצטער, א לעבן אן טעג, הוילע נעכט. איר זייט דאך מן הסתם דער שמש? איך האב אייך געוואלט בעטן, ס׳הייסט פרעגן, איך וואלט דא געקענט איבערנעכטיקן? אט טאקע דא גופא, לעבן אויוון, ניטא קיין ברירה...

מרדכי דער שמש האט אנגעקוקט דעם אורח מיט א פאר שארפע אויגן.

— מיינט ניט, אַז דער גבאי האָט זייער ליב אַז מען לאָזט דאָ שלאָפן אורחים, דערנאָך גייט דאָס אויס צו מיין קאָפּ. איך האָב אים אָבער גע־זאָגט: רב שמאי, אויב איר ווילט ניט לאָזן שלאָפן אין בית מדרש קיין אורחים מוזט איר זיי קומען ארויסטרייבן, ווייל איך האָב ניט קיין הארץ צום זאָגן אַ אידן, ער זאָל אין אַזאַ ביטערע קעלט גיין שלאָפן אין גאַס. נישקשה, פאַראַן געגוג גבירים אין שטעטל, מען האָט גאַנץ גוט געמעגט האָבן אַן הכנסת אורחים, אַז אידן זאָלן טאַקע ניט דאַרפן שלאָפן אין בית מדרש, אָבער ניט לאָזן אַ אידן איבערנעכטיקן וואָלט געווען אַ חילול השם.

דער אורח האָט אויפגעהויבן די היטעלע מיטן דאַשעק און אָפּגעדעקט אַ הויכן שטערן, פון דער קאַפּאָטע קעשענע האָט ער ארויסגעשלעפּט אַ גרויסע גרויע טיכל און געווישט דעם נאַסן פּנים, די באָרד פון אָפּגעוואָרעמטן פראָסט.

מרדכי דער שמש האָט אַ קער געטאָן די אויגן צו ניסן דינקעס:

— נו, איר זעט? איז שוין גוט וואָס איר זייט געקומען שפּעט צו מעריב. באַשערט דעם אידן אונז דאָ צום טרעפן, נו מילא, וועט איר שוין דאָ איבערנעכטיקן, איר גייט דאָך מאָרגן געוויס ווייטער. אָבער דער פּלאַץ — ער האָט אָנגעוויזן מיטן האַנט אויפן באַנק ביים אויוון — איז שוין פאַרנומען, מיר האָבן נאָך אַן אורח, יענער האָט שוין פריער באַשטעלט, און די זייט איז פאַר יאַנקל דעם משוגענעם, ער האָט שוין אויף דעם האַלבן אויוון אַ חזקה... אַ חזקה פאַר אַ סך יאָרן...

— נו, וואָס קען מען זיך העלפן, וועל איך זיך לייגן אויף דער באַנק אַנטקעגן, נעבן דער בימה, אַ איד גיט זיך אַן עצה...

ניסן דינקעס האָט אַ קוק געטאָן אויפן אורח:

— די איז מיין שטאָט! האָט ער אַביסל מיט גאוה אַ זאָג געטאָן.

— נו, ווילט איר ניט איך זאָל זיך דאָ לייגן? — האָט אים דער אורח הכנעה'דיק געפרעגט.

— פונמיינטוועגן, וואָס קען דאָס מיר האַרן, עס קען עפּעס אָפּקומען פון דער שטאָט? מיין זיידע איז אויף איר געשטאַנען, מיין טאַטע און איצט ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר שטיי איך.

— בזכות דעם וועט איר טאַקע שטיין אויף דער שטאָט ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר! אמן! — האָט דער אורח מיט התלהבות און כהנ'ישער ערנסטקייט געבענטשט ניסן דינקעס.

— אמן! הלואי, הלואי! און איר זאָלט קענען שלאָפן ביי זיך אין דער היים און ניט דאַרפן זיך וואַלגערן אין קעלט, אין די פינצטערע נעכט איבער דער וועלט. איר האָט שוין עפּעס געגעסן? — האָט אים ניסן דינקעס גע־פרעגט.

דער אורח האָט אַראָפּגעלאָזן די קאָפּ און אַ לאַנגע ווײַלע געשוויגן.

— איך האָב אָנגעביסן — אויפן פרימאָרגן — אַז מען קלײַבט זיך אין וועג איז דאָך ניטאָ קיין צייט צום קלערן וועגן עסן... און עס איז טאַקע ניט געווען אַוואו, און עס איז טאַקע ניט געווען וואָס.

— קומט אורח מיט מיר! וועט מען עסן צוזאַמען וועטשערע. ווי זאָגט מען, אַ כזית קען מען אויך צעשפּאַלטן אויף דער העלפט, מען דאַרף נאָר וועלן. לאָזט איבער אייער פּעקל דאָ, אונטערן באַנק, קיינער וועט אין בית מדרש ניט גנב'ענען. וואָס האָט איר דאָרטן? אַ שווער פּעקל זעט זיך.

— סדורים, חומשים, מחזורים, וואָס האָב איך ניט? ניט פּאַר קיין אידן געראַכט, נעכטן און היינט ניט געלייזט פּאַר קיין איין ספר, ווען ניט וואָלט איך געגאַנגען צופוס אין אַזאַ ביטערן פראָסט, ווען ניט וואָלט איך געוואָלט נעכטיקן אין בית מדרש...

— קומט רב... אורח! לאָמיר שוין מער ניט פאַרציען דעם הונגער.

— יצחק אריה איז מיין נאָמען. איטשע לייב רופט מען מיר...

מרדכי דער שמש האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיין דאַרן גוף פון דער באַנק, האָט אַ הויב געטאָן די לאַנגע האַנט ביז איבערן האַלז, און מיט די טרוקענע פינגער זיך אַ קראַץ געטאָן די פּלייצע איבער דער פאַרלאַטעטער קאַפּאָטע, שלעפּנדיק די לינקע פוס איבער דער הילצערנער פּאָדלאָגע וואָס האָט געשאַרכעט ביי יעדן טריט, זיך צוגעשאַרט צום לאָמפּ, אַרויפגעקראָכן אויף דער באַנק, אויסגעצויגן די לאַנגע הענט אויף אַרויף, האַלטנדיק מיט איין האַנט דעם געניקלטן דראָט וואָס האָט אַרומגענומען דעם לאָמפּ און מיט דער רעכטער אַראָפּגעדרייט דעם קנייט. דער פּלעמל איז געוואָרן קלענער, קלענער, די שאָטנס גרעסער, ביז דער פייער האָט זיך אויסגעלאָשן. איבערן וואַנט האָט זיך געוויקט דער שאָטן פון פאַרלאָשענעם לאָמפּ, הין און צוריק.

מרדכי האָט זיך צוגעשאַרט צום צווייטן לאָמפּ. איבעראַנייס אַרויפ־געקראָכן אויפן באַנק, אַראָפּגעדרייט ביסלעכוויז דעם קנייט, אין בית מדרש

איז געוואָרן פינצטער, נאָר דער לעמפּל ביים עמוד האָט געברענט און געוואָרפן אַן אומעטיקע געלע ליכט איבערן גרויסן אומעטיקן הלל.

— נו לאָמיר שוין גיין! איר הערט אורח, אָט דער יאַנקל דער מישוגענער, ער רעדט אַמאָל צו דער זאַך... ס׳איז אָבער בעסער אַז מ׳רעדט ניט מיט אים... ער טראָגט אַ שווערע האַרץ אויף די בעלי בתים, די גבירים האָט ער פיינט שנאת מות.

אַלע דריי זענען אַרויס פון בית מדרש.

— הערסטו ניסן! אַ גוי האָט טאַקע מזל. דער אורח, וואָס איז דאָ פריער געקומען, האָט מיר דערציילט, אַז גייענדיק האָט ער געטראָפן אַן ערל, מיט אַ ביקס. ער זאָגט, אַז עס ווייזט אויס אַ יעגער, האָט ער געטראָגן אַ חיה, אַ ברוינע, וואָס ער האָט געכאַפּט אין וואַלד, האָט ער אים געפרעגט וואָס דאָס איז פאַר אַזאַ חיה וואָס איז דומה צו אַ קאַץ, מיט אַזאַ געלע לאַטע אונטערן העלדז. דו ווייסט דאָס גאָרניט גלויבן, ער זאָגט, אַז דאָס איז ווערט אפשר הונדערט זלאָטעס, דו מוזט דאָך וויסן וואָס דאָס איז, דו האַנדלסט דאָך מיט די אַלע זאַכן.

ניסן האָט אַ דריי געטאָן די קאָפּ צו מרדכי׳ען, דערזען אַז דער אורח גייט אין מיטן צווישן ביידע, האָט ער זיך איבערגערוקט נאָענטער צום שמש, אַז ער זאָל גיין אינמיטן.

— נו, און ווער איז ער דער ערל? אַז ער כאַפּט חיות, אוודאי איז ער אַ יעגער! ער האָט דיר ניט געזאָגט זיין נאָמען?

— יע! ער האָט מיר געזאָגט — זיין גוישקן נאָמען, אָבער ווער קען דאָס געדענקען זייערע נעמען... ער וואוינט אויף אָלשאַווער וועג, לעבן וואַלד.

— אויף אָלשאַווער וועג? — האָט ניסן גיך איבערגעפרעגט — איז דאָך דאָס פאַן אָלשעווסקי! מיינער אַ גוי... פאַרוואָס האָסטו דאָס מיר ניט גע-זאָגט באַלד ווי איך בין אריין אין בית מדרש? אין זיין שטים האָט זיך גער-פילט אַן אומרואיקייט.

— דער איז דאָס טאַקע, ניסן. איר האָט דאָך אַ רבינ׳ישע קאָפּ, באַלד געטראָפן, איך האָב אייך גאָרניט געדאַרפט זאָגן, איר קענט אים? אַ מזל פון אַ גוי, כאָטש אַ גוטער גוי?

— פאַר וועמען האָט ער דאָס דערציילט דער אורח? — האָט ניסן גע-פּאָרשט.

— פאַר מיר! פאַר וועמען וועט ער דערציילן? האָט זיך מרדכי דער שמש געגרייסט, איך האָב דאָס אים דען געפרעגט? ער האָט געוואָלט האָט ער מיר דערציילט.

זיי זענען צוגעקומען צו שמערל דעם מלמד'ס חדר.

— אַ גוטע נאַכט ניסן! אַ גוטע נאַכט אורח! איך וואוין דאָ אונטן אין דאָל. אַ ביטערער רחמנות, אין אַזאַ עסיקער קעלט לאָזט מען אַ לעבעדיקע בהמה אין דרויסן, איר זעט ניסן? שמערל דעם מלמד'ס קאָזע, אַ פינצטערע עברה, גאָט זאָל באַהיטן פאַר אַזאַ זאַך. שמערל איז ניט שולדיק, זי די מרשעת, טרייבט אַרויס די קאָזע פון פיר הויז. וואָס קען זי איר דאָרטן קאַליע מאַכן? אַי, קינדערלעך, מען דאַרף האָבן מזל, ווען איך האָב אַ קאָזע וואָס וואָלט איר געפעלט? אויפן שניי וואָלט איך איר געלאָזן שטיין? די קאָזע האָט זיך צוגערוקט צו מרדכי דעם שמש און אַ מעקע געטאָן, — איר זעט? איר זעט? זי פאַרשטייט דאָך וואָס איך זאָג, אַ בהמה האָט אויך שכל. אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט!

מרדכי האָט געשטעלט די רעכטע פוס אויפן פרישן שניי און די לינקע נאָכגעשלעפּט טריט נאָך טריט, דאָס איז אים געבליבן אַ זכר פון פּריזיוו. ער איז אָבער ניט געגאַנגען דינען דעם פּאַניע...

ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן גדליה דעם סטאָליאַרס צעבראָכענעם פּאַר-קאַן, געקוקט אויף דעם טונקל ראָזעווען ליכט וואָס האָט זיך דורכגעזייפּט דורך די קליינע פאַרפּראָרענע פענצטערלעך פון זיין הילצערנער הייזקע וואָס האָט מיטן רוקן זיך אָנגעשפּאַרט אָן שול באַרג און אַ דאַנק דעם ניט איינגעפאַלן שוין פאַר קמא יאָרן. „גאָט שיקט די רפואה פאַר דער מכה", האָט מרדכי דער שמש צו זיך געטראַכט. גדליה דער לאָטוטניק האָט געבויט די באַלופּע פונקט ביים פוס פון באַרג. ער האָט מיר טאַקע געזאָגט: „מרדכי! דו קויפסט אָן אייביקע זאַך, אפילו קיין שטורעם קען איר ניט איינוואַרפן, פרי-ער דאַרף איינזינקען דער באַרג, שטייט דאָך אויף אים די שול"...

מרדכען האָט אַ צי געטאָן ביים האַרצן פון הונגער. „זי האָט כאַטש געקריגן אַביסל ליאַק — מיין יענטע — ביי ליפּע דעם קרעמער — צו די בולבעס, אַמאָל פאַלט אַריין אַ שטיקל איקרע אויך"...

אַ פולע לבנה איז געשטאַנען אין ווינקל פון הימל אין סוף חודש שבט און באַזילבערט די גאַנצע קאַלטע פאַרשנייטע וועלט.

ניסן האָט שטאַרק אַ צי געטאָן די קליאַמקע פון דער אָנגעפראָרענער טירל און איר פאַרמאַכט הינטער זיך. ער איז ארויף די דריי שטיינער וואָס זענען געלעגן אויסגעלייגט ווי טרעפּלעך און שטייענדיק אין מיטן געסל ארויפגעקוקט צו זיין שטוב, אַ וואַרעמקייט איז אים אַדורך איבערן גאַנצן גוף. „מיין שטוב — אַן אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ". עס האָט פאַר אים אַ שוועב געטאָן די געשטאַלט פון נעכטיקן אורח וואָס שלאָפט איצט אין בית מדרש.

דער דיקער שניי וואָס האָט צוגעדעקט דעם שינדל דאַך האָט געמאַכט די שטוב העכער, די שיין פון דער לבנה האָט באַפאַרבט אויף זילבער ווייס די גרויע האָלץ פון די ווענט און אַרומגערינגלט איר מיט אַ ווייסן מאַרמאָר-נעם ראַם — מיט דעם שניי. אין ניסנ'ען האָט אַ ווייע געטאָן מיט מוט, מיט גבורה, ער האָט אַ וואַרף געטאָן דעם ליידיקן זעקל אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן גיין.

— ניטאָ זיך וואָס צו איילן. דער זייגער איז נאָך איצט אָרום פיר. איך וועל אָנקומען פאַר פינצטער — פאַן אָלשוועסקי וועט נאָך זיכער שלאָפן... אַ מאַרדער מיט אַ געלע לאַטע אונטערן האלז... אַ בוים מאַרדער... דער אורח, דער צווייטער אורח וואָס האָט נעכטן ביי אים געגעסן וועטשערע, דער שמש... אַלע זענען מיטגעגאַנגען, זיך מיטגעשלעפּט אין די דמיונות.

ניסן איז זיך געגאַנגען ביים זייט פון הויכן פּאַרקאַן וואָס האָט ארומגע-צאַמט די גרויסע הילצערנע תיפלה, די קאָלירטע שייבלעך פון די גאָר הויכע פענצטער האָבן אויסגעקוקט ווי שוואַרצע טיפע אָפּגרונטן וואָס זאַפּן אין זיך אריין די פינצטערניש און זענען נאָך חשכ'דיקער פון דער נאַכט.

ער איז אַראָפּ דעם באַרג, אַריבער דעם בריקל פון דאָלקער וואַסער מיל, דעם שאָסיי, ביים זייט פון וועג איז געלעגן דער בית הקברות צוגעדעקט מיט אַ ווייסער שנייאיקער דעקע. ווי ער וואָלט אָנגעטאָן איין פּאָר גרויסע תכריכים. „דאָ האָב איך מיין טאַטן, מיין מאַמען, מיין זיידן, די באָבע איז דאָ ניטאָ, זי איז געשטאָרבן אין אַ צווייטער שטעטל, געפאָרן צום דאָקטער האָט מען איר שוין ניט געקענט ברענגען צוריק צום זיידן... עס איז געווען ווייט"... ניסן איז געגאַנגען און גערעדט מיט זיי... זיי דערציילט אַלץ וואָס

ס׳טוט זיך אין שטעטל, וואָס ס׳מאַכט חוה לייטשע, זיין ווייב, וואָס ס׳מאַכן ביידע מיידלעך... ווער ס׳איז קראַנק און דאַרף האָבן אַ רפואה, זיי זאָלן זיך פאַר אים מיען, ווער ס׳איז פאַראַרעמט געוואָרן, ווער ס׳דאַרף שטיין צום פּריזיוו...

ווייט פון וועג — פאַר אַ פּאָר וויאָרסט — איז געשטאַנען דער גרויסער אַלשאַוועער וואַלד. די הויכע לאַנגע ביימער, די צווייגן, האָבן אויסגעזען ווי אָדערן אין אַ גרויסן ווייסן גוף. די העלע לבנה ליכט איז געפאַלן איבער די שפּיצן פון די ביימער און צובליאַסקעט דעם שניי ווי איין גרויסן דימענטן קרוין איבער דעם גרויסן וואַלד.

איבערן גאַנצן ראַנד, לענג אויס דעם וואַלד, האָט זיך אויפן שניי אָפּגעשלאָגן אַ ברייטער טונקעלער שטן וואָס איז געפאַלן פון די הויכע סאָסנעס וואָס האָבן פאַרשטעלט די לבנה שיין.

ניסנ׳ען האָט עפּעס אַ מיגל געטאָן פאַר די אויגן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס אַ גרויסע זאַך קייקלט זיך איבערן שאָטן... אַ שטייפקייט איז אים אַ גיי געטאָן איבערן שטערן ביז צו די שלייפן... ער האָט צוגענומען די אויגן פון וואַלד, עס האָט אָבער צוריק אַ צי געטאָן, זיין בליק האָט נאָך בולטער געזען די גרויסע גרויע משא וואָס שטופּט זיך איבערן שוואַרצן שאָטן אויפן שניי.

— ס׳איז אַ בהמה, — האָט ער זיך געוואָלט באַרואיקן. אַוואו האָסטו היינט בחמות אין אַזאַ קעלט, אין אַ ווינטערדיקן ביינאַכט. עס איז גיכער ענלעך צו אַ מענטשן ווי צו אַ פיר פיסיקן, ס׳איז דאָך גרעסער ווי צוויי מענטשן...

דער וועג וואָס האָט געפירט אין וואַלד האָט דעם שאָטן צעשניטן אויף צווייען. די שטיקל וועג איז געווען באַלויכטן פון דער לבנה און דער גרויסער גוף האָט זיך געזען קלאָר ביי דער שיין. ניסנ׳ען איז אַדורך אַ קעלט איבערן גאַנצן לייב, ווי אייז קאַלטע טראָפּנס וואָלטן זיך אים אַראָפּגעגאָסן איבערן גאַנצן רוקן ביין, ווער קען דאָס זיין אין מיטן דער נאַכט? ער גייט מיר נאָך פון בית עולם אָן! — איז אים איינגעפאַלן. „מה טובו אוהליך יעקב", האָט ער אָנגעהויבן אויף גיך צום דאַוונען שחרית, און אין קאָפּ האָט אים געשלאָגן אַ געדאַנק: „מ׳טאָר ניט אַרויסגיין פון שטוב פאַרן דאַוונען שחרית! קיינער וועט דיינע ניט פאַרכאַפּן! מיין טאַטע — מיר צו לאַנגע יאָר — פלעגט שטענדיק פריער אַריינגיין אין בית מדרש און אָפּדאַוונען, דערנאָך פלעגט ער

ארויס אויפן דאָרף, האָט אים טאַקע גאָט געהאָלפן, אַזאַ שטוב קיין עין הרע ניט אויסגעבויט, דאַכט זיך אַז איך האָב ניט אָפּגעגאָסן קיין נעגל וואַסער... ניסן האָט זיך אַ בויג געטאָן צו דער ערד, אַ נעץ געטאָן די הענט אָן שנייו, זיי אָנגעריבן איינער אָן דער צווייטער און אָפּגעווישט אָן זעקל.

— כ'וועל גיין פּאַמעלעך, איך וויל זען צו ער וועט מיר אַריבערגיין. ניין! האָט ער פּעסט צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, משוגע מיינע שונאים! ניין, כ'וועל גיין גיכער... — ער גייט מיר נאָך! רבונו של עולם, וועמען האָסטו דאָ אויף מיר אָנגעשיקט, פאַרוואָס קומט דאָס מיר? פאַרוואָס איך בין מכנים אורח געווען? צעטיילט זיך נעכטן מיט דער וועט־שערע... ס'איז שוין נאָענט דער דאָרף... כ'בין שוין אויפן בריקל. ער האָט קלאָר געזען ווי יענער דרייט זיך אוים אַהער צום בריקל, ער גייט ניט איבערן פאַרפראָרענעם טייך. ער גייט אַהער! עס איז אַ מענטש! זע ווי ער הויבט גרויסע, גראָבע פּיס. ניסן איז אַריבער דעם בריקל, די פּיס האָבן זיך אים אַלע ווייַלע אונטערגעבראָכן, ער האָט שווער געסאָפּעט און מיט די לעצטע כוחות אָנגע־הויבן לויפן...

— „אָט איז די ערשטע שטוב — פעלך דער פּורמאַן — ניין! ס'איז פינצטער, די הינט פעלכם... ניין, איך האָב מורא פאַר פעלכן, אין דער צווייטער בעסער, ס'איז אָפן דער טויער... כ'וועל אַריינגיין... כ'וועל זיך אַראָפּבויגן הינטערן טויער"...

ניסן איז אַריינגעלאָפן אין הויף, און האַלב פאַרמאַכט די טויער טירל. כ'וועל דאָ שטיין און זען וואָס ס'וועט זיין. אָט גייט ער! ער טראָגט שמאַטעס אויף די פּיס.

ניסן האָט געפילט אַז ס'ווערט אים צעפּלאַצט די קאָפּ, אַז ס'וואַרפט זיך אים הינטער דער וואַטאָווקע די האַרץ ווי אַ גילגול.

— זע נאַר, ס'איז דאָך דער טויבער! אַלטער צאַלעלם! ניסן האָט דערפילט אַז ער פאַלט אַנידער. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער טיר. אַ מיעסטש זאָל ארויפשלעפּן אויף זיך דעם פוטער מיט די שוואַרצע האָר אויף אַרויף, זע נאַר וואָס ער שלעפּט דאָס אַלץ אויף זיך... אַ באַשליק און נאָך אַ קאָלדרע אויפן האַלז, זאָל ער גיין...

ניסן איז אונטערגעשטאַנען הינטערן טויער און געוואַרט, אַז אַלטער דער טויבער זאָל אַריבערגיין. ער האָט געשפּירט, אַז ס'ווערט אים לייכטער,

ווי מען וואָלט אָפּגעלאָזן אַ שטאַרק איינגעשטייפּטן פּאַס פון איבערן גאַנצן גוף. „איך וועל הינטער די שייערס צוגיין צום וועג וואָס פירט צום וואַלד. זאָל ער מיך נאָך אַמאָל ניט דערזען... זאָל דאָס אויסגיין צו אַלע בייזע ווינטן, וואָס פאַראַ שרעק איך האָב דאָס געהאַט".

:: :: ::

ניסן האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם הילצערנעם פּאַרוקער און געעפנט דעם קלענערן טויערל און איז אַריין אין הויף. פון פיר הויז און פון די שטאַלן האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ וואָיען, אַ בילן פון הינט, וואָס האָבן זיך מיט די פיס און מאָרדעס געדראַפּעט אָן די טירן און זיך געריסן אויף אַרויס.

אינגאַנץ דער פּאַראָבאָק האָט אַרויסגערוקט די קאָפּ פון אַ הינטערשטער טיר און מיט אַ גראָבער פאַרשלאָפענער שטים געפרעגט:

— ווער גייט דאָס דאָרטן?

די הינט האָבן זיך נאָך האַסטיקער אַ וואָרף געטאָן און זיך צוהאַווקעט אויף די העכסטע טענער, זיי האָבן אויך געוואָלט וויסן ווער קומט דאָס אין אַזאַ קאַלטן ווינטערדיקן פרימאָרגן שטערן זייער רו.

— איך, ניסל דינקאַ! האָט זיי ניסן געזוכט צום איבערשרייען.

— אַזוי פרי? דער פּריץ איז דיר געקומען צו חלום? ער האָט דיר טאַקע געוואָלט שיקן רופן... וואַרט צו אַט וועל איך אַרויספירן די הינט און מאַכן ליכטיק.

איגנאַץ האָט אַרויסגעפירט צוויי גרויסע ווייס-שוואַרצע הינט, וואָס האָבן זיך געוואָרפן איינער אויף דעם צווייטן און ביידע זיך געריסן צו ניסנ'ען. ער האָט זיי צוגעבונדן צום פלוק וואָס איז געשטאַנען אַריינגע-גראָבן אין דער ערד לעבן נייעם שפּייכלער.

— איר קענט דאָך מיר, וואָס בילט איר אַזוי און וואַרפט זיך, ווי אַמת'ע כלבים? — האָט ניסן צו זיי גערעדט זיך אָפּרוקנדיק וואָס ווייטער...

— קום אַריין ניסן! מיר האָבן פאַר דיר סחורה, די אַמת'ע סחורה.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן צום טאָגן, דער שניי איז געוואָרן גרויער, די לופט דורכזיכטיקער, ניסן איז אַריין אין פיר הויז און פון דאָרטן אין קיך,

דאָס בילן פון די הינט האָט אויפגעהערט. „זיי האָבן מיר דערקענט די כלבים, מ׳דאַרף וויסן ווי מיט זיי צום רעדן"...

אין נאָז האָט געשלאָגן אַ ריח פון פאַרפוילטן קרויט. דער קלײנער גאזע לעמפּל האָט קוים באַלויכטן שטאַנדיק די גרין געקאַלכטע קיך. ניסנ׳ס אויגן זענען ארומגעלאָפן איבער די ווענט און געזוכט... זאָל כאָטש ניט זיין אומ-זיסט דער וועג, ניט האָבן אָפּגעקומען אומזיסט אַזאַ שרעק, זאָל אַלטער דער טויבער ניט דערשמעקן אַמאָל אין דאָרף און קומען צולויפן... אין ווינקל איז געהאנגען, אָנגעבונדן אָן אַ טשוואָק אַ גרויסער בוים מאַרדער איבער דער פעל פון אַ פוקס מיט אַ פודלאטן באַזילבערטן ווידל, — ער האָט ניט אָפּגענאַרט דער אורח, אַ גוטער שליח געווען... גאָט זאָל מיר העלפן פאַר אַלץ וואָס איך בין אָפּגעקומען היינטיקע נאַכט...

— פאַן אָלשעווסקי קומט שוין, ניסל.

ניסן האָט זיך אָוועקגעשטעלט גלייך, ווי אַ סאָלדאַט, גרייט צום באַגריסן.

:: :: ::

— איגנאַץ, זיי אזוי גוט און פיר מיר ארויס, איך האָב מורא פאַר די הינט.

ניסן האָט אים ארייַנגערוקט אין קעשענע פון בורקע אַ קליין פּעקעלע מאַכאָרקע.

— אַז ס׳וועט עפּעס זיין — זאָג מיר אָן, איך פאַרגעס קיינמאָל ניט קיין טובה...

איגנאַץ האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דער בלאָנדער ווייסער קאָפּ, וואָס איז ענלעך צום צוגאַנגענעם שניי.

— געוויס, געוויס, דו ווייסט אַז מיר ווילן בעסער אַז דו זאָלסט קויפן איידער אַ צווייטער...

איגנאַץ האָט אַ צי געטאָן די טיר פון פיר הויז אויף אינעווייניק, אַלטער צאַלעלס איז געשטאַנען און געשטופּט די טיר אריין...

— אָ, ניסן דינקעס! דו בינסט, ווייזט אויס, דאָ געשלאָפן?

אלטער האָט אָפּגעשפּילעט דעם איבערגעקערטן פּוטער און אַראָפּגע-שלעפּט דעם באַשליק פון קאָפּ.

— האָסט מיר פאַרלאָפּן דעם וועג, פאַרפאַלן, שלאָפסט ביי די גוים...

— ניין רב אלטער — האָט ניסן צו אים געשריען — מ׳טאָר ניט לויפן אין דאָרף פאַרן דאַוונען...

— און דו? איך דאַוון גייענדיק — און דו?

— איך האָב נעכטן געדאַוונט מעריב אין בית מדרש און מכנים אורח געווען אַן אָרעמען אידן.

אלטער דער טויבער האָט אַ הויב געטאָן די גרויסע שוואַרצע ברעמען איבער די אויגן, זיין באַוואָקסענער פּנים האָט זיך ווי אַ צוצי געטאָן, ער האָט אַ שאַר געטאָן די האַנט איבער דער גרויסער צוקודלטער שוואַרצער באָרד:

— דו האָסט גענומען דעם אורח צו דיר אויף וועטשערע? איך האָב ניט געהאַט אַוואו אים צום נעמען... מיין שיינע יענטע האָט מיר איבער-געלאָזן אליין... פאַרפאַלן, ס׳האָט דיר געקומט...

שלמקה׳לע שיינדלס...

באַלד ווי ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה, עטלעכע טעג נאָך תשעה באב, האָט מען שלמה׳קעס טאַטן צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט. שלמקה׳לע איז נאָך קיין גאַנצע פינף יאָר נישט אַלט געווען. די מאַמע וואָס האָט זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט מיטן חתונה האָבן, איז געווען עלטער מיט אַ פּאָר יאָר פון טאַטן. איר שוואַרצע צעקודלטע קאָפּ האָר ווי סטרעמפּלעס, די גרויסע שוואַרצע ברעמען, וואָס זענען צוגעגאַנגען נאָענט צום ברייטן נאָז, די גרויסע מויל וואָס איז געלעגן כמעט אויף דער מאָרדקע האָבן איר צוגע־געבן נאָך אַן עלטערן אויסזען. נאָר די שוואַרצע, גלאַנציקע טיפע אויגן האָבן באַשיינט און באַלויכטן איר מיאוסן פאַרעלטערטן פּנים. צו איר שוועסטער — ביי וועמען זי האָט די אַלע יאָרן נאָך דער חתונה געוואוינט — פּלעגט זי שטענדיק זאָגן: — מיין חיים האָט מיר גענומען ווייל ער האָט מיר געקוקט אין די אויגן, ווען ער קוקט אויף מיין פּנים, וואָלט איך נאָך געווען אַ מויד, — און זיך צופרידן פאַרנאַנדערלאַכן.

חיים איז געווען אַ הויך געוויקסיקער מיט אַ קיילעכדיקן פּנים. קיין שום שטריך פון פּנים האָט חיים נישט געהאַט וואָס זאָל קענען באַצייכנט ווערן ווי אַ שיינער, אָבער אַלץ צוזאַמען — די טונקעלע געדיכטע האָר אויפן קאָפּ, דער הויכער שטערן מיט צוויי טיפע ווינקלען, די גרויסע מאַטע אויגן, דער טיפער שניט אונטער דער גראָבער אונטערשטער ליפּ, דער אידישער נאָז, די צוויי קליינע אויערלעך וואָס האָבן זיך קוים ארויסגעזען, — אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט אַן אנגענעמען ליבן איינדרוק. אַ שטאָלץ האָט גע־ווייעט פון דעם יונגן, פרישן פּנים, וואָס האָט באַקרוינט דעם רייפן, צעוואָקסענעם, גבורהשן גוף.

שיינדל האָט ביז דער חתונה גאָרנישט געקוקט אויף חיים׳ען, זי האָט דאָס מיט אַ כיוון נישט געטאָן... נישט געוואָלט דאָס טאָן, זי האָט זיך גוט

געקענט. גענוג מאָל האָט דאָס איר די מאַמע געגעבן אָנצוהערן, און אפילו דער טאַטע פלעגט שטענדיק זאָגן: „מ׳דאַרף זיין שיין? שכל דאַרף מען האָבן? מזל דאַרף מען האָבן!" צו וואָס וועט זי זיך אליין אָנטאָן צער? טאָמער איז ער אַ שיינער, קען ער דאָך זוכן אַ שיינע כלה... בעסער נישט קוקן. אָבער טיף אין הארצן האָט שיינדל געוואוסט אַז חיים איז אַ שיינער יונג, איר בעסטע חברטע פלעגט מיט קנאה, אויף טריט און שריט צו איר שמייכלענדיק אַ בורטשע טאָן: „האָסט מזל! אַזאַ שיינער יונג חיים, אויב ער וועט דיר נאָר נעמען..." שיינדל האָט אויסער שכל און מזל אויך געהאַט שוואַרצע, טיפע אויגן וואָס באַשיינען אַ פּנים און באַצויבערן...

:: :: ::

אַזוי ווי מען האָט נאָר געגעבן אַ נעם צו חיים׳ען פאַר אַ סאָלדאַט אין דער מלחמה איז שיינדל געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערע ווי זי איז געווען. זי האָט אויפגעהערט צו רעדן, מען האָט אויף איר פּנים מער קיין שמייכל נישט געזען, אפילו צו שלמה׳קעלען — וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט און פון די הענט נישט וועלן אַראָפּלאָזן, אים קושן און גלעטן, — איז זי געוואָרן קאַלט. דער גלאַנץ פון אירע שוואַרצע קאַרשן אויגן איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן, אַן אומעט פון טיפן צער האָט זיך פון זיי געריסן, זי פלעגט זיך פאַרקוקן אויפן קינד און ווי דורכשטעכן דאָס קינד מיט איר בליק. דאָס קינד האָט דאָס דערפילט און מיט שרעק אויסגעשריגן: מאַמע! וואָס? און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. שיינדל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ חלום... אַ נעם געטאָן דאָס קינד אין די הענט, און אַ שווייגנדע זיך פאַרטראַכט: ער האָט געהערט וואָס איך האָב געקלערט? פון חיימ׳ען... פון טאַטן... איך שרעק איבער דאָס קינד... און האַלטנדיק דאָס קינד אויף די הענט שטאַרק צוגעטוליעט צו זיך הערט זי ווי דאָס זאָגט: מאַמע! דער טאַטע?

שיינדל׳ען איז פול געוואָרן אין האַלז, אַ שטאַרקן שטיק געטאָן, דער דריק האָט זיך דערטראָגן ביז די אויגן: טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן איבערן קינדס וואַרעמער פלייצקעלע, איבערן גאַנצן ברוסט האָט זיך אַ ווייטאָק ווי דער שטאָך פון אַ סך נאָדלען צעטראָגן.

:: :: ::

די דייטשן זענען אריין אין שטעטל. צו אַ פרוי, וועמענס מאַן ס׳איז אריינגעפאַלן אין פלען, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דייטשלאַנד. שיינדלס

שוועסטער, די שכנות האָבן דאָס איר באַלד געקומען דערציילן, איר דערפרייען מיט עפּעס... שיינדל האָט דאָס אויסגעהערט, שטום אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געקלערט: איך האָב נישט אויף וואָס צום וואַרטן.

באַלד פון ערשטן טאָג אָן ווי חיים איז אַוועק, האָט שיינדל דערפילט, טיף אין זיך, אַז זי האָט אים פאַרלאָרן. ס'האָט זיך אין איר מער קיינמאָל נישט אויפגעוועקט קיין האָפענונג, זי האָט מער קיינמאָל אויף אים נישט געוואַרט.

חיים איז איר פון געדאַנק קיינמאָל נישט ארויס. ער איז אָבער אַלע מאָל אין איר טראַכטן אומגעקומען. שווערע קאָשמארן האָבן איר געמאַטערט, נאָכטראַכטנדיק חיימ'ס לעצטע שעה'ן, חיימ'ס לעצטע געדאַנקען.

די שוואַרצע האָר ביי די שלייפן זענען גראָ געוואָרן, דער פּנים האָט זיך אויסגעצויגן און פאַרעלטערט, די זאָרג אויף צום דערנערן זיך און דאָס קינד האָבן אינגאַנצן איינגעשרומפּן איר גוף, איר קלענער געמאַכט.

דאָס קינד האָט זיך געשראָקן פאַר דער מאַמען, כאָטש זי האָט אים קיינמאָל נישט געשלאָגן. ס'האָט אים געשראָקן איר אומעטיקער פאַרצערטער פּנים, איר אָפטער זיפצן און אָנקוקן מיט שטעכיקע אויגן.

שלמה'קעלע האָט דעם טאַטן נישט געדענקט, ער האָט נאָר געוואוסט, אַז דעם טאַטן פלעגט ער זען דורכן פענצטער. די מאַמע פלעגט אים האַלטן אויפן האַנט און רעדן: געקומען דער טאַטע... זעסט באַלד וועט ער אויסשפּאַנען דעם פערד, אים געבן עסן און אריינקומען אין שטוב.

שלמה'קעלע האָט מער געדענקט דעם געלן קאַשטאַן, דעם הונט טשערבוש, וואָס איז שטענדיק נאָכגעגאַנגען נאָכן פערד, נאָכן וואָגן, נאָכן טאַטן. אָן זיי האָט ער זיך נישט געקענט דערמאָנען, נישט געקענט פאָרשטעלן זיך זיין טאַטן.

⁘ ⁘ ⁘

ס'איז נאָך געווען גאָר פרי. שלמה'קעלע האָט אַן עפן געטאָן די אויגן און זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט... ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעטל און צוגעלאָפן צום פענצטער. דורך דער אָפּגעוואַשענער שויב פון צעגאַנגענעם פראָסט האָט אריינגעשיינט אַ העלער ערב פרילינג-

דיקער פרימאָרגן. ער האָט ארויסגעקוקט צום הויף, צום שטאָל מיט דער פאַרמאַכטער טיר, ער האָט זיך אויף א ווייל פאַרטראַכט און איבערן קלאָרן הימל וואָס ער האָט געזען פון טאַטן, איבער די גרויע אויגעלעך, איבער די פעך שווארצע הערעלעך האָט זיך א גליטש געטאָן א שאָטן, עפּעס איז אים פּלוצלונג קלאָר געוואָרן, אַז אין דרויסן פעלן אַלע זאַכן... דער פערד, דער הונט — נישטאָ; און צום סוף, ווי צום דערגענצן דעם בילד וואָס ער האָט פאַר א סך טעג אריינגעזאַפּט אין זיינע קינדערישע אויגעלעך, אין זיין קינדערשן מוחל — מיין טאַטע איז נישטאָ! אוועקגעגאַנגען...

צום ערשטן מאָל האָט זיין קינדעריש הערצעלע דערפילט א בענקען... א ציען צו עפּעס, וואָס האָט פּלוצלינג פּוסט געמאַכט דעם גאַנצן אַרום. ער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַמעס בעטל, — פּוסט, נישטאָ. ס'איז אים געוואָרן נאָך ענגער... ס'האָט זיך פאַר אים א פּראַל אויף געטאָן די טיר צום סוד פון אומעט... ער האָט באַנומען אין איין אויגנבליק דער מאַמעס צער, איר זאָרג, איר פּנים... ס'האָט אים עפּעס א צי געטאָן צום דרויסן, אַנטלויפן... צו דער פריי, צום פרילינג. ער איז צוגעלאָפן צום טיר, מיטן גאַנצן קינדערשן כּוח אָן עפן געטאָן און ארויס אין גאַס.

:: :: ::

גאַנצע טעג פלעגט שלמה'קעלע זיך ארומשלעפּן איבער די געסלעך פון שטעטל, איבערן וועג וואָס פירט צום שאָסיי, לעבן די ווינטמילן, לעבן וואַסער מיל, אַוואו נאָר ס'איז געווען א הונט האָט שלמה'קעלע אים געקענט ביים נאָמען, און אַלע הינט האָבן געקענט שלמה'קעלען. אימיצער פלעגט פאַרבייגיין און זען ווי שלמה'קעלע גלעט אָדער שלעפּט פאַרן יוידל א גרויסן בייזן הונט, פלעגט זיך דערשרעקן און אָנהויבן שרייען:

— טשעפּע אים נישט! ער וועט דאָך דיר צעבייסן — אַז ווייִ איז צו דיין מאַמען.

שלמה'קע פלעגט גאַנץ רואיק ענטפערן:

— מיר בייסן זיי נישט. מיין טאַטע האָט אויך געהאַט א הונט.

מאָנטיק, דער מאַרק טאָג, איז געווען שלמה'קעלעס יום טוב. פון גאָר פאַרטאָג פלעגט ער זיך שוין אַרומדרייען אַרום די ערשטע פורן וואָס פלעגן אָנפאָרן, גלעטן די הינט וואָס די פּויערים האָבן מיטגעבראַכט צום היטן

זייערע וועגענער, זיי ברענגען אַ ביין פון אַ יאַטקע אָדער פון מיסט-קאַסטן, זיך צורוקן צום קאָפּ פון אַ פערד און אים גלעטן, אויפהויבן די היי פון דער ערד אָדער פון וואָגן און דאָס צוטראָגן דעם פערד צום מאָרדע.

— גיי אַוועק! שרייט אויס אַ פויער צום אינגל, — גיי אַוועק! ער וועט דיר געבן אַ בריק מיטן פוס און דיר דערהרגענען!

שלמה'קע קוקט אים אָן — דעם פויער — און ענטפערט רואיק: מיר בריקן זיי נישט, מיין טאַטע האָט אויך געהאַט אַ פערד!

אין אַ מאַרק טאָג איז שלמה'קעלע געבליבן אין גאַס ביז די לעצטע פור איז אַוועקגעפאָרן, און צוגעטוליעט צו דער וואַנט פון טורמע וואָס איז געשטאַנען אין מיטן גאַס, אָדער צום ערשטן קריינג פון ברונעם, באַגלייט פון אַ פּאָר גאַסן-הינט, וואָס האָבן אויך געזוכט אַן אָפּרו, אנידערפאַלן אַ מידער און אָפּשלאָפן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

די ערשטע טעג איז די מאַמע אים געלאָפן זוכן, זיך געבעטן ביי אים: שלמה'קעלע קריך נישט ארום איבער די גאַסן מיט די הינט, מיט די פערד... אליין אַ מידע, אַן אויסגעמוטשעטע פון ארומגיין איבער די דערפער, און זעענדיק אַז ס'העלפן נישט די רייד, האָט זי אים אָפּגעלאָזן, זאָל ער טאָן וואָס ער וויל!

:: :: ::

אַ זומערדיקער הייסער פרייטיק. ביים ברעג טייך ליגן אָנגעלייגט גרויסע לאַנגע קלעצער, וואָס מען האָט אין פליטן געבראַכט דורכן וואַסער פון יאַגוסטאָווער וועלדער, דער טאַרטאַק גייט שוין אָנהויבן שניידן. ס'איז שוין נאָך דער מלחמה, די שטעטל האָט שוין איבערגעלעבט די דייטשן און דערלעבט אַ באַפרייטע פוילישע מלוכה.

שלמה'קעלע איז שוין אַן אינגל פון אַ יאָר ניין. ווי אַ פייל פון בויגן לויפט ער באַרג אַראָפּ נאָך אַ גרויסן הונט, וואָס אַנטלויפט פאַר אים ווי פאַר פייער. דער הונט האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אריין אין טויער פון זיין בעל הבית הויז און מען זעט אים שוין נישט.

שלמה'קעלע איז געבליבן אַ ווילע שטיין אַ פאַרשעמטער. דערזען די קלעצער ביים טייך האָט דאָס אים אַ צי געטאָן, ער איז לייכט ארויפגעקראָכן

אויפן ערשטן, אַריבער צום צווייטן, צום דריטן... אויפן צווייטן זייט טייך האָבן זיך געפּאַשעט פערד אויף דער לאָנקע, שלמה'קע האָט זיך פאַרטראַכט, אַ ווײַלע פאַרקוקט, ס'האָט אים אַ ציי געטאָן, ער האָט דערזען אַ געלן קאַשטאַן... אַ הונט, אַ הויכן געוויקסיקן מאַן, זיין טאַטן... ער האָט פאַרגעסן אַז ער שטייט שוין אויפן לעצטן קלאָץ אין מיטן טייך, ער האָט אויפגעהויבן די פוס צום געבן אַ שפּריִיז, די צווייטע האָט זיך געגעבן אַ גליטש אויף אַראָפּ, צום וואַסער, אַ כוואַליע האָט אַ שלאָג געטאָן צו די קלעצער. שלמה'קעלע האָט נאָך אַלץ געזען דורכן פענצטער דעם געלן קאַשטאַן, דעם הונט, דעם שאָטן פון זיין טאַטן. אַ צווייטע כוואַליע האָט אַ פּאַטש געטאָן די קלעצער, דער פליוך האָט וואַסערדיק אָפּגעקלונגען און אין וואַסער פאַרשלונגען שלמה'קעלעס חלום...

:: :: ::

פרייטיק צונאַכט. ווי אַ שוואַרצע פאַרצויגענע דעק ליגט דער טייך. ס'הערט זיך דער פליוכען פון וואַסער אונטער די קלעצער, פון צייט צו צייט גיט אַ פּאַטש דאָס וואַסער און הילכט אָפּ ווי אַ שד וואָלט געטאַנצט. פון יענעם זייט טייך הערט זיך דער שווערער קלינגען פון פּענטעס אויף פערדישע פיס, פון ווייטן דערפל זעען זיך פייערלעך פון קליינע נאַפט לעמפּלעך, אַ הונט בילט, וואָיעט ווי ער וואָלט דערשמעקט דעם מלאך המות נאָענט. באַרג אַראָפּ צום טייך גייען מענטשן. ציען זיך ווי טונקעלע שאָטנס, איינער נאָכן צווייטן, איינער נאָכן אַנדערן, אַלע קומען צו און שטעלן זיך שווייגנדיק אָנקוקן ווי מיט לאָמטערנעס אין די הענט, שפּאַנען די גויים זייערע פערד מיט גראָבע קייטן צו די קלעצער. ס'רייסט איבער די שטילקייט אַ געשריי צו די פערד: נאָ, האָ! ס'רייסט זיך איבער אַ קייט, ס'ווערט אַ געמורמל, באַלד בינדט מען אַ צווייטע און די פערד שלעפּן ווייטער.

שפּעט אין דער נאַכט. ס'לעשן זיך אויס די פייערלעך פון די נאַפט לאָמפּן אין שטעטל אויפן באַרג, אַ שטומע פינצטערניש, אַ בית עולם שטילקייט באַהערשט דעם גאַנצן שטעטלשן באַרג.

ס'הילכן אָפּ קלערער די געשרייען פון די אָנטרייבער: נאָ, האָ!

ס'שניידט זיך שוין אויף פאַרטאָג. די זון טראָגט עמערס רויטן גאָלד און פאַרגיסט טראָפּנס איבערן נאַכטיקן הימל: מען וויקלט שוין די קייטן

ארום לעצטן קלאָץ וואָס ליגט אין וואַסער, די פערד האָבן מיט זייער גבורה אַ צי געטאָן דעם קלאָץ אויף דער ווייכער שוואַרצער ערד. פון אונטערן וואַסער האָט זיך אויפגעהויבן דער קליינער איינגעשרומפּענער גופעלע פון שלמה׳קעלע שיינדלס.

:: :: ::

און אַז פּייוול מייטשוקס וואָגן, וואָס האָט געפירט דעם קליינעם גופע־לע צו זיין אייביקער רו, האָט זיך פאַרקירעוועט און אריין אין מתים געסל, האָט זיך שיינדל, פּלוצלונג געגעבן אַ ריס אַפּ פון הינטערן וואָגן, זיך ארויס־געריסן פון צווישן די ווייבער וואָס זענען נאָכגעגאַנגען ווייַנענדיקע און דורך דעם זאַמדיקן הינטערשטן וועג אַנטלאָפן.

שיינדל האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטער וואָס האָט ארויסגעקוקט צום פוסטן פאָדוואָר און געשוויגן.

טאָג נאָך טאָג, פון פרימאָרגן ביז נאַכט, איז שיינדל געזעסן און ארויס־געקוקט צום הויף, און אַז איר מיד גרויער קאָפּ, די פאַרגלעזערטע אויגן, דער צעקנייטשטער לאַנגער פּנים האָבן אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן און איינ־דרימלען, איז שיינדל אין חלום, געשטאַנען ביים פענצטער, געהאַלטן איר שלמה׳קעלען אויפן האַנט און מיט ליבשאַפט גערעדט צו איר קינד: — ס׳איז שוין געקומען דער טאַטע... באַלד וועט ער אריינקומען אין שטוב...

אַ לעבן אויף הפקר...

— ס'איז שוין שפּעט!

מיט דעם געדאַנק האָט יאַנקל פּולס געעפנט די אויגן, געזען ס'איז אינגאַנצן פינצטער אין שטוב, איז ער געוואָרן רואיקער.

פון דער אַנטקעגנדיקער בעט האָט זיך געטראָגן דער ווייב'ס כראָפּען. פון שלאָף־באַנק, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיר, האָט זיך געהערט אַ לייכטער אָטעמען, ווי פון אַ קינד, דאָרטן איז געשלאָפן די אינגסטע מיידל.

יאַנקל האָט זיך צוגעבויגן צום פענצטער און גאָרניט געקענט זען, די שייבלעך זענען געווען גראָב פאַרפרוירן. פון אינעווייניק איז אויף זיי אָנגעוואָקסן אַ דיקער ווייסער סאַמעט, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם פינצטערן דרויסן.

מיטן מויל צוגערוקט צום קאַלטן פּראָסטיקן שויב, האָט יאַנקל דערפילט אַז אין שטוב איז וואַרעם, ער האָט צוגעשלעפּט דאָס בענקל אויף וועלכן ס'זענען געלעגן זיינע זאַכן און זיך אָנגעהויבן אָנטאָן.

— דאַכט זיך מיר, אַז עס שנייט אין דרויסן!

ער איז צוגעגאַנגען צום טירל וואָס איז געווען אַרומגעקלאַפּט מיט זעק אַרום דעם גאַנצן זוים, און מיט אַ האַסטיקן שלעפּ — אַ עפן געטאָן. ס'האָט אַ שלאָג געטאָן מיט אַ שניידיקער קעלט, עטלעכע דינע שנייעלעך זענען געפאַלן אויפן וואַרעמען פּנים און אים פייכט געמאַכט.

אַ ווייסע פינצטערע נאַכט איז געלעגן איבערן שטעטל, דער גאַנצער באַרג אַראָפּ אַנטקעגן זיין שטוב, די גרויסע שטיינער, די גרוב וואָס בערל דער שוסטער האָט אויסגעגראָבן, — געקלערט מאַכן אַ קעלער אין דעם הויז וואָס

ער וועט בויען, — ביילקע פעטעס פונדאמענט וואס שטייט שוין פון פאר דער מלחמה, נאך איידער מישה, איר מאן, איז אוועק אין דער מלחמה און זיך מער ניט אומגעקערט, איבערגעלאזט איר מיט פינף פיצעלאך קינדער, ווי קען זי קלערן וועגן בויען? וואלט געוועזן וועמען צום פארקויפן? ס'איז אבער ניטא קיין איד וואס זאל האבן מיט וואס און וועלן עפעס קויפן! א גוי — אן אמעריקאניעץ — איז יע דא א בעלן, אבער ווער וועט זיך אליין איינהאנדלען אזא שכן? וואס טוסטו אים, טאמער גיט ער אויך א מאך א בעקעריי און הענגט ארויס א שילדל „סוואי דא סוועגא"!

אלץ, אלץ, דער גאנצער בארג אראפ ביז צו הענאך דעם מלמד'ס חדר האט זיך אויסגעגלייכט אונטער דער שנייאיקער דעק.

פון גרויסן שויבן פענצטער פון דער בעקעריי שלאגט א געל ראזלעכע שוואכע ליכט. מען באקט שוין ראזעווע ברויט. יאנקלען פארגייט אפילו דער ריח פון פרישן הייסן שווארץ ברויט. דאס איז די איינציקע ליכט וואס זעט זיך אינגאנצן שטעטל.

עס שנייט נאך אלץ! — קלערט יאנקל, מיט אביסל רגזה צו זיך אליין. כ'וועל אנטאן דעם באשליק און כ'וועל גיין! ס'וועט אויפהערן שנייען, אויפן פרימארגן בייט זיך שטענדיק דער וועטער, א ווייטער מהלך ביז צו וורעצעניע! — כ'וועל גיין! ס'ווערט שפעט.

אויף דעם געעפנטן שלאפבאנק — אנגעפילט מיט פרישן שטרוי — זענען געשלאפןביידע זין מיט די רוקס איינער צום צווייטן, שווערלאך גע-סאפעט איז דער דושנער ווארעמער לופט. יאנקל האט זיך איינגעבויגן זוכן דעם באשליק און דערהערט זייער אטעמען, — גאט צו דאנקען! וואוילע קינדער! — געקומען געזונט שוין גאר שפעט פון דארף, העלפן גאט צו דאנקען, אז ניט, וואס וואלט איך געקענט אויפטאן?

יאנקל איז צוגעגאנגען צו דער הילצערנער פעסל, אנגענומען מיטן קווארט אביסל וואסער, א גאס געטאן, די הענט האבן זיך אים א טרייסל געטאן פון קאלטן וואסער, ער האט אפגעוואשן די הענט, און זיך געשטעלט דאווענען.

:—: :—: :—:

פון שניי האבן ארויסגעקוקט די הילצערנע שטאכעטלאך וואס האבן ארומגעצאמט דעם גרויסן שול בארג. אינמיטן בארג איז געשטאנען די ווייסע

געמויערטע שול, נאָר די פענצטער האָבן ארויסגעשטאַרצט שאָטנדיקע פון דער גאַנצער ווייסקייט, האָבן אָפּגעשפּיגלט די אומעטיקע אינעווייניקסטע פּוסטקייט פון די וואָכיקע טעג, ווי זיי וואָלטן וואַרטן אויף קבלת שבת, ווען די שול פענצטער האָבן צעלויכטענע פאַרשיינט דעם גאַנצן אַרום, און זיך געזען איבערן גאַנצן שטעטל.

דער ווייסער פאַרשנייטער דאַך איבערן שול, האָט פאַרדעקט די גרוי-קייט פון די דאַכולקעס, און איר געמאַכט אויסקוקן העכער, העכער... ווי זי וואָלט זיך צוגערוקט נאָר נאָענט צו די ווייסע שנייאיקע כמאַרעס, וואָס זענען געלעגן אזוי נידעריק...

יאַנקל איז אַרויס פון שטוב, ס׳האָט אויפגעהערט שנייען. די האַרטע שטיוול האָבן געטראָטן און זיך אַראָפּגעזעצט אין פוכקן שניי, באַגלייט פון אַ סקריפּען, ווי דער רויש פון פאַלנדן זאַמד אויף אַ בלעכערנעם דאַך.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם אַלטן הילצערנעם בית מדרש פענצטער. לעבן טיר פון בית מדרש איז געשטאַנען יאַנקל דער משוגענער, געוואָרט אויפן שמש וואָס האָט זיך היינט פאַרשפּעטיקט און נאָך ניט געקומען איינ-הייצן אין אויוון, ס׳זאָל זיין וואַרעם צום ערשטן מנין.

דערזען די טיר פון לינת הצדק, האָט זיך יאַנקל דערמאָנט פון הענאָך דעם גלאָז קרעמער, וואָס איז ניט פאַר קיין אידן געוואָרן אזוי קראַנק, איין גאָט זאָל אים נאָר העלפן, זיך דערמאָנט אָן זיך, אָן דער ווייב און קינדער, מ׳דאַרף זיך פאַרן רבונו של עולם ניט קלאָגן, מען עסט אָפּ צו זאַט, מ׳וואוינט אין וואַרעמקייט. מ׳דאַרף נאָר בעטן, מ׳זאָל זיין געזונט! און קלערנדיק אַזוי, האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס מיטן פּנים צום בית-מדרש — צו דער שול, אַ לעצטן קוק געגעבן אויף ביידע — „גאָט זאָל געבן ס׳זאָל היינט זיין אַ גוטער טאָג"! און איז אַרויס פון בית מדרש געסל צום מאַרק, צו דער גאַס וואָס פירט אַרויס פון שטעטל צום דאָרף וורעצעניע.

:—: :—: :—:

דעם וועג וואָס האָט געפירט ביז צום שאָסיי, האָט מען געקענט דער-קענען, ווייל פון ביידע זייטן זענען די פעלדער געווען העכער. איז זיך יאַנקל געגאַנגען אין דער ראָוע, און געוואוסט אַז אונטן ליגט די זאַמדיק וועג.

וואָס מער יאַנקל האָט זיך אָפּגערוקט פון שטעטל, אַלץ קלענער איז זי געוואָרן, ס'האָבן זיך אָנגעצונדן נאָך פייערלעך אין הייזער, אין נאָך אַ בעקעריי.

אָט איז ער שוין לעבן וואַלד. אַ קליין סאָסנאָווער וועלדל, — ניט מער ווי אַ פּאָר ווי אָרסט. ער האָט אָבער פיינט די שטיקל וועג — עפּעס אַן אומעטיקע!.. ס'בלאָזט מיט שרעק פון וואַלד, ס'אַרן אים ניט די ווייסע שנייאיקע מלבושים, ווי תכריכים, וואָס די סאָסנעס האָבן אָנגעטאָן. ס'שרעקן אים אַנדערע זאַכן, וואָס קריכן אים אויף געוואַלד אין קאָפּ אריין: בערל פּיצקעס...

בערל, — וויפל מאָל האָט ער מיר ארויפגענומען אויפן פור און צוגעפירט? וועמען ער האָט נאָר געטראָפן, אַ איד, אַ גוי, פאַרוואָס האָט דאָס אים געקומט? ארויסגעפאָרן אין אַ מיטן זונטיג, וואָס איז אים עפּעס איינגעפאַלן צום פאָרן זונטיג? אַז אַלע פורמאַנעס פאָרן מאָנטיג — מ'דאַרף פאָרן צוזאַמען... אָט זעט ער, ווי בערל'ס פערד און וואָגן פאָרן אַריין זונטיג פאַרנאַכט, אליין, אָן אַ פורמאַן, איבערן מאַרק. די זעלבע וועג ווי שטענדיק, פירן צו צום הויז, צום שטאַל, קיינער האָט זיך גאָרניט געכאַפּט, געמיינט אַז בערל גייט נאָך הינטן... און פּלוצלונג: בערל ליגט גאָר מיט אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן אינמיטן פון וואָגן, צווישן די זעק מיט תבואה.

יאַנקל הויבט אָן שטעלן האַסטיקע טריט, ס'דאַכט זיך אים, ער הערט פון וואַלד אַ קרעכצן, אַ אידישן קול... ער וויל פאַרטרייבן די געדאַנקען, ער דערמאָנט זיך אָן בית מדרש, אָן דער שול, אָט זעט ער שוין דעם סוף פון וואַלד, אַנטקעגן פאָרט אַ פור געשפּאַנט צו אַ פּאָר פערד... ס'דאַרף זיין אַ באַקאַנטער. — „גוט מאָרגן"! — זאָגט יאַנקל. כ'קען אים ניט, אָבער זעט זיך אַ פיינער גוי... איך האָב נאָר פיינט, אַז מ'גייט מיר אַנטקעגן צופוס, אַז מ'זינגט שיכורערהייט, אָבער אַזוי איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן..!

ס'הערט זיך דאָס בילן פון הינט פון נאָענטן דאָרף, ס'ריטשעט אַ חזיר אויף קול קולות אַז ס'הילכט אָפּ ביז צום וואַלד, יאַנקל טרייסלט זיך אויף, ער האָט פיינט דעם ווילדן ריטשען... דאָס הרגענען אַ חזיר קען ער ניט פאַרטראָגן: — כו מילא, כאָטש ניט אומזיסט געגאַנגען, זעט זיך אַ גרויסער חזיר, אפשר האָט ער אַביסעלע קרוין... מ'זוכט דאָס היינט מיט ליכט! יאַנקל קומט צו צום דאָרף — דערזעט שוין אויסגעטראָטענע טריט אין

שני, און דערשרעקט זיך, אימיצער האָט מיר שוין פאַרלאָפן דעם וועג, געווים יאַנקל הארקעס...

פון דער ערשטער שטוב פון דאָרף רופט מען יאַנקלען. — „געלער"! אזוי פלעגן די גויים אים רופן, ניט לויטן נאָמען, נאָר לויט זיין געלער באָרד, לויט זיין געלן פנים און געלע האָר אויפן קאָפּ. יאַנקלען פלעגט פאַרדריסן וואָס זיי רופן אים געלער, אָבער ער איז שוין געווען צוגעוואוינט צו דעם.

ער האָט ארויפגעשטעלט די פיס אויפן שטיין וואָס איז געלעגן ביים טיר און איז אריין אין פירהויז. עטלעכע הזירימלעך זענען געלעגן אין די ווינקלען און געשנאָרכעט. אַ ריח פון פאַרפוילטן, פאַרזויערטן מאכל, פון פאַרלעגענעם שוויס, חזיר־שטאַל געמיישט מיטן רויך פון געברענטן קין-האָלץ האָט אַ שלאָג געטאָן אין נאָז.

— וואָס האָסטו? האָט יאַנקל געפרעגט.

די גויע האָט אַ שאַר געטאָן מיטן פוס אונטערן באַנק און ארויסגעשלעפּט אַ גאַנצע זשמעניע מיט חזיר האָר אויף אַ פּאַפּיר.

— וויפיל ווילסטו דערפאַר?

— ווער ווייס? די צייטונג שרייבט — זאָגט דער וואויט, אַז מען צאָלט זייער טייער היינט פאַר האָר, מיר זאָלן זיך ניט לאָזן אָפּנאַרן פון די אידן...

יאַנקל האָט דערפילט ווי ס'ווערט אים וואַרעם איבערן גאַנצן קערפּער. דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פנים, ניט פון דעם עיפּוש אין שטוב, און ניט פון דער וואַרעמקייט וואָס האָט געשלאָגן פון איינגעהייצטן אויוון, נאָר פון די רייד...

— וויפיל ווילסטו געבן? זאָג! דו קויפסט דאָך ביי אונז שטענדיק! מיין מאַן זאָגט, אַז יאַנקל דער געלער איז אַ פיינער איד. זאָג דו אליין וויפיל ס'איז ווערט..!

די לעצטע רייד זענען אמת. שוין באַלד צוואַנציק יאָר ווי ער קויפט אין דאָרף, קויפט ביי די פויערן. ער זוכט זיי ניט אָפּצונאַרן; ער זוכט מאַכן פּרנסה. אויף דעם האַנדלט ער דאָך! אויף דעם איז ער דאָך היינט אויפגעשטאַנען, נאָך פאַר פינצטער, אין אַזאַ ביטערן פראָסט געקומען אהער אין דאָרף.

ער האָט זיך איינגעבויגן צו דער ערדענער פּאָדלאָגע, אַ שאַר געטאָן מיטן האַנט איבערן פּאַפּיר, אַ טאַפּ געטאָן די פּאָר פּעקלעך און געטראַכט: כ'טאָר איר ניט אָפּנאַרן!

— פינף זלאָטעס איז גוט באַצאָלט! — מעגסט דאָס מיר גלויבן, איך וויל דיר ניט אָפּנאַרן! און קיין איד וויל נישט אָפּנאַרן, זאָלסט ניט גלויבן וואָס ס'שרייבן די צייטונגען!..

— גוט! גיב די פינף זלאָטעס — האָט די גויע געזאָגט, אויפגענומען דעם פּאַפּיר און געשטופּט דאָס יאַנקלען אין זעקל.

— דו בינסט אַ פיינער איד! ווען דו זאָלסט וויסן וואָס די אידן טוען מיט אונזערע אין אַנדערע דערפער, וואָלסטו דאָס שוין ניט געזאָגט. מיר וויסן אַלץ! — מיין ניט אַז נאָר די צייטונג שרייבט? — נאָך ניט אַלץ שרייבט די צייטונג! קום אין קלויסטער וועסטו הערן וואָס דער גלח דער-ציילט אונז. ער בעט מ'זאָל דאָס ניט איבערדערדן פאַר די אידן... ווען דו זאָלסט הערן וואָס דער לערער פון שולע דערציילט די קינדער?.. אָ, געלער, מאַך זיך ניט אַז דו ווייסט גאָרניט...

יאַנקל האָט שווער אָפּגעאָטעמט פון צער און געטראַכט: — וואָס קען איך שוין זאָגן אַז מ'פאַרסמט זיי די מוחות פון אַלע זייטן. שלעכט קינדער-לעך, שלעכט, האָט יאַנקל צו זיך געטראַכט: — זיי האָבן געקראָגן די פרייהייט און פאַר אונז גרייט זיך אַן אומגליק! ווער ווייס מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן?..

— דו ווייסט אַלץ, אָבער דו ווילסט זיך ניט מודה זיין! אַזוי זענט איר אידעלעך, איר האָט גע'הרג'עט יעזוסן און לייקנט דאָס אויך!..

:—: :—: :—:

פייגע האָט דערהערט ווי מען פאַרמאַכט די טיר, ווי מען ציט צו מיט כוח די טיר צום פאַרפאַרענעם שוועל, כדי די קעלט זאָל ניט אַריינבלאָזן. זי האָט געעפנט די אויגן און אַריבערגעקוקט צום מאַנ'ס בעט. דורך די פענצטער האָט זיך אַריינגעריסן אַ מאַטע-העלקייט, אַ פאַרטאָגיקע ליכטי-קייט געמישט מיט דער ווייסקייט פון שניי האָבן שוין העל געמאַכט דעם דרויסן, די זויערקייט פון אַ פאַרמישטער ראָשטשענע וואָס האָט זיך גע-

טראָגן איבערן שטוב, האָבן גלייך דערמאָנט פייגען אָן דער אַרבעט וואָס וואַרט אויף איר. זי האָט אַראָפּגעשטעלט די קורצע געשוואָלענע פּיסלעך אויף דער הילצערנער פּאָל און גערעדט שטיל צו זיך: — שוין אַוועק — נעבעך, אַזוי פרי! אין אַזאַ ברענענדיקן פראָסט! זאָלסט האָבן אַ גוטן טאָג! זאָלסט קומען פרי צוריק... פייגע האָט זיך פּאַמעלעך צוגעשאַרט צום שלאָף באַנק, זיך צוגעבויגן צו דער טאָכטער וואָס איז געלעגן שטאַרק איינגעדעקט און געשלאָפן. זי האָט געקלערט: ווי שיין!.. וואָס ס'אַרא ליכטיקער פּנימ'ל! זאָלסט האָבן אַ גוטן מזל, קינד מיינס!... אַריבערגעקוקט דורכן טיר צוביידע זין וואָס זענען געלעגן און געשלאָפן צוזאַמען אַזן אריין אין קיך. אויף דער ערד זענען געלעגן צוויי זעקלעך ביז אין דער העלפט מיט סחורה, אַ טאָרבקע — אין וועלכער מען פלעגט לייגן די בינדלעך חזיר האָר, כמעט אַ פולע... נאָך אַ פּאַפּירן פּעקעלע — אַ האַלב צושאָטענער מיט חזיר-האָר, צוויי געבונדענע הינער ביי די פיסלעך. פייגע האָט אָפּגעבונדן די הינער און עפּענענדיק די טיר צום שטעלכל, זיי אריינגעלאָזט. זי האָט אָנגעהויבן אריינוואַרפן פון שטעלכל גראָבע שטיקער צעהאַקטן האָלץ און סאָפּענדיק שווער געקוקט אויף דער דייזישע, אויפן אויוון און געקלערט: — וואָס האָט מיר גאָט געמאַכט אַזוי קליין?.. אַזוי קליין...

כ'וועל גיין ברענגען אַ פּאָר פרישע קוכנ'ס, פאַר די קינדער, זיי וועלן זיך באַלד אויפכאַפּן, האָט פייגע געקלערט, און איז ארויס דורכן טירל פון שטעלכל אין דרויסן.

— זע נאָר וואָס פאַרא שניי ס'האָט אָנגעשאָטן! אין שניי איז ער אַוועק, מיין יאנקל, אין שניי. ער זאָל זיך דאָס פאַר מיר אַמאָל באַקלאָגן, ס'איז ווייט, ס'איז שווער, ס'איז קאַלט, ס'רעגנט. קיינמאָל ניט!... מיט קיין איין וואָרט ניט... נאָר גאָט צו דאַנקען! — פאַר אַזאַ שווער לעבן דאַרף מען אויך דאַנקען גאָט?.. זאָלסט מיר ניט שטראָפן פאַר אַזעלכע רייד — האָט פייגע צו זיך גערעדט...

אידן קרעמערס מיט טליתים אונטער די אָרעמ'ס, זענען שוין געגאַנגען דורכן געסל אין בית מדרש. אויפן מיטן מאַרק האָבן זיך געזען עטלעכע פויערישע פורלעך מיט האָלץ, מיט טאָרף, די פאָדערשטע טירל פון ביילקעס בעקעריי איז געווען אַביסל אָפן, ס'האָט געשלאָגן אַ שטאַרקע הייסע פאַרע אין דרויסן ארויס. פייגע איז אריין אין בעקעריי, עטלעכע אידענעס זענען געשטאַנען צונויפגערוקט און עפּעס גערעדט פאַרזאָרגטע. ביים טיש זענען געזעסן אַ פּאָר קריסטן, געביסן ווייסע חלה און פאַרטרונקען מיט קוואַס. דער-

זען פייגען — איז אירביילקע אנטקעגנגעלאָפן. פייגע האָט דערשפּירט אַז עפּעס איז געשען, די אָפענע טיר אין ווינטער, די גרופּקע ווייבער, די גויים ביים טיש. אַלץ האָט איר אויסגעקוקט אַנדערש ווי שטענדיק.

— ביילקע! וואָס איז געשען?
— דיין יאַנקל איז אין דער היים?

פייגע האָט נאָר דערהערט די ערשטע ווערטער, — האָט איר ווי אַ צי געטאָן צו דער ערד, ס'האָט אָפּגעהילכט ווי דער פאַל פון אַ ברעמניע האָלץ — מער האָט זי גאָרניט געהערט...

:—: :—: :—:

איבערן שנייאיקן וועג ציען זיך צענדליקער אידן, ווער אין בורקעס, גראָבע אָפּגעקראָכענע פעלצלעך האַלב צופוילטע, אין קאַפּאָטעס, צוטריקנטע האַלב צודרייטע שטיוול, אין אַלטע וואַלאָקעס. פּנימער בלאַסע, אומעטיקע, טרויעריקע, פאַרביטערטע...

די פלעקן וואָס ס'לאָזן זייערע טריט אויפן ווייסן שניי, קוקן אויס ווי צעעפנטע וואונדן איבער דער שנייאיקער ווייסקייט...

יאַנקל פּולם ביידע זין גייען צוגערוקט איינעם צום אַנדערן, די קעפּ אַראָפּגעלאָזטע. פון זייערע אויגן גיסן זיך טרערן וואָס בלייבן פאַרגליווערט, פאַרפראָרן אויף די באַקן.

— די פּאָליציי איז שוין אָוועקגעפאָרן? — פרעגט אַ איד, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַרויסגעשטאַרטע אויגן.

— ר' שלום, — ענטפערט אים אַ צווייטער וואָס סאָפּעט זייער שווער:
— און אַז די פּאָליציי וועט קומען, איז וואָס?

— מ'וועט דען כאַפּן די מערדער? ענטפערט מרדכי דער שמש, וואָס שלעפּט זיך אויך אין אַ קאַפּאָטע מיט אַ פּאָר צוריסענע קאַלאָשן צום וואַלד.

— פאַרן ה ר ג ע נ ע ן אַ אידן כאַפּט מען ניט! ענטפערן עטלעכע פּאָר איינמאָל.

אַלע קוקן צו יאַנקל פּולם זין. אין די פאַרטרערטע בליקן ליגט דער צער וואָס זיי פילן אין די הערצער, צו די צוויי קינדער, צו זיך אַליין... צום

פינצטערן היינט, צום גרויען מאָרגן. פון אַנטקעגן קומט אָן אַ איד — ר' אברהם דער פעל־קרעמער. — ס'איז נאָך קיין פּאַליציאַנט פאַר קיין רפואה ניטאָ! זיי ווייסן גאָרניט, הפקר אונזער לעבן!

— די גויים שטייען און קוקן אונז אָן, געווים די מערדער אויך צווישן זיי. אַזאַ עלנטער מענטש געווען, ניט געלאָזן קיין קינד, ניט קיין רינד. — — ס'טוט אונז ווי די האַרץ. קינדערלעך, אַזאַ גרויליקער טויט... צום־זיקט די גאַנצע קאָפּ, דעם גאַנצן שאַרבן. ער האַלט די אויגן אָפן, — ווער ווייס, אפשר לעבט ער נאָך? אפשר פרעגט ער וואָס ס'וועט זיין מיט אונז אַלע?... יאַנקל אָרקעס — אַרויס אינמיטן נאַכט — געלאָפן קויפן אַביסל חזיר האָר.

— ר' אברהם! — האָבן ביידע קינדער וויינענדיק אויפן קול זיך אָפּגע־שטעלט לעבן פעל-קרעמער, — מ'האָט געזאָגט אַז מ'האָט געהרגעט אונזער טאַטן!..

— ניין! קינדערלעך — ניין! ניט אייער טאַטן, אָן אַנדער אידן, יענער הייסט אויך יאַנקל, אָבער אַ אידן האָט מען געהרגעט! אין אויס־ברעכנדיק אין אַ כליפּען צוגעגעבן: מ'דאַרף וויינען, קלאָגן דאַרף מען, מיר זענען הפקר!..

די קינדער האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט און זענען אַוועק צום וואַלד. אַ שטילער פאַרשטיקטער קרעכצן, אַ ביטערער וויינען האָט זיך געהערט פון אַלע, וואָס האָבן מידע און דערשעפטע געטראָטן איבערן וועג צום וואַלד.

פון די קוימענס האָבן זיך געצויגן ברייטע סטענגעס גרויער רויך, שאָטנ'ס אין זכר פון אויסגעברענטן האַלץ, שאָטנס אין זכר פון אַ קאַלטן ווינטערדיקן טאָג, פון אַ טרויעריק פינצטערן, אָרעם לעבן.

פרייטיק צונאכט...

ס׳הילכט אָפּ טעמפּ די קלאַפּעריי פון די גרויסע רעדער פון סאָלדאַטסקע פורן אויפן שטיינערנעם ברוק. איינע נאָך דער צווייטער, קירעווען זיי זיך אַראָפּ ביים אריינפאָר צום גרויכן מאַרק פלאַץ; דער בלאָטיקער אַראָפּפאָר שלינגט איין דעם געקלאַנג פון די אייזערנע רייפן און פאַרשטומט זיי. די ערשטע זענען שוין צוגעקומען ביז דער אַלטער הילצערנער טורמע און שטעלן זיך אָפּ, זיי רינגלען אַרום ביסלעכווייז די טורמע, דעם פייערלעשער שייער, פאַרשטעלן דעם גאַנצן ערדענעם מאַרק ביז צו די גרויסע גלאַטע שטיינער אויף די ראַנדן פון די ברוקירטע גאַסן.

וואו ניט וואו זעען זיך פייערלעך פון לאַמטערנעס, צוגעדעקטע מיט פאַרקאָפּטשעטע גלעזער וואָס מאַכן נאָך אומעטיקער די פינצטערנייש פון דער נאַכט.

ס׳הערט זיך דער שאָקלען פון די פערדישע קעפּ, וואָס אָטעמען שווער אין די אָנגעטאָנענע לייוונטענע זעקלעך אויף זייערע גרויסע מאָרדעס, און כראָמשטשען די פאָרציעס האָבער. פון מאָל צו מאָל גיט אַ סקריפּ אַ ראָד וואָס האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, אָדער דער טרעשטש פון אַ שטיין אויף וועלכן ער איז אַרויף; ס׳גיט אַ סקריפּ אַן אַראָפּגעשטופּטער כאָמוט און פאַלט צוריק אויפן פאַריאָכטן האַלדז.

די לעצטע פור פון אָבאָז האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ברוקירטער גאַס. אַ קלונג פון אַן אייזערנער פּאָדקאָווע אָן הארטן שטיין האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט פייער, ווי ס׳וואָלט באַפעלן — ביז דאַנעט!

דער דענשטשיק איז אַראָפּגעשפּרונגען און אָפּגעשאַרט דעם לייוונט וואָס האָט צוגעדעקט די האַלב קיילעכדיקע רייפן אַרום דער גרויסער בויד.

— צו אייער דינסט, גענעראַל! מיר זענען שוין אָנגעקומען...

דער גענעראַל האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט. דער הונט וואָס איז געלעגן ביי זיינע פיס האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיט אַ פאַרשטיקטן ברומען, ווי ער וואָלט וויסן, אַז מ'טאָר ניט האַווקען גאָר הויך, ס'איז מלחמה צייט.

ס'האָט זיך געהערט אַ שווערער אָטעמען. די עטלעכע און זעכציק יאָר האָבן פאַרשווערט דאָס אַראָפּגיין פון וואָגן. נאָכן גענעראַל איז אַראָפּגע־שפּרונגען דער הונט. די ווייסע פעל מיט ברוינע לאַטעס האָט ווי אַ שוואַרץ גרויער שאָטן זיך געוואָרפן אין דער נאַכט.

דער גענעראַל האָט זיך אַרומגעקוקט. פון דער פינצטער האָבן זיך אויסגעשיילט שאָטנס פון הייזער. וואו ניט וואו האָט אַ ווייס געפאַרבטע ברעטל, געוויזן דעם אָרט פון פענצטער; די גרויע קוימענס האָבן אָנגעוויזן אוואו ס'ליגט דער דאַך. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און גלייך זיי צוריק געעפנט מורמלענדיק: — איבערנעכטיקן די פּאָר שעה אין אַ בעט! און דערביי האָט ער געקלערט: — מ'דאַרף דאָך צופירן וואָס שנעלער דעם פּראָוויאַנט צו די ליניעס.

אין דער לופטן — פון גאָר ווייט — האָט אָפּגעהילכט אַ טעמפּער אויפ־רייס. דער הימל צו צפון האָט זיך אַ צונד געטאָן און גלייך פאַרלאָשן, ס'איז געוואָרן נאָך פינצטערער. דער הונט האָט זיך געשאַרט מיט זיין האַריקער פעל אָן גענעראַלס פוס...

— גיב אַ קלאַפּ אין אַ טיר! אין דער ערשטער... — האָט דער גענעראַל באַפעלעריש געזאָגט.

— צום באַפעל! האָט דער דענישטיק געענטפערט און זיך אַ שאַר גע־טאָן איבערן ברוק צו די שאָטנס. ער האָט זיך אָן עפּעס אָנגעקלאַפּט און אַ ברום געטאָן: — וואָס איז דאָס? אַ בוים... ס'האָבן זיך אַ שאָקל געטאָן די צווייגן; ס'האָט זיך געהערט דער שאָרך פון טרוקענע בלעטער; איינציקע זענען געפאַלן צו דער ערד און זיך אָנגעקלאַפּט אָן די ברוק־שטיינער.

דער סאָלדאַט האָט אַ האַסטיקן שפּיי געטאָן אין דער פינצטערניש אַריין, און אים באַגלייט מיט אַ זידל וואָרט...

— אַ בוים! האָט דער גענעראַל אויפן קול אַ זאָג געטאָן. ס'האָט זיך געהערט אַ לאַנגער זיפץ וואָס האָט זיך צעטראָגן אין דער נאַכט... דער גענעראַל האָט זיך פאַרטראַכט:

„ס'איז האַרבסט... ווער האָט אַראָפּגענומען די פּרוכט פון די בוימער אין מיין סאָד? ער האָט דערזען די לאַנגע רייען בוימער אין זיין גרויסן סאָד, דעם וועג וואָס פירט ביז צום טייך... מיט וועמען גייט ער... ניט אַליין... זי גייט פריער... זי איז אינגער, לויפט זי פאָרויס, „זאָל זי לויפן"... ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער נייער באַנק וואָס ראַמזין דער סטאָליער האָט ערשט נעכטן אויסגעענדיקט. ס'הערט זיך דער אָפּהילך פון איר האַרציקער שטים: „היי! פּאַוולאָוו! קום שוין גיכער... רייס מיר אַראָפּ די עפּל... וועסט ניט קומען? איך שאָקל אליין דעם בוים... זיי פאַלן שוין... זיי פאַלן... ער זיצט אין שאָטן פון די באַבלעטערטע צעגרינטע בוימער, פון צווישן די שטאַמען שלאָגט זיך דורך זוניקע ליכט. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, וואָס זעט ער? די גאַנצע וואַנט פון דער באַנק איז אויסגעשניצט מיט שלאַכט בילדער, זע! אָט פאַלט ער פון פערד! אָט פאָרט אים אַריבער די ראָד... זע נאָר די פאַגאָנעס, דער גענעראַל..."

דער הונט האָט זיך אַ שאַר געטאָן ביי זיינע פיס.

— וואָס ווילסטו? סקרים! מירביידע זענען דאָ אַליין...

— געפונען! גענעראַל, זיי האָבן ניט געוואָלט עפענען, האָבן מורא, האָב איך זיי אַ סטראַשע געטאָן. — עפנט אַז ניט וועל איך אויפרייסן „זשידי". זיי האָבן גאָרניט געזאָגט... אַז זיי האָבן דערהערט, אַז עס איז פאַרן גענעראַל האָט איינער געברומט: „גוט, גוט".

— ס'איז דאָ אַ צימער, אַ בעט? האָט דער גענעראַל געלאַסן געפרעגט.

— איך ווייס ניט! ס'איז דאָך פינצטער... זיי האָבן מורא אָנצינדן פייער...

— ביזט אַ נאַר — ווי פרעגסטו ניט צו ס'איז דאָ אַ בעט?

— זאָרגט ניט! גענעראַל, ס'וועט שוין אַלץ זיין, ס'איז דאָך מלחמה צייט, מ'דאַרף נאָר פאָדערן...

— זיי האָבן שוין גענוג... אַז מיר זאָלן זיי, די אָרעמע, מאַכן נאָך ביטערער...

— אָבער זיי זיצן דאָך אין זייערע היימען און מיר וואַלגערן זיך ווי די הינט אויף די וועגן, אין רעגן און קעלט, ניט וויסנדיק אַוואו מיר וועלן מאָרגן זיין...

— נו, שווייג! זיי ווייסן נאָך ווינציקער...
דאַכט זיך זיי האָבן פאַרמאַכט די טיר. ניין, ס'איז אָפן...
— אָט דאָ, הער גענעראַל, גלייך אָט דאָ...

די מעשענע קנעפ האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן ביידע זייטן אוישאַק און אָפּגעקלונגען אין דער פינצטערניש. די הילצערנע טירל האָט זיך אַ רוק געטאָן, אַ טרייסל געטאָן און אריינגעלאָזן דעם גענעראַל אין שטוב. ער איז געבליבן שטיין ביים שוועל און געקוקט פאָרויס; פון אַנטקעגן האָט זיך אין דער פינצטער געזען דער גלאַנץ פון קאַבלאָוון אויוון. דער הונט האָט זיך געשאַרט אַרום זיינע פיס און שווער געשנאָרכעט.

— גוטן אָוונט! איינוואוינער, צינדט אָן אַ פייער, זאָל זיין אַ קליינעם, מ'זעט דאָך אפילו ניט ווי פינצטער ס'איז די נאַכט.

— אַנטשולדיקט, מיין הער! האָט זיך געהערט לעבן גענעראַל אַ צו־שראָקן קול, — אַנטשולדיקט... ס'איז ניט דערלויבט! מיר קענען היינט ניט אָנצינדן קיין פייער...

— וואָס הייסט ניט דערלויבט?! ווער האָט דאָס אייך פאַרווערט? ס'איז דאָך ניט אַזוי נאָענט צום פראָנט, מ'קען דאָך פאַרשטעלן די פענצטער וואָס קוקן אַרויס צום פראָנט. צינדט אָן אויף מיין אחריות... האָט דער גענעראַל געזאָגט מיט פעסטקייט, ווי ער וואָלט זיך קעגנשטעלן אַ פאַר־אָרדענונג פון אַ נידעריקערן ראַנג...

— אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט, ה' גענעראַל, ס'איז אונז שטרענג פאַרבאָטן... מיר טאָרן ניט היינט אָנצינדן קיין פייער, אונזער גלויבן פאַר־ווערט דאָס אונז, היינט איז פרייטיק צו נאַכט...

דער גענעראַל האָט אויפן קול אַ שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך באַ־פרייט פון אַן אומזיסטער שרעק.

— אַ! איך פאַרשטיי שוין, איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז היינט איז פרייטיק צו נאַכט.

— איוואַן! אָט האָסטו אַ שוועבעלע, זוך אויף אַ ליכט...

— מיר האָבן ליכט, אַ לאָמפּ שטייט אויפן טיש — האָט זיך געהערט די זעלבע צעשראָקענע שטים, נאָר רואיקער...

ס'האָט זיך אַ ריב געטאָן אַ שוועבעלע — דער פלעמל האָט באַגאָסן די שטוב מיט אַ טונקעלער שיין, ס'האָט זיך געזען אויפן טיש דער הויכער שטיי לאָמפּ מיטן בורשטינענעם פוס, וואָס איז געווען צעבראָכן אויף צווייען און

זיך געהאַלטן אויפן ישרויף וואָס איז געווען דורכגעצויגן דורך זיין מיטן, דער ווייסער טיש-טאַך איז שבת׳דיק געלעגן אונטערן לאָמפּ.

דער גענעראַל האָט אַ שטעל געטאָן די פוס פאָרויס, צום טיש. די שוועבעלע האָט זיך אַ בויג געטאָן און אַראָפּגעפאַלן דערברענענדיק ביז צו דער ערד. ער האָט אָנגעצונדן אַ צווייטע און אַראָפּנעמענדיק די גלאָז פון לאָמפּ אים אָנגעצונדן. אין שטוב איז געוואָרן העל - ליכטיק. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן שטוב און דערזען דעם בעל הבית לעבן טיר ווי ער שטייט און גלעט די בלאָנדע באָרד, וואָס איז דורכגעפלאָכטן מיט גרוי.

— מיר זענען זייער מיד פון פאָרן אַ גאַנצן מעת לעת, ס׳רעגנט, כ׳גיסט, די שאָסייען זענען שלעכטע, צעבראָכן, בלאָטעס, די פערד אויסגעמוטשעטע, זענען מיר געבליבן זיך אָפּרוען, אליין איז מען דאָך אויך ניט מער ווי אַ מענטש...

דער בעל הבית, ר׳ יצחק, האָט דערפילט, אַז ס׳איז אים לייכטער געוואָרן פון די רייד. ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, שטעלן אַ טראָט פאָרויס... זיינע בליקן זענען געפאַלן צום גרויסן ווייס-געלן הונט און ער איז געבליבן שטיין. ער האָט אַ הויב געטאָן די אויגן פון אונטער די בלאָנדע ברעמען צום גענעראַל און מיט פאַרלעגנהייט און שרעק געפרעגט:

— ער טשעפּעט ניט?

דער הונט האָט דערפילט, אַז ער שטערט און זיך צוגערוקט נאָענטער צום גענעראַל.

— ניין, בעל הבית, ער טשעפּעט ניט. ער איז זייער אַ ליבלעכער הונט. ער האָט דערפילט, אַז דו קוקסט אויף אים מיט שרעק. דער הונט האָט אויפגעהויבן די קאָפּ און אָנגעקוקט דעם גענעראַל. — שוין 18 יאָר ווי ער באַגלייט מיך... אויפגעהאָדעוועט זיך צוזאַמען מיט מיינע קינדער, ער קען מיין היים, מיין פֿאָד, מיין גוט, מיין שטוב, אַלע זענען געבליבן דאָרטן... נאָר ער גייט מיט מיר, איך האָב אים ניט גענומען, איך האָב אים ניט גע־רופן... ער גייט מיט מיר, ווייל ער וויל... ביז וואַנען ער וועט וועלן...

דער גענעראַל האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן צום הונט און געשוויגן.
— נו, וועסטו האָבן פאַר מיר אַ געלעגער?

— וואָס פאַרא פראַגע, גענעראַל, — האָט ר׳ יצחק אים געענטפערט, גערירט פון די לעצטע רייד. ער האָט אַ עפן געטאָן די ווייס געפאַרבטע טיר פון צימער און אים אָנגעוויזן.

— אָבער דעם לאָמפּ וועט איר מוזן אַליין אָנצינדן...

— מיט פאַרגעניגן! איך האָב ליב מענטשן וואָס פאָלגן אויס די גע-באָטן פון זייער גלויבן, ווען מיר וואָלטן אַלע זיי אויסגעפאָלגט ווי געהעריק וואָלטן מיר אפשר ניט געקומען צו דער לאַגע... צו דער בייזער מלחמה.

— איך קען נעמען ביידע קאַווינאָרן און אונטערלייגן דעם הונט? זאָל אים זיין באַקוועמער, ער ליידט דאָך צוזאַמען מיט מיר...

—מ'דאַרף מאַכן אַ געלעגער פאַרן דענשטשיק?

— ניט נויטיק! ער וועט שלאָפן אין וואָגן, ער דאַרף אָפּהיטן די פערד, אַ סאָלדאַט מוז שטענדיק זיין אויף דער וואַך.

— איוואַן! קענסט שוין גיין!

— איך שיק אַ וואַך?

— ניט נויטיק!

— אַ רואיקע נאַכט, גענעראַל.

דער הונט האָט זיך אויסגעצויגן אויפן קאַווינאָר לעבן בעט און אָנגעקוקט זיין בעל הבית.

— אַ רואיקע נאַכט! — ר' יצחק איז מיט שטילע טריט אַרויס פון צימער.

:—: :—: :—:

שוואַרצע גראָבע וואָלקנס שאַרן זיך איבערן קליינעם שטעטלשן הימל. די לופט איז אַזוי פייכט, אַזוי נאַס, דורכגעווייקט פון דעם לאַנגן נאַכטיקן רעגן וואָס האָט נאָר וואָס אויפגעהערט און וועט מן הסתם באַלד אָנהויבן פונדאַסניי. אַ שוואַרצע בלאָטע, האָט צוגעדעקט דעם גאַנצן מאַרק און זיך אַרויפגעגאָסן ביז צו די ערשטע שטיינער פון אַרומיקן ברוק. פון איבער דער בלאָטע רייסן זיך דורך ריטשקעס וואַסער און טראָגן זיך מיטן ברוקירטן באַרג אַראָפּ, צום טייך.

דער פאַרטאָג איז שטאַרק ענלעך צו אַ פאַרכמאַרעטן בין השמשות וואָס שלעפט אין שטוב אַריין, וואָס דרימלט איין און פאַרשלעפערט. דער יאָך פון די איינוואוינער איז אָבער געווען גרויס און ניט געלאָזט רוען, ניט געלאָזט זיצן אין זייערע היימען. די מורא פאַרן טאָג, ווער ווייס וואָס ער וועט ברענגען... דער נעכטיקער פאַרנאַכט האָט אזוי צושרויפט די געמיט-ער, אזוי אָנגעשראָקן, אייניקע האָבן דורך די פענצטער, אַנדערע ארויסגיי-ענדיק פאַר די טירן, זיך צוגעקוקט ווי מען האט געטראָגן די טראָג ברעטלעך מיט צעריסענע סאָלדאַטן, אויסגעמישטע, פאַרבונדענע קעפ און פיס. די צוויי פאַרוואונדעטע אידישע מיידלעך האָט מען געטראָגן שפּעטער. דער דאָקטער זאָגט, זיי וועלן זיך ראַטעווען!.. ס'האָט ארומגענומען אַזאַ אימה דער גאַנצער שטעטל. אַוואו אַנטלויפט מען? — האָבן אַלע געקלערט.

ר' יצחק האָט געעפנט די טיר. ס'האָט זיך געהערט דער סקריפּ פון אייזערנעם קייטל. ער האָט אַ קוק געטאָן צום בלאָטיקן מאַרק, צום פאַר-כמאַרעטן הימל וואָס איז געלעגן אזוי נידעריק ווי ער וואָלט זיך אָנשפּאַרן מיט זיין וואַסערדיקער מישא אָן די דעכער פון די הייזער.

אַ גרויסע שווארצע לאַך האָט אַראָפּגעקוקט פון דאַך פון אַפּטייק, צע-האַקטע רויטע דאַכלקעס זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אויפן דאַך, אויפן ברוק, די טירן און לאָדנס פאַרקלאַפּטע מיט ברעטער.

„מ'דאַרף שוין אַ קלער טאָן פון אַוועקפאָרן. אַוואו וועט מען פאָרן? מ'ווייסט דען ביז וואוהין זיי וועלן זיי שטויסן, פאַרפאַלן, מ'דאַרף פאָרן... ס'עט ניט העלפן דער אריינקלערן... וואָס וועט מען מיטנעמען? לאָזן אַלץ אויף הפקר... די בעטגעוואַנט, די ביסל צירונג... מ'קען דען שלעפן די בעטן די שאַפעס" — האָט ר' יצחק צו זיך געטראַכט.

— אַ הונט! — האָט ר' יצחק צו זיך אַליין אַ רעד געטאָן.
— פּאַשאָל וואָן! — נאָך דיר דאַרף איך דאַ איצט האָבן.

דער הונט האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט מיט פאַרגלעזערטע אויגן אָנגעקוקט ר' יצחק'ן, און זיך גערוקט נאָענטער צום וואַנט, ווי ער וואָלט וועלן אָנהאַלטן זיך אָן איר.

ר' יצחק'ן האָט עפּעס אַ מיניע געטאָן אין זכרון: — אוי! דאָס איז דאָך דעם גענעראַלס הונט... אַליין ביסטו געקומען?..

פון דער גאַס וואָס קומט פון פעסטונג האָט זיך געהערט די קלאַפּעריי פון רעדער, ווי זיי וואָלטן מידע זיך שלעפּן איבער די האַרטע שטיינער.

ס'זענען אָנגעפאָרן עטלעכע סאָלדאַטסקע פורלעך, זיי האָבן זיך אָפּ־געשטעלט אַנטקעגן דער הויז. ר' יצחק האָט שוין געהאַט פאַרמאַכט די טיר... ער האָט פון הינטערן טיר געהערט ווי זיי רעדן:

— דעם גענעראַלס הונט! לאָז אים איבער! ער זוכט דעם גענעראַל!

— האָט איינער מיד געלאַכט. די דייטשן האָבן אים פאַרבאַהאַלטן... וואו וועסטו אים שלעפּן?

זיי זענען געפאָרן ווייטער.

איטשע שטומאַק

די טרוקענע אויסגעקראַכענע פעל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף עטלעכע אויסגעשטאַרטשעטע ביינער, איז אין אַ פּראַסטיקן זונטיק אַנידערגעפאַלן און זיך מער ניט געקענט אויפהויבן. דער פערד האָט אויסגעצויגן די פיס דוקא ביים פרעראָמב, ווען זיין באַלעבאָס — איטשע שטומאַק — איז געשטאַנען און געשעפּט וואַסער אין טון אריין, אויף צו צופירן פאַר די באַלעבאַטים פון שטעטל.

ער איז געבליבן שטיין מיטן ליידיקן עמער אין האַנט און געטראַכט:

— אַ נאַרישע בהמה, אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און ניט פאַרזוכט קיין ביסל שעטסקע וואָס כ'האָב איר געגעבן. וואָלסטו אָבער געגעסן, וואָלסטו ניט געהאַט אַזאַ בייזן סוף — און אויב שוין יע אַנידערפאַלן, האָסטו דאָך געקענט פגרן ביי דיר אין שטאַל און ניט קומען אַהער צום פרעראָמב מיטן שליטן און פאַס. ווער וועט זיי איצט שלעפּן אויפן באַרג אין שטאָט אריין?

איטשע האָט אויסגעטאָן דעם נאַסן פאַרפרעראָענעם זאַק, וואָס ער האָט געטראָגן איבער די אָפּגעריסענע לאַטעס פון די הויזן, אים אַרויפגעוואָרפן אויפן לאָך פון דער האַלב פולער טון און זיך פאַרקוקט אויף דער חיה.

— פאַר דיר האָב איך שוין ניט וואָס צו זאָרגן... דו בינסט שוין דיין וועלט אָפּגעקומען, אָבער וואָס וועל א י ך איצטער טאָן? האָסט מיר איבערגעלאָזן פינף יתומים, און איך איטשע שטומאַק אַ זעקסטער. אַז וואויל איז צו מיין חיה שרה'ן, וואָס זי האָט דאָס ניט דערלעבט...

דערזען אַז דער פערד ליגט מיטן כאָמאָנט אויפן האַלז, איז אים איינגע־פאַלן אַז אפשר שטיקט דאָס אים... איז ער צוגעגאַנגען, זיך איינגעבויגן אַפּגעבונדן און געפּרוּווט אויסטאָן דעם כאָמאָנט.

— ליג כאָטש גוט... האָט ער צו זיך געטראַכט, — ביסט דאָס ביי מיר ווערט. פיר יאָר האָסטו מיט מיר געשלעפּט וואַסער, נאָך אַ פּאָר יאָר, ווען דו וואָרטסט אויף, וואָלט שוין הענאַכקע אָנגעהויבן פאַרדינען ביי שמואל דעם שניידער, אינגאַנצן לערנט ער זיך איצט צוויי יאָר. נו וואָס קען ער אים געבן?

— אַ טייער קינד הענאַכקע — איז איטשען אַדורך אַ וואָרעמקייט איבערן לייב. און יששכרל, אַזאַ קלוג קינד, ער קען דאָך שוין דעם גאַנצן דאַווענען אויף אויסנווייניק. — ווען איך וואָלט ניט געווען קיין וואַסער פירער, אַ וואָלט איך... שוין! איך בין דאָך שוין ניט קיין וואַסער פירער... אָן אַ פערד, מיטן שליטן אַליין — וואָס וועל איך פירן?.. — וואָס וועל איך פירן? האָט ער אָנגעהויבן אויף זיין פאַרהיקעוועטן לשון צו ליאַרעמען, מיט ווילדע קולות. אַ רוגזה איז אין אים אריין. ער האָט זיך צוגערוקט צו דער פּגירה און איר געגעבן אַ זעץ מיטן פוס. — טראָגן וואַסער! אויפן קאַרק, מיט אַ פּאָר אָסעלקעס, אַרויף אויפן באַרג — אַזוי ווי שלמה בחמה... ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום באַרג אַרויף, זיך פאַרטראַכט, און גרויסע טרערן האָבן באַנעצט זיין פאַרפראָרענעם, קאַלטן שטומען פּנים.

:: :: ::

— מ׳דאַרף אָנזאָגן דעם ראקאר, מ׳קען דאָך דאָ ביים פּרעראָמב ניט לאָזן ליגן קיין פּגירה, האָט איטשע שטומאַק געטראַכט. ער האָט פאַרציִיגן דעם שטריק וואָס האָט אָנגעהאַלטן די הויזן, באַטראַכט דעם שליטן מיט דער טון און אָנגעהויבן גיין באַרג אַרויף. אויפן שפּיץ באַרג האָט זיך באַוויזן הצקל דעם וואַסער פירערס שליטן, דער גרויסער בלינדער פערד האָט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט טאַפּן אין דער פינצטער, ער הויבט אויף אַ פוס — און האַלט אים לאַנג אין דער לופטן — ביז ער שטעלט אים פּאַמעלעך אַראָפּ, אויף אַ זיכערן אָרט, ס׳זאָל ניט זיין קיין געפאַר פאַר זיין גרויסן פערדישן גוף.

ער קען שוין דעם באַרג אַראָפּ גוט, ניט איינמאָל איז ער דאָ שוין גע־פאַלן און זיך צעהאַקט זיינע אַלטע ביינער, היינט האַלט שוין ניט הצקל דער

וואַסער פירער די לייטשעס, ער פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף זיין בלינדן פערד, אַז ס'קומט צום ראָוו קירעוועט ער זיך אַליין אָפּ אויף רעכטס. קיינעם וועט ניט איינפאַלן, אַז דער פערד איז בלינד. ס'איז גאָרניט פאַר קיין פערדישן שכל, דערפאַר האָט טאַקע חצקל ליב זיין פערד, ווען ער פירט די פעסער וואַסער באַרג אַרויף און ציילט אויס וויפל ער האָט שוין היינט גאַרדינט. איצט וועט ער פירן פאַר מיר מיט דער ווייב און קינדער. פריער פאָרן פערד — זאָגט שטענדיק חצקל — דערנאָך פאַר זיך.

חצקל האָט שטאַרק פיינט, אַז מ'זאָגט אים „דיין בלינדער פערד גייט גוט", ס'מעג זיין דער בעסטער קונה, דער פיינסטער בעל הבית, ער ווערט אין כעס און ענטפערט גאַנץ בייז.

— וואָס אַרט אייך, אַז דער פערד איז אַ בלינדער, ס'פעלט אייך אויס וואַסער? אודאי גייט ער גוט, ווען מען גיט אייך אַזוי צום עסן און מען היט אייך אַזוי אָפּ ווי איך מיין פערד, וואָלט איר אויך געגאַנגען גוט...

די מערסטע בעלי בתים אַרט דאָס ניט, זיי ווייסן, אַז חצקל האָט שטאַרק ליב זיין בהמה, אַנדערע ווערן אין כעס און גיבן אַ בורטשע:

— שווייג דו גראָבער יונג, דו מיינסט, אַז דו בינסט איין חתן אויפן יריד, איטשע שטומאַק גיט פולערע עמערס ווי דו, און שלמה בהמה בעט זיך מ'זאָל נעמען ביי אים אַ פּאָר עמערס...

חצקל לאָזט אַראָפּ די קאָפּ און שווייגט, ער וויל זיך ניט איינרייסן. מיט קיין קונה, מען דאַרף אַמאָל פאַרשווייגן אויך, פון דעם פערדס כבוד לאָזט ער גאָרניט אָפּ, אָבער פאַר זיין אייגענעם אַרט אים ניט.

חצקל האָט פון שפּיץ באַרג דערזען, אַז איטשע שטומאַקס פערד און שליטן שטייען לעבן פּרעראָמבע. אָבער דער פערד ליגט דאָך. וואָס איז דאָרטן געשען? האָט ער זיך אַליין געפרעגט, און אַ קוק טוענדיק צום טייך זיך אַליין געענטפערט:

— אויסגעצויגן די פיס, די פאַרשיוורע פעל... וואָס וועט ער איצט טאָן איטשע שטומאַק מיט פינף יתומים?

אַ רחמנות האָט אַרומגענומען זיין גאַנצן גרויסן גוף. ער האָט אַ דוק געטאָן די צערינענע באַראַנקענע היטל אויף אַרויף, און ס'האָט זיך אָפּגע-דעקט דער צעקנייטשטער שטערן, ער האָט מיט דער האַנט אַ שאַר געטאָן

איבערן באָרד, וואָס איז אינמיטן געווען שוואַרץ ווי קויל און ביי די זייטן גרויליך. — ניט געהאַט דער רבונו של עולם וועמעס פערד אָוועקצוהרגענען, האָט ער אויסגעקליבן איטשע דעם שטומאַק׳ס... ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין מיט רינזה. — אַז ער פּלעגט אים ניט געבן עסן, ווי קען אַ פערד שלעפּן אַ גאַנצן טאָג בעטשקעס וואַסער באַרג אַרויף, מיט היילע שעטסקעס? חצקל האָט דערפילט אַ נקמה — גוט אַזוי! זאָל ער וויסן... און זיך באַלד צוריקגעכאַפּט, אַז ער איז ניט גערעכט; וואָס האָט איטשע שטומאַק געקענט טאָן? מ׳דאַרף געבן עסן אַ משפחה פון זאַלבע זיבעט קיין עין הרע ניט. אַז וואויל איז צו זיין היה שרה׳ן וואָס זי האָט דאָס ניט דערלעבט, אַזאַ׳ן אומגליק, זיי וועלן דאָך אויסגיין פון הונגער, וועלן זיי...

און ווי ער וואָלט פּלוצלינג געפאַלן אויפן שכל ווער ס׳איז דער אמת׳ער שולדיקער, האָט ער אָנגעהויבן צו זיך אליין רעדן אויפן קול:

— וואָס איז שולדיק איטשע שטומאַק? וואָס בין איך שולדיק? פון מיינטוועגן וואָלט זיין פערד געלעבט הונדערט מיט צוואַנציק יאָר. שולדיק זענען די בעלי בתים, פיר זיי וואַסער אין גרעסטן פראָסט, אין אַ זאַווערוכע, אין רעגן, ליג אויפן אייז און עפן דעם פרעראָמבּ פאַר דריי גראָשן אַ פאַר... מיט וואָס וועסטו עסן? מיט וואָס וועסטו געבן עסן דעם פערד? דער בלאָס-ער באַוואַקסענער פּנים איז געוואָרן רויט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעצונדן.

איטשע שטומאַק, איז אָנגעקומען אַנטקעגן, ער האָט אָפּגעדרייט די קאָפּ ניט צום זען אים. אַ פאַרשעמטער, האָט אים שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצן און ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרסאָפּעטער.

— גוט מאָרגן! — זאָגט אים חצקל און קוקט אויף אים.

איטשע שאָקלט מיטן קאָפּ און ווייזט מיטן האַנט אויפן טייך:

— געפאַלן — זאָגט ער צו חצקלען, אויף זיין פאַרהיקעוועטן לשון. מען האָט אים געקענט פאַרשטיין, ער האָט גערעדט, ס׳איז ביי אים נאָר גע-וועזן צוגעוואַקסן דער צונג צום גומען, איז אים געווען שווער צו רעדן. — פאַרפאַלן, ב׳וועל גיין אנזאָגן דעם ראַחאַר, פאַרפאַלן... ער האָט זיך צוגע-רוקט נאָענט צום פערד און מיט די איינגעקרימטע פינגער פון זיין פאַר-שוואָלן אָנגעפּראָרענער האַנט געגלעט איבער דער פייכטער גראָבער פעל — ווי מען גלעט אַ טייערן חפץ — אַ ליבע זאַך... גרויסע טראָפּנס טרערן האָבן זיך באַוויזן אויף זיינע באַקן...

חצקל דער וואַסער פירער האָט זיך אויפגעשטעלט פון קעלניע:
— אַוואו וועסטו גיין צום ראקאר? צופוס? קום ארויף אויפן שליטן! כ'וועל דיר אַוועקפירן.

— ניין! ר' חצקל, איר דאַרפט דאָך פירן וואַסער, פאַר מיינע קונים אויך...

— זאָלן זיי אליין טראָגן... פירן וואַסער פאַר דריי גראָשן א פאָר... זאָלן זיי אליין טראָגן! — קום ארויף! האָט חצקל צו אים א געשריי געטאָן, — פינף גראָשן! אַז ניט פיר איך ניט.

— ר' חצקל, איר זענט גערעכט. פינף גראָשן א פאָר, אַז ניט דאַרפט איר ניט פירן, איצט קענט איר דאָס אויספירן, איר זענט אליין...

— איצט און שפּעטער — ביסט א נאַר — דו וועסט אויך פירן וואַסער... אָבער פינף גראָשן פאַר א פאָר, אַז ניט פירן מיר ניט.

— איטשע! — האָט חצקל צו אים א געשריי געטאָן — מאָרגן איז מיאַנטיק, א מאַרק טאָג, מאָרגן וועסטו קויפן א פערד, נאָר קויפן א גוטן, איך וועל דיר באָרגן צוואַנציק רובל וואָס איך האָב, וועסט מיר אָפּצאָלן, מיט פינף גראָשן א פאָר וועט שוין זיין צום אָפּגעבן א גמילות חסד אויך...

⁘ ⁘ ⁘

איבערן שטעטל האָט זיך צוטראָגן די אומעטיקע בשורה, אַז איטשע שטומאַקס פערד איז געפאַלן.

די באַלעבאַטעס האָבן אָנגעהויבן אריינקוקן אין די סטאַוווניעס, זען ווי האַלט דאָס מיטן וואַסער. איטשע שטומאַקס קונים זענען געווען גאָר צעשראָקן, און אָנגעהויבן קלערן וואָס מען וועט טאָן. חצקל דעם וואַסער פירערס קונים זענען געווען רואיק, זיכער ביי זיך, „ער וועט אָפּהיטן זיינע קונדן... נישקשה" — האָבן זיי געקלערט.

חיה צירל, די בעקערקע, האָט דערהערט פון דעם אומגליק, האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט און אַרויסגעלאָפן פון אונטערן טובאַנק אויפן הילצערנעם שמאָלן בריקעלע, אפשר וועט זי זען חצקלען און מיט אים רעדן,

מ׳קען דאָך קיין בעקערייַ אָן קיין וואַסער ניט לאָזן — האָט זי געטראַכט פאַר זיך — מילא, מ׳וועט שוין מוזן געבן אַ צוויי גילדן צושטייער אויף צום קויפן דעם שטומאַק אַ פערד, ס׳איז דען דאָס ערשטע מאָל...

:: :: ::

חצקל איז אַרויס גאַנץ פרי אויפן מאַרק. איטשע איז שוין געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט אויף די צוגעבונדענע פערד צו די פאָרענטשניעס.

— גוט מאָרגן, ר׳ חצקל! איר זעט, אָט דער סוס איז מיר געפעלן, נאָר דברט ניט גאָרניט... זאָל ער אונטערשטיין... ס׳איז נאָך צו פרי, ער וועט זיך פאַררייסן און בעטן טייער...

— איטשע! קום אַהער! אָט די חיה זעסטו? אָט דאָס איז אַ פערד פאַר אַ וואַסער פירער... זע פיס, זע פלייצעס, זע אַ פיערזש, (אַ ברוסט) אָט דאָס דאַרפסטו! דאַרפסט האָבן אויגן? וואָס האַרט דיר אַז ער איז אַ בלינדער, אַ פערד דאַרף ניט קיין אויגן, פיס דאַרף ער... כח דאַרף ער... איטשע! וואָס אַרט דיר, פאָלגט מיר...

— אַז איר זאָגט ר׳ חצקל, האָב איך דאָך גאָרניט וואָס צום קלערן, ווער ווייס בעסער ווי איר וואָס אַ וואַסער־פירער דאַרף.

חצקל האָט זיך אַטאַפּ געטאָן ביי דער קעשענע, וואו עס זענען גע־לעגן די צוואַנציק רובל.

— ווער מושוה, איטשע, און קום לאָמיר גיין אָנזאָגן די קונים, אַז פון היינט אָן קאָסט פינף גראָשן אַ פּאָר, און זאָל זיין אין אַ מזלדיקע שעה...

:: :: ::

— נעם אים אָן פאַרן צוים! האָט חצקל אַ געשריי געטאָן, אַזאַ חיה דאַרף מען קענען פירן...

דער גניאַדער גרויסער פערד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט זוכן אין דער פינצטער, געוואָלט ווייסן ווער ס׳איז זיין נייער בעל הבית. עפּעס איז אים דער לשון געווען פרעמד, און אַז איטשע שטומאַק האָט אַ ציִ

געטאָן דעם שטריק און פאַרהיקעוואַטע אַ געשריי געטאָן — נו אָ! קווּס! איז ער אים נאָכגעגאַנגען טראָט נאָך טראָט.

— קומט! ר' חצקל, לאָמיר גיין טרינקען לחיים, אַ גילדן האָב איך, ס'איז דאָך עפּעס היינט „סימכי־טיירי" (שמחת תורה) ביי אונז.

חיה צירל די בעקערקע איז אַרויס אויפן הילצערנעם בריקל, דערזען איטשע שטומאַק פירט אַ גרויסן פערד האָט איר אויפגעשיינט דער פּנים.

— שאָין, שאָין, מירן שאָין האָבן וואַסער, — גאָט צו דאַנקען — אָבער אַוואו האָט ער דאָס פאָטשיאַפּעט די געלט צום קויפן אַזאַ פערד־זשיסקאָ — דער שטומאַק? אבי ער קלאָגט, אַז די שטומאַקאַלאַך האָבן ניט וואָס צום פרעסן, אַזאַ שנאָרער ווי דאָס איז, ערט מיר שאָין געבן פולע עמערס ביזן ווערך, אַז ניט וועט ער שאָין פירן וואַסער פאַר חצקל משקהם". (דער איינציקער איד וואָס האָט געהאַט אַן אייגענעם פלאָמפּ אין גאַנצן שטעטל).

מיט שווערע טריט האָבן אַלע דריי זיך דערנענטערט צום בריקל. איטשע איז געגאַנגען דער ערשטער און געצויגן דער חיה ביי אַ גראָבן נייעם שטריק וואָס האָט נאָכגעהאנגען פון דער ציימל. ביים זייט, צווישן איטשען און דעם פערד איז געגאַנגען חצקל דער וואַסער פירער.

— מיר קומען אייך זאָגן — האָט גערעדט חצקל — חיה צירל איז געבליבן שטיין אַ צושראָקענע, זי האָט דערפילט אַז מען קומט איר עפּעס אָנזאָגן אָדער בעטן — אַז פון היינט אָן, קאָסט פינף גראָשן אַ פאָר און איר...

— הערט נאָר אַ חתונה! פלוצלינג פון דער העלער הויט — פינף גראָשן אַ פאָר, מיט דריי גראָשן האָט ער אויך געהאַט צום קויפן אַזאַ פערדזשיסקאָ, וויל ער נאָך פ י נ ע ף. זי האָט אָנגעוויזן אויף איטשען, באַלד וועל איך אים אָנשטאָפּן פינף גראָשן פאַר אַ פאָר. עס איז דאָך ניט געהערט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט, איכינישט באַקן, אי כי נישט באַקן... קאַם וואָס מען באַצאָלט פאַרן זעקל מעל, גיב זיי פינף גראָשן פאַר אַ פאָר וואַסער!

דער אָטעם האָט זיך איר פאַרהאַקט פון די הויכע רייד און זי איז געבליבן שטיל. פון אונטער דער צעעפנטער וואַטאָווקע האָבן זיך האַסטיק געהויבן די אויסגעריבענע לעכער פון דער גראָער לייווענטנער קליידל צוזאַמען מיט דער איינגעפאַלענער ברוסט וואָס האָט אויסגעקאָרמעט אַ האַלבן

טוץ קינדער. איר פּנים האָט געפלאַמט, זי האָט געביטן פון איין אָרט אויפן צווייטן די גראָבע טוכענע פּאַפּוטשעס וואָס זי האָט געטראָגן אויף אירע פיס, די אויגעלעך זענען געלאָפן פון איינעם אויפן צווייטן, אויפן דריטן... וואָס וועלן זיי טאָן? — האָט זי געקלערט.

איטשע שטומאַק האָט אויסגעדרייט די קאָפּ צו הצקלען, מיט די אויגן האָט ער ביי אים געפרעגט: — נו, וואָס טוען מיר?

הצקל האָט זיך צוגערוקט נענטער צום בריקל און מיט אַ קלאָרער שטים אַ זאָג געטאָן:

— וועט איר אליין אייך פירן וואַסער, חיה צירל! אַ גוטן טאָג!

חיה צירל האָט אָנגעשפּיצט אירע גראָע צושוואומענע אויגן אויף איטשע דעם שטומאַק...

איטשע האָט אַ צי געטאָן דעם ציימל — קק ו ו ם ! האָט ער אַ זאָג געטאָן צום פערד, הצקל איז זיי נאָכגעגאַנגען.

— גזלנים — איר לאָזט מיר אָן וואַסער — אין אַ מיטן העלן מאָנטיק, קומט אַהער! — קומט אַהער! איכל געבן פיר גראָשן... איז גוט?

איטשע מיטן פערד זענען געבליבן שטיין. ער האָט אויסגעדרייט די קאָפּ צו הצקלען, אויף אים געקוקט און געוואַרט וואָס ער וועט הייסן טאָן.

— פינף גראָשן, פאַר אַלע גלייך, פאַר דיאָדי דעם בעקער, פאַר פּעשי דער בעקערקע, פאַר אַלע גלייך, פאַר דער גאַנצער שטאָט... האָט הצקל קלאָר גערעדט.

טו וועט וועט איר שאָין אָנהויבן פירן? אַ סוף זאָל דאָס נעמען, טו לאָזט מיר ניט אָן קיין וואַסער, האָט חיה צירל נאָכגיביק גערעדט...

— מיר וועלן כדאי פירן אַ גאַנצע נאַכט, עס וועט אייך קיין וואַסער ניט פעלן.

— הצקל! האָט איטשע שטומאַק אַ פאַרהיקעטער אויסגעשריען, — הצקל אַ גילדן האָב איך, קומט לאָמיר מאַכן לחיים, סי דאָך געקומען משיחס צייטן, אַז חיה צירל גיט פינף גראָשן פאַר אַ פאַר — וועלן שוין אַלע צאָלן...

— סימכי טיירי הצקל! ווי איך בין אַ איד, סימכי טיירי...

פליטן אויפן טייך

אַז די שלוזן אויפן באָברע טייך, זענען פלוצלונג, נאָך פאַר דער צייט, אין סאַמע יעסיען, אין חודש כסלו, פאַרפראָרן געוואָרן און אַ גרויסער טראַנספּאָרט געהילץ — פליטן, וואָס זענען געשוואומען אויפן וואַסער, און לויטן חשבון נאָך געהאַט גענוג צייט אָנצוקומען אויף אַן אָרט, אַוואו מען האָט זיי געדאַרפט לאָדן און שיקן קיין ענגלאַנד, איז איינגעפראָרן צוזאַמען מיטן וואַסער — האָט ר' יעקב, אַ מענטש ביי גאָלדבערגן דעם וואַלד-סוחר, דעפּעשירט צו זיין באַלעבאָס, וועגן דעם אומגליק בזה הלשון: „די באָברע פאַרפראָרן, אַלשענע פליטן ליגן אומבאַהאָלפן, פראַצע און מי פון אָרעלעם אַרויסגעוואָרפן, זאָגט וואָס זאָל איך טאָן?"

די דעפּעשע וואָס איז אַרויס פון גאַניאַנדז אין אַ פּראָסטיקן פרייטיק ביינאַכט, איז אָנגעקומען קיין וואַרשע, וואו דער הער גאָלדבערג האָט שוין אָפּגעוואַרט ידיעות פון זיינע מענטשן, מאָנטיק אינדערפרי.

דער ה' אליעזר גאָלדבערג איז נאָך געשטאַנען ביים פענצטער פון זיין היים, אַרויסגעקוקט צום גאָרטן אַנטקעגנאיבער דער גאַס — עס האָט געגימזעט אַ דראָבנער רעגנדל און געהאָלפן אַראָפּפאַלן די געלע בלעטער פון די האַלב-טרוקענע צווייגן. איבערן שטאָט איז געלעגן אַ שווערער פאַרוואָלקנטער הימל וואָס האָט צוגעזאָגט אַ סך רעגנדיקע טעג — אַ סך וואַסער.

אַ לאַנגער טרוקענער קלונג אין דער פאָדערשטער טיר, האָט אַ שטויס געטאָן גאָלדבערגן פון זיין אָרט. די דינסט איז אַנטקעגנגעקומען מיט אַ דעפּעשע אין האַנט. ווען דער קאָנווערט איז איבערגעגאַנגען אין זיינע הענט, איז אים אַדורך אַ קעלט איבערן לייב. עפּעס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן — נישט אויף דער ידיעה האָט ער געוואַרט.

„אַביסל צו פרי. ערשט מאָרגן — דינסטיק אָדער גאָר מיטוואָך — האָט ער געוואָרט צום קריגן אַ ידיעה. ר׳ יעקב אַרבעט שוין ביי מיר אַ סך יאָרן. ער שיקט נישט גלאַט קיין דעפּעשן, עפּעס איז דאָרטן געשען".

גאָלדבערג האָט קלערנדיק אַזוי, זיך דערנענטערט צום פענצטער, אַרויס־געקוקט צום נאַסן אומעטיקן דרויסן און אַ געדאַנק איז פאַרבייגעפלויגן: „ווען קיין פראָסט איז דאָך גאָר קיין רייד נישט, ערשט אָנהויב יעסיען" — און מיט ציטעריקע פינגער האָט ער אויפגעריסן דעם ווינקל פון קאָנווערט...

:—: :—: :—:

ר׳ יעקב איז אַרויס פון פּאָסט אָפּים מיט אַ שווערן געמיט, אַ צעקלעמט־ער, עס איז אמת, אַז זיין באַלעבאָס איז אַ וואוילער איד. ער האָט נאָך פון אים קיינמאָל קיין עוולה נישט געהאַט, ער מאַכט ביי אים אַ שיינע בכבודיקע פּרנסה, אָבער אזוי פיל צער... אזוי פיל שפיכת דמים... מער ווי הינדערט אָרעלעס — מען דאַרף זיי דאָך געבן צום עסן... און דאָס איז שוין אינ־גאַנצן? אזוי ווי אויף צו להכעיס איז דאָסמאָל געשוואומען דער גרעסטער טראַנספּאָרט האָלץ, אַן עשירות, ווער ווייס — אפשר דער גאַנצער פאַרמעגן, ווער ווייס, וואָס עס קען חס־וחלילה געשען, מ׳זאָל עס דאַרפן לאָזן אַ גאַנצן ווינטער... זיץ דאָ ביים טייך און היט דאָס, אַז נישט וועלן דאָך גויים דאָס אָנהויבן באַלד צעשלעפּן... און ר׳ יעקבס צער איז אַלץ געוואָקסן; און צו וואָס האָב איך אים אינגאַנצן געדאַרפט דעפּעשירן... אַזוי מצער זיין... געדאַרפט **וואָפּוואָרטן ביז איבער שבת... וואָס פאַרא בייזער טייוול האָט מיך אַ טראָג** געטאָן...

און ר׳ יעקב הייבט אָן פילן זיך יאושדיק, פאַרצווייפלט. עס ווערט אים שוין דערווידער זיין גאַנצער קלערן, גיט ער האַסטיק אַ מאַך מיט דער האַנט: „אַ סוף זאָל דאָס נעמען, ווי איך האָב געטאָן איז גוט, און וואָס גאָט וועט מאַכן, אַזוי וועט זיין גוט".

די קוזניע וואָס איז געשטאַנען אַביסל אַריינגערוקט אין הויף, ביים זייט פון פּאָסט, נעבן סאָסעניכעס מויער, האָט געשטויסן פון זיך, דורך טיר, קוימען און לעכער דיקן רויך פון נאַסע קוילן. ר׳ יעקב האָט זיך געגעבן אַ האַסטיקן שטעל אָפּ, זיך פאַרטראַכט, מורא געהאַט צום געטרויען זיין אייגע־נעם דמיון, געוואָלט דאָס גוט זען מיט זיינע אויגן... ער ווייס שוין פון אַ סך יאָרן, אַז ווען דער רויך טראָגט זיך אויף אויבן — צו די הימלען, איז אַ

סימן אויף א שטאַרקן פראָסט. ווען עס טראָגט זיך אָבער צו דער ערד, איז פונקט א פאַרקערטער סימן, דער פראָסט וועט אָפּלאָזן... עס האָט א לייכט געטאָן א האָפענונג.

פון קוזניע האָט א יונג, דעם שמידס געזעל, געגעבן א וואָרף אַרויס אַן אָנגעברענטן רייף, נאָך רויט, א נאָר וואָס געשמידטן. דער רייף איז גע־פאַלן אויפן דינעם אייז, וואָס האָט באַדעקט דעם שטיינערנעם ברוק מיט א סיקען, ווי עס וואָלט קאָכן. דאָס פנים ביי ר׳ יעקבן, ביז דער קורצער געלער בערדל האָט העל א שיין געטאָן... איין ביסעלע וואַרעמקייט, איין ביסעלע זון... זאָל נאָר גאָט געבן.

:—: :—: :—:

— גוט העלף! ר׳ יצחק — איז יעקב אריינגעקומען אין דער אכסניה, וואָס איז געשטאַנען אויפן אַלטן מאַרק, נישט ווייט פון פּאָסט, די גאַס וואָס פירט צום באַן, — מען וועט דאָך מן הסתם קריגן עפּעס צום עסן?

— א שאלה — זאָגט מען — איז טריף. אָבער ביי אונז איז אַלץ כשר. אזוי אַז איר מעגט אייך פרעגן און איך וועל אייך געבן צום עסן, — האָט געענטפערט דער בעל אכסניה, און זיך טאַקע באַלד גענומען גרייטן צום טיש גאָפּל־לעפל, די סאַלניצקע, א ברייט־קערבל מיט שוואַרצע און ווייסע ברויט. דאָס אַלץ אויף א ווייסן קלאָרן טישטעך, וואָס מען האָט געקענט טרעפן נאָר ערב שבת.

—אָט ברענג איך אייך א שטיקעלע געפּרעגלטע פיש — וועט איר שוין נאָכאַמאָל נישט פרעגן צי עס איז פאַראַן וואָס צום עסן... אויב אזוי בלייבט איר דאָך ביי אונז אויף שבת?

— ניין, ניין! ר׳ יצחק, קיין געפּרעגלטע פיש וויל איך נישט פאַר קיין געלט. איך קען דעם ריח נישט הערן. גיט מיר וואָס נישט איז, וואָס איר האָט. אָבער דאָס וויל איך נישט...

דער בעל אכסניה האָט זיך אַביסל פאַרוואונדערט, געבליבן שטיין אַביסל א צעטומלטער.

— נישט קיין אומגליק, עס פעלט נישט וואָס צום עסן, איר וועט הונגע־ריק נישט בלייבן... אַבי איך האָב געדענקט, אַז איר פלעגט שטענדיק לויבן מיינע געפּרעגלטע פיש... נו, אפשר א טעות, עס קען אַלץ טרעפן, מען

ווערט נישט אינגער, מען ווערט עלטער — ווערט דער זכרון שוואכער.

עס זענען אריבער א פּאָר מינוט און ר׳ יצחק האָט זיך אומגעקערט מיט א גרויסן ווייסן טעלער אין האַנט פון אויבן האָט זיך געזען א גרויסער קאָפּ פון א העכט מיט פּארקילטע יויך...

— נו, איז נישט קיין געפּרעגלטע, עס מוז דען זיין געפּרעגלטע? אָבער א שטיקעלע מאַרינאַד — א פאַרקילטע אין זיסן און זויערן. עס האָט דאָך כל הטעמים. איר האָט שוין געמאַכט א גוטן בייט...

— ניין, ניין! ר׳ יצחק. איך קען דעם ריח נישט הערן. איך וויל נישט הערן. איך וויל נישט קיין מאַרינאַד, גיט מיר וואָס ניט איז, וואָס איר האָט... איך וויל נישט קיין מאַרינאַד.

ר׳ יצחק איז געוואָרן צעטומלט.

— קיין מאַרינאַד אויך נישט! נו, נישט קיין אומגליק... עס פעלט נישט וואָס צום עסן, איז נישט קיין מאַרינאַד.

ר׳ יצחק איז אריין אין קיך, און פון דער גרויסער מעשענער פּאַן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּליטע, ארויסגענומען א מיטלסטע שטיק פיש — א געפילטע, אריינגעגאָסן אביסעלע יויך, און אָן רייד צוגעטראָגן דעם גאַסט...

— ר׳ יצהק! איר האָט מיר נישט פאַרשטאַנען, איך וויל נישט קיין פיש! איך וויל נישט גאָרנישט פון טייך, איך קען דעם נאָמען נישט הערן. ער שטייט מיר פאַר די אויגן א פאַרפרוירענער. גיט מיר א שטיקעלע פלייש.

ר׳ יצחק איז געבליבן שטיין מיטן טעלער אין האַנט, און געשוויגן...

— וואָס איז געשען, איר האָט נישט קיין פליישיקעס?

— ניין ר׳ יעקב — מיר האָבן נישט קיין פלייש — מיר קענען אויף קיין פלייש נישט קוקן. מיר קענען דעם ריח נישט הערן... נישט איך אליין, דאָס גאַנצע שטעטל, איין קצב איז שוין אין חרם — דער רב האָט אָפּגע-שטעלט די שחיטה, א גאַנצן לעבן אונז געקאַרמעט מיט טריפות...

:—: :—: :—:

א בית-עולמדיקע שטילקייט האָט באַהערשט דאָס שטעטל. א פאַר-כמאַרעטער הימל האָט זיך אראָפּגעלאָזן אזוי נידעריק, דאכט זיך, אז ער

פּאַלט באַלד אַראָפּ אויף די הייזקעס. פון די שינדל-דעכער קאַפּעט זיך לאַנג-זאַם, טראָפּן נאָך טראָפּן אויפן צעווייקטן ברוק, און מאַכט שיטערער די בלאָטע אין רינע.

פון די דאַכואוויקע דעכער שטראָמען האַסטיקער די טראָפּנס און פאַלן מיט אַ פּליוך אין די ריטשקעס וואַסער וואָס האָבן זיך שוין אָנגעקליבן אין דער בלאָטע.

איבער די שמוציקע שייבלעך רינט זיך אַ פייכקייט צו די רעמלעך פון די פענצטער, און פאַרגנבעט זיך אַביסל אויף אינעווייניק, אין שטוב אַריין, נעבן די פענצטער איז נאָס דער הילצערנער פּאָל, אַלץ וויל זיך צעווייקן און ווערן וואַסער...

שווערע טריט פון גרויסע שטיוול אויף האַרטע פיס האָבן זיך דערנענ-טערט צו דער שטוב, די פייכטקייט און בלאָטע האָבן געענטפערט אויף יעדן טראָט מיט אַ פּליוך. עס האָט זיך געהערט אונטערן פענצטער אַ שושקען, ווי עס וואָלטן זשאַבעס געקוואַקעט. אַ געמיש פון פּויליש, ווייס-רוסיש, כאַכלאַצקי, פּראָסט און גראָב, „דאָ איז דאָס! דאָ איז דאָס!"

— קלאַפּ אין פענצטער, דו! שטייסט דאָך נעבנטער — האָט איינער געזאָגט.

האַרטע פינגער האָבן אַ קלאַפּ געטאָן איבערן שויב. דאָס שייבל האָט אַ ציטער געטאָן און אָפּגעהילכט אין דער הילצערנער הויז.

— פּאַניע יאַנקל! פּאַניע יאַנקל!

ר' יעקב איז אַראָפּגעלאָפן — דערהערט מען רופט פון דרויסן — האָט ער צוגערוקט די אויגן ביז צו די נאַסע שייבלעך און דערזען זיינע אַרעלעס.

— וואָס ווילט איר? וואָס דאַרפט איר?

— מיר דאַרפן שריקעס — האָבן פּאַר איין מאָל אַלע אַ ברום געטאָן — דער טייך האָט געלאָזן, און דער אייז שטויסט דאָס געהילץ. דאַרפן מיר שריקעס צום טאַמעווען. אַז נישט וועלן זיך די פּליטן צעררייסן, און דאָס האָלץ וועט צעשווימען.

ר' יעקב האָט אַ טראַכט געטאָן, וואו קען מען איצט קריגן שריקעס? אוי, היינט איז שבת, ניין! ניין!

— גייט אייך, קריגט אייך שריקעס, טוט וואָס איר קענט. היינט איז שבת...

און ביי זיך האָט ער געטראַכט — וואָס גאָט וועט מאַכן וועט זיין גוט...

אַ בוים...

בּיים ברעג פון לאַנגן הילצערנעם טיש, וואָס איז שוואַרץ־פאַרברוינט און צעוועריִמט געוואָרן פאַר די יאָרן וואָס ער שטייט אין דער בעקעריי איז זיך שלמה׳קע געזעסן, געטרונקען „כליעבנע קוואַס" פון אַ גראָבער ביר גלאָז און געקוקט דורכן פענצטער צום פאַרוואָלקנטן דרויסן.

די פאַרגרויטע שויבן מיט מעל שטויב, מיט פליגן נקודות באַלייגטע, האָבן נאָך כמורנער געמאַכט דעם האַרבסטיקן פאַרנאַכט. ער האָט אַ פאַר־טראַכטער צו זיך געקלערט: „ווי אין דרויסן אַזוי אויפן האַרצן".

שלמה׳קע איז געזעסן און געוואַרט ס׳זאָל צופאַלן די נאַכט, ס׳זאָל ווערן פינצטער, וועט ער קענען אַרויס פון שטעטל און זיך אומקערן אַ היים. נאָר וואָס טונקעלער ס׳איז געוואָרן, אַלץ אומעטיקער איז ער געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך אים געוואָלט דער פאַרנאַכט זאָל זיך ציען וואָס לענגער, זיך קיינמאָל ניט ענדיקן.

פון יעדן סקריפ פון דער גאַס טיר איז שלמה׳קען אַדורך אַ שוידער איבערן לייב. ער האָט צום טיר ניט געקוקט; ס׳זאָל אַמאָל עמיצן ניט איינפאַלן אַז ער שרעקט זיך. די מורא האָט דיקטירט זיין יעדן ריר, יעדע באַוועגונג — פאַרזיכטיק — ניט צום ציען קיינעמס חשד, ניט צום מאַכן קיינעם קלערן וואָס ס׳טוט דער פרעמדער בהור אין אַ בעקעריי פאַרנאַכט, ווען קיין ברויט איז שוין ניטאָ פון אינדערפרי אָן.

הינטן אין בעקעריי האָט עמיצער אָנגעצונדן אַ לעמפל, די טונקעלע ליכט האָט זיך געשאָטנט אויף די פאַרגרויטע ווענט ביז צום טיש. עפּעס האָט אין שלמה׳קען, אינעווייניק אַ צאַפּל געטאָן, ווי די שאָטנס וואָלטן שטומע צו אים גערעדט: — ס׳איז נאַכט, ס׳איז פינצטער, דאַרפסט שוין גיין! ער האָט שאַרפער אָנגעשפיצט זיינע טיפע אויגן צו דער פאַרשמירט־

ער שויב און אין דער שטיל, צו זיך אליין, צום צעלעכערטן אַלטן טיש איבער־גע׳חזר׳ט: — נאַכט, ס׳איז פינצטער, מ׳דאַרף שוין גיין!

שלמה׳קע האָט אויפגעהויבן זיין צוואַנציק יאָריקן גוף פון דער הילצער־נער באַנק. זיין פּנים האָט זיך צעקנייטשט און אַלט געוואָרן צוויי מאָל אַזויפיל... אין שטענדיקן ביינאַכט האָבן די שוואַרצע הערעלעך אונטער דער בלויער היטל געגרויט... געגרויט, דער שטערן האָט זיך געקאַרבט... דער מח געקלאַפּט... געקלאַפּט.

דורך די שויבן פענצטער שלאָגט אַרויס וואו ניט וואו אַ שוואַכע ליכט פון נאַפט־לעמפּלעך און מאַכט נאָך פינצטערער דעם דרויסן. שלמה׳קע האָט אַ ריב געטאָן די אויגן מיט דער האַנט, ס׳האָבן אַ בלעזל געטאָן אַ בונט מיט רויטע שטראַלכעלעך און אויף איין מינוט פאַרשטעלט דעם וועג. ניט גע־זען גאָרניט, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ טראַכט געטאָן: — דורך וואַנען גיין? אַן אימה האָט געוויקלט זיין גאַנצן גוף. ער האָט זיך ארומגעקוקט און געזען פאַר זיך ביידע גאַסן, איינע באַרג אַראָפּ, די וואָס פירט צום אַלטן מאַרק, צום פעסטונג. די צווייטע אויף לינקס, די תיפלה גאַס. איך בין דאָ אַ פרעמדער, אַליין, אין געפאַר, דורך וועלכער גאַס זאָל איך גיין? שטיי ניט. גיי! האָט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַ פעסטער ווילן. טאָרסט ניט שטיין! שלמה׳קע האָט זיך אַ שטויס געטאָן פאָרויס. כ׳וועל גיין, כ׳וועל גיין! דורך וואַנען גיין?.. האָט געמאַטערט דער מח. פאַרביי דער וואַסער מיל? דאָרטן קען מען אַ פּוסגייער באַגעגענען... דער בריקל איז צובראָכן, קיין פור קען דאָרטן ניט אַדורכגיין... אפשר... ניין! מען קען נאָך מיינען, אַז מ׳גייט גנב׳ענען... אפשר גיין צום וועג? צום שאָסיי... כ׳וועל פאַרבייגיין דער קאָמענדאַנטור, נאָך בעסער... ס׳וועט קיינעם ניט איינפאַלן... ס׳איז ליכטיק? נאָך בעסער, מיטן וועג... מיטן וועג... האָבן האַסטיק געשלאָגן די אַדערן אין קאָפּ.

אַ פאַרבלאָנדזשעטע פליג האָט אין דער נאַכט אַ זשום געטאָן און אַ קיצל געטאָן שלמה׳קען די ליפּ, ער האָט מיט דער האַנט איר אַ טרייב געטאָן און אַ גלעט געטאָן אויפן קיצלדיקן אָרט, אַ זיסקייט איז אים פון די שפּיץ פינגער צעגאַנגען איבערן גאַנצן מויל און זיך באַלד צוטראָגן אין אַ קאַלטן שוידער איבערן לייב... די זיסקייט האָט אים דערמאָנט וואָס ער טראָגט, אָנגע־שטופּט אין די מאַנקעטן פון די הויזן, ער האָט דערפילט די מאַנקעטן ווי זיי וואָלטן געוועזן צעווייטאָקטע גלידער... ביז די פראָשקעלאַך סאַכאַרין וואָס

זענען געלעגן אָנגעשטופּטע אין די מאַנקעטן האָט געשלאָגן דאָס בלוט פון זיינע אָדערן...

„די פליג איז מיר נאָכגעלאָפן" — האָט ער געטראַכט. ער האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט דער האַנט אַרויף און אַראָפּ און געשטעלט האַסטיקע טריט.

די אונטערשטע שויבן פון די קאָמענדאַטור פענצטער זענען געווען פאַר־קלעפּטע מיט פּאַפּיר, דורך די אויבערשטע האָט געשלאָגן אַ שטאַרקע ליכט, וואָס איז געפאַלן אויפן הויכן הילצערנעם פּאַרקאַן, און זיך צעגאָסן איבער די גרינע בלעטער וואָס זענען געהאַנגען אויף די אַרויסגעשטעקטע צווייגן פון גאָרטן. שלמה'קע האָט געקוקט אויף דער צעגאָסענער ליכט, אויף די פענצט־ער, אויף די בלעטער; אַ סיקען, אַ זשומען פון עפּעס אַ זאַך וואָס רייסט זיך אויף אַרויס האָט אים געלעכערט די אויערן און געשראָקן. דער סיקען איז אים נאָכגעגאַנגען. פּלוצלינג האָט ער טראַכט געטאָן: פון וואַנען אַזאַ ליכ־טיקייט? מסתמא פון אַ קאַרביט־לאָמפּ. ער האָט צו זיך אַ שמייכל געטאָן, „דערפאַר סיקעט דאָס אַזוי"....

די הייזקעס זענען געוואָרן שיטערער, די פייערלעך שוואַכער, בלאַסער. שלמה'קע איז געבליבן שטיין אויפן שיידוועג און צו זיך געטראַכט דורך וואַנען זאָל ער גיין. מיטן שאָסיי? ס'קען עמיצער אָנפאַרן. אַ סך מאָל פאָרן ביינאַכט סאָלדאַטן פון פעסטונג זוכן מיידלעך... עס האָט אים עפּעס אַ טרייסל געטאָן, ער האָט זיך אינסטינקטיוו אַ בויג געטאָן צו דער ערד און אַ טאַפּ געטאָן די מאַנקעטן פון די הויזן... כ'וועל גיין דורכן וואַלד בעסער... דורכן וואַלד?.. האָט דאָס אים לאַנג געקלונגען אין מח. ביינאַכט... דורכן וואַלד... וועלף הונגעריקע בלאַנקען אַרום איבער די וועלדער... אַ סך וועלד־ער האָט מען אויסגעשניטן האָבן זיך די וועלף פאַרקליבן אין די וואָס זענען נאָך געבליבן... וועלף... איינער נאָכן אַנדערן, ווי גרויסע הינט זאָבן זיי זיך געטראָגן פאַר זיינע פאַרגלעזערטע אויגן. כ'האָב נאָך קיינמאָל קיין וואָלף ניט געזען. ווי קוקט אויס אַ וואָלף? אַ ציטער האָט אים אַ וואָרף געטאָן. ניין! ניין! כ'וויל ניט זען קיין וואָלף... ניין! ניין! כ'וועל ניט גיין דורכן וואַלד! איבער די לאָנקעס... איבער די לאָנקעס... ער האָט אַ שלעפּ געטאָן די פיס צום גיין און באַמערקט, אַז ער שטייט אָנגעשפּאַרט אָן אַ גראָבן סלופּ. ער האָט אַרויפגעקוקט און דערזען דעם צלם. הינטער אַ שייבל אין אויבערשטן טייל פון סלופּ איז געהאַנגען עפּעס אין ווייסן געקליידט... שלמה'קע האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט. אַ געפיל פון שרעק האָט אים אַרומ־

גענומען, אַ ווידערווילן, ווער דאַרף דאָ האָבן די טומאה? אַוועק! אַוועק... האָט ער צו זיך געשעפּטשעט. דורך וואַנען זאָל איך איצט גיין? דורכן לאָנקע! איך האָב ניט קיין מורא פאַר קיינעם. ס׳איז שוין באַלד פּסח. ער האָט דערזען דער מאַמען, דעם טאַטן, דעם אינגערן ברודער, זיי זיצן אַלע און וואַרטן אויף אים... ערב פּסח, מצות, אַלץ האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ און פאַרטריבן די שרעק פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. ער איז האַסטיק אַריבער דעם שאָסיי, אַרויף אויף דער לאָנקע און אַוועקגעשפּאַנט.

שלמה׳קע איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל פעלד — דערהערט ער אַ קלאַפּערײַ פון רעדער, פון שווערע פערדישע טריט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן און געבליבן זיצן ווי אויף אַ בענקעלע... זיינע שפּיץ פינגער האָבן געגלעט די מאַנקעטן פון די הויזן... דער טראַסקען איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, אַלץ נאָענטער. עס האָבן זי געהערט רייד... דייטש... פּאָליציי... סאָלדאַטן... די הויט האָט אויף שלמה׳קען געציטערט. ער האָט דערהערט ווי דער וואָגן איז אַראָפּגעפאָרן פון שאָסיי, צום שטעטל צו... גוט וואָס איך בין ניט געגאַנגען דורכן שאָסיי. דער צלם וואָס שטייט אויפן שיידוועג פון שאָסיי, די ווייסע פיגור הינטערן שייבל... — זיך אומזיסט געשראָקן — זיי האָבן מיר גאָרניט געטאָן, זיי וועלן מיר פירן בשלום ביז מיין היים... ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דער ערד און אַוועקגעשניטן איבער די לאָנקעס.

:—: :—: :—:

דאָס צווייטע מאָל, ווי שלמה׳קע שמוגלט סאַכאַרין. דעם ערשטן מאָל איז ער געגאַנגען מיט דער מאַמען... דורכן וואַלד... פאַרטאָג... וואָס פאַראַ שרעקלעכע וועג דאָס איז געווען. זיי האָבן געהערט די שיסערײַ... אָן אַ זייט פון וועג. זייער גליק איז געווען וואָס מען האָט געכאַפּט אַנדערע. זענען זיי דערווייל אדורך, די צוויי ברידער האָט מען דערשאָסן... ער קען זיי, צוזאַמען האָבן זיי איינגעקויפט... שלמה׳קען איז געוואָרן קאַלט. ער האָט האַסטיקער געשטעלט די טריט טראַכטנדיק צו זיך: גוט וואָס כ׳גיי דורך די לאָנקעס, ווען כ׳גיי אַרויף אויפן שאָסיי וואָלט מען מיר שוין פון לאַנג געכאַפּט... דורכן וואַלד טאָר מען ניט גיין. די וואָך שטייט מיט שפּיר הינט, זיי דערשמעקן באַלד, נאָר דורך דאַנען... ער האָט אַ הויב געטאָן די אויגן און פון דערווייטן דערזען עמיצן שטייענדיק... שלמה׳קע איז געבליבן אַ פאַרגליווערטער. ווער קען דאָס זיין? ער האָט אַ טראָט געטאָן אויף צוריק

און די פיס האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן, דער שאָטן איז געוואָרן נאָך גרעסער. ווער קען דאָס זיין?

די פיגור פון דערווייטן האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט... ניין, דאַכט זיך מיט אַ ביקס... דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ, אין פּנים, דער גאַנצער גוף האָט געפּעלגערט ווי אין פייער... „מאַמע" — האָט ער אַ זאָג געטאָן און גלייך זיך געכאַפּט אַז ער איז אַליין. מיין מאַמע, דער טאַטע, דער ברודער זענען ערגעץ ווייט... ווייט...

שלמה'קע האָט דערפילט הינטער זיך דעם סלופּ מיטן צלם. ער האָט געוואָלט ארויפקוקן צום שייבל, צו דער ווייסער פיגורל... ער האָט זיך גע-וואָלט אָנשפּאַרן אָן שטאַם און דערפילט אַז ער פאַלט... ער פאַלט... ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט... עס האָט אַ צונד געטאָן אַ פונק אין געדאַנק: אויף פּסח, אויף פּסח... זיי האָסטו געראַטעוועט... מיר ווילסטו אומברענגען... זיי וואַרטן אויף מיר... מיין מאַמע... און ווי עס וואָלט אים אַ ווייע געטאָן מיט גבורה, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, זיך דערפילט שטאַרקער. „איך האָב ניט קיין מורא פאַר קיינעם", און האָט מיט האַסטיקע טריט געשפּרייזט אויף דער ווייכער גראָזיקער לאָנקע.

אַ שטאַרקער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן איבער די פעלדער, דער מענטש פון דערווייטן האָט זי אַ ריר געטאָן, שלמה'קע האָט דערזען ווי יענער בויגט זיך איין, ווי די האַנט מיטן ביקס פאַלן אים אַראָפּ. ער האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן, כ'וועל גיין, כ'וועל גיין!

וואָס נאָענטער ער איז געקומען אַלץ דיקער איז געוואָרן דער מענטש. זיין קאָפּ איז געוואָרן גרעסער... גרעסער. שלמה'קע האָט אָנגעהויבן ספקן. ס'איז ניט קיין מענטש, ס'איז ניט קיין מענטש, ער גייט ניט... ער שטייט... ער האָט גיכער אָנגעהויבן לויפן אַנטקעגן.

ס'איז גאָר אַ בוים... אַ בוים מיט שאָקלענדיקע צווייגן...

שלמה'קע איז צוגעפאַלן צום בוים, אים ארומגענומען מיט זיינע ציטער-דיקע הענט, זיך געטוליעט און געגלעט זיין קאָרע, טראָפּנס טרערן האָבן זיך געגליטשט צום שטאַם, און די ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— אַ בוים! אַ בוים! נאָר ניט קיין מענטש...

פֿאַרוואַלגערט זיך אַ פֿונק

— הערריין, הע-רר-יין! — האָבן גערעוועט גרילצנדיקע סאָלדאַטסקע קולות — העררייז! האָבן זיי געשטויסן מיט די קאָלבעס פֿון די ביקסן און געהאַקט ווי אין איינגעלייגטן קרויט.

אַ מענגע אידן האָבן זיך געשטויסן אויף דער משופּע'דיקער ברעט — וואָס איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אָן דער ברייטער טיר פֿון משא וואַגאָן...

צונויפֿגעקוועטשטע אָפּגעשאָרענע קעפּ, ווי אָנגעזעצטע שוואָמען אויף פּעטער וואַלדיקער ערד האָבן זיך גערירט; אָפּגעריבענע היטלען מיט דורכגעפּעטסטע דעקלעך, אָפּגעקראָכענע טיכלעך, די פּנימ'ער צו דער ערד, פֿאַר חרפּה, פֿאַר ווייטאָג, פֿאַר צער, פֿאַר בושה...

— העריין! העריין! שמוציקע יודען! — האָט ווילד געברילט אַ הינטיש קול, זיך געריסן פֿון אַ פּאָר הזירישע ליפּן, וואָס האָבן פֿאַר יעדער ריטשע פֿאַרמאַכט די פֿאַרזשמורעטע אויגעלעך און אַ שפּיי געטאָן צו דער מענגע אידן וואָס האָט זיך געשטויסן צו דער טיר פֿון משא וואַגאָן...

— שלאָג ניט... שלאָג ניט! — האָט זיך דערהערט אַ ציטעריק שטים. אַ ווייסער בלאַסער פּנים האָט זיך געהויבן פֿון צווישן די פּאַרדריקטע קעפּ. די באַזילבערטע באָרד, די גרויסע גרויע ברעמען האָבן אַ בליאַסק געטאָן אַנטקעגן דער פֿאַרגייענדער זון, אַ פּאָר בלויע אויגן האָבן אָנגעקוקט דעם פֿאַרשטיינטן סאָלדאַטל מיט די פֿאַרזשמורעטע אויגעלעך — שלאָג ניט, כאַם! ס'וועט דיין סוף אויך קומען...

— שווייגן, יודע! — האָט אויסגעשריען אַ הויכער אָפּיצער, וואָס האָט די גאַנצע צייט באַטראַכט דאָס פֿאַרלאָדן די „יודען-פּי" אין וואַגאָן, די רעכטע האַנט האָט ער געהאַלטן אויף דער הענטל פֿון רעוואָלווער, וואָס האָט

געשטעקט אין אָפענעם שיידל און מיט דער לינקער צוגעהאַלטן די פּענסנע, אויפן דעקל פון דער אויבערשטער קעשענע זענען גהאַנגען צוויי שלאַנגיקע זילבער בוכשטאַבן „ס. ס.".

— נאַ, אָט האָסטו בלינדער הונט! — האָט אויפגעהויבן דער אַלטער ביידע הענט אין דער הויך און אויסגעשטעלט די ברוסט צום אָפיצער, זיין גוף האָט זיך אויפגעהויבן, געוואָרן העכער; זיין פּנים בלאַסער, ווייסער. — הינטישע זין! צאַפּן אונזער בלוט!

די גאַנצע מענגע מענטשן איז פאַרגליווערט געוואָרן, געבליבן שטום ווי אויף אַ טהרה ברעט — שטום, טויט.

רואיק, געלאַסן, ווי אַ קאַץ ביי דער מויז נאָרע, האָט דער אָפיצער גע־צויגן דעם רעוואָלווער פון שיידל.

דער אַלטער האָט מיט זיינע טיפע אויגן געקוקט אים גלייך, גלייך אין פּנים...

ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט אַ שאָקל געטאָן דער גאַנצער מענגע מענטשן. אַלע האָבן ווי פון חרפּה ארויסגעשלעפּט זייערע אויסגעדאַרטע פאַרצערטע פּנימ'ער און זיי אויפגעהויבן צום „בלינדן הונט" וואָס איז גע־שטאַנען ווי פאַרגליווערט, מיט אַ רויטן צווישעטן פּנים.

די זילבערנע רערל פון רעוואָלווער האָט געצילט צו דער אויסגע־שטעלטער ברוסט. ווי דער עכאָ פון אַ דונער האָט אָפּגעהילכט אין דער לופט איין שטאַרקע שטים פון דער גאַנצער מאַסע:

— ניין! שיס ניט!

דער סאָלדאַטל מיט די גראָבע חזירישע ליפּן האָט פאַרזשמורעט די אויגעלעך און געקוקט אויפן אָפיצער.

ווי ס'וואָלט זיך אַ בראָך געטאָן אַ גראָבע גלאָז — און פאַרשטומט — האָט זיך געהערט אַ שאָס, וואָס האָט פאַרשלונגען דעם עכאָ פון די געשרייען: „שיס ניט"!

— ר' משה! ר' משה — האָבן וויינענדיקע קולות געשריען פון טיפן וויטאָג.

— טאַטע! טאַטע! — האָט זיך געהערט אַ צעוויינטאַגטע מיידלשע שטים. אויף איר אַקסל האָט זיך אָנגעשפּאַרט די ווייס־גרויע קאָפּ. זי האָט

געגלעט מיט איר קינדעריש צאַרטער האַנט דעם בלאַסן פּנים. דעם אַלטנס טיפע אָפענע אויגן האָבן מיט ביטול געקוקט צום „בלינדן הונט”.

:—: :—: :—:

די ברוין רויטע פאַרב אויף די ברעטער פון פאַרמאַכטן, פאַרקלאַפּטן וואַגאָן האָבן געפינקלט ווי פאַרגליווערט בלוט אַנטקעגן די לעצטע שקיעה שטראַלן פון דער זון, און זיך געשאַרט ערגעץ וואו צו אַ פינצטערן ציל...

פון דרום זייט האָבן זיך איבערן הימל געשטויסן גרויסע שוואַרצע וואָלקנס, ווי פינצטערע בערג וואָלטן זיך שטופּן צו דער ערד און איר וועלן פאַרדעקן אויף אייביק.

ווי שווערער בליי האָבן זיך געצויגן די לעצטע רגע'ס פון זון פאַרגיין און פאַראומערט, פאַרכמורעט דעם האַרבסטיקן בין־השמשות.

די שווערע שטאָלענע באַן־רעדער טראַסקען איבער די געשוויסטע אָפּ־רוקן פון די רעלסן, פון מאָל צו מאָל גיט זיך אַ ריב זייער אייזערנע לייב איינע אָן דער צווייטער און ווי זיי וואָלטן אויף געוואַלד זיך צעשיידן הערט זיך אַ פּייפּיקער קרעכץ וואָס פאַרגייט באַלד פונדאַסניי אין אַ טראַסקען: טראַך — טראַך — ראַך, — ראַך.

עס סאָפּעט שווער דער לאָקאָמאָטיוו, אָטעמט מיט זיין טויזנט פּודיקן אָטעם, וואָס ברענט זיך אין גליאיקן פייער. אַ פּאָר באַהענטשקעטע גרויסע הענט האָבן אַ שאָט געטאָן אַ רידל שטיינקוילן, עס האָט אַ זשאַרע געטאָן דער פייער און אַרומגעכאַפּט דעם שוואַרצן קויל מיט זיינע גיהינומישע רויטע פּיסקעס. די הענט האָבן אויטאָמאַטיש אַ צי געטאָן דעם רידל צוריק. ער האָט דערפילט די שטאַרקע היץ אין די גראָבע פינגער דורך די פאַרפעטסטע, פעך שוואַרצע פאַרשמאָלעטע הענטשקעס. די גרויע אויגן אונטער די אָפּגע־סמאָליעטע ברעמען זענען געפאַלן אויפן צוטריקנטן, אַרומגעברענטן הילצער־נעם הענטל פון דער לאָפּעטע, וואָס שיט שוין אַ סך יאָרן קוילן אין אויוון — נאָך לענגער אפשר ווי די הענט וואָס האַלטן אים... דער הייצער האָט אַ פיר געטאָן זיינע אויגן צום מאַשיניסט, וואָס איז געשטאַנען און געקוקט אויפן קראַפּט ווייזער — זיין קוק האָט אים דורכגעשטאָכן דורך און דורך.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט אים דער מאַשיניסט מיט אַ פאַרקלעמטער שטים געפרעגט.

דער אויוון הייצער האָט געשוויגן. זיין בליק האָט נאָך שאַרפער גע־שטאָכן.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקוקט אויף מיר מיט ווילדע אָנגעצונדענע אויגן?

— גאָרניט — מ׳דאַרף בעסער שווייגן...

— שווייגן? פאַרוואָס? וואָס האָסטו צום זאָגן... האָסט עפּעס געזען?

דעם הייצער זענען פאַרלאָפן די אויגן מיט אַ פייכטער רויטקייט. ער האָט זיך אַריינגעפרעסן מיט זיין בליק אין מאַשיניסטס אויגן און געוואָלט אויסשפירן צו ער מעג עפּעס זאָגן... „ער איז אַ לומפּ... אַ פאַלשער״... האָט אַ פינקל געטאָן אַ געדאַנק אין זיין מח. די ליפּן האָבן אינסטינקטיוו אַרויס־געשטאַמלט:

— דו האָסט דאָך אויך געזען, פאַרוואָס האָט ער אים געשאָסן, דעם אַלטן מאַן.

זיין שטים האָט געציטערט קאָנוואולסיוו.

— ער איז דאָך אַ איד! — איך האָב גאָרניט געוואוסט אַז דו בינסט אַ אידן פריינט. דו ברענג מיר בעסער זיין טאָכטער מיט די שוואַרצע אויגן, דעם אַלטן האָט שוין דער טייוול גענומען!

אין זיין שטים האָט זיך געפילט ליצנות, געצוואונגענע, געמאַכטע האַרטקייט.

— דו זאָגסט ניט דעם אמת, דו נאַרסט, דו בינסט דאָך ניט קיין חיה... דו וואָלסט דאָס געקענט טאָן? איך ניט! איך קען דאָס אפילו ניט זען, ס׳וואָלט מיר געוועזן לייכטער זיך צום הרגענען ווי אַ אומבאַשיצטן אַלטן מאַן פאַר די אויגן פון זיין טאָכטער. ס׳איז דאָך גרוילעך.

— אָ, מ׳קען דאָך אַזוי ניט דענקען ווען קיין „יודע״, מיר מוזן דאָך באַ־פרייען „דאָס פאָטערלאַנד״ פון פאַרשאָלטענעם „יודען געזינטל״ — האָט דער מאַשיניסט שטרענג גערעדט — אַרבעט! אַרבעט ווייטער...

— „יאָוואָל״! מען דאַרף אַרבעטן, אַרבעטן און שווייגן... ווי די דומע פערד, דו האָסט דאָך שטענדיק מער גערעדט פון מיר, האָסט דאָך „אימער״ היינעם לאַרעליי געזונגען. דער איז דאָך אויך געווען איין „יודע״...

דער אויוון הייצער האָט פאַרביסן די צעטריקנטע ליפּן און אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע צעגליטע רויטע אויגן האָבן שאַרף געמאָסטן דעם מאַשיניסט,

ער האָט אָנגענומען אַ פולן רידל מיט צעקרושלטן שטיין קויל, אַ שאָט געטאָן אין אויוון. עס האָט אַ פלאַם געטאָן דער פייער און פאַרכאַפּט מיט זיינע רויטע צינגער דעם שוואַרצן קויל.

אַ פּעך שוואַרצע נאַכט האָט פאַרדעקט דעם גאַנצן אַרום. די צעפייער-טע קוילן־פונקען וואָס זענען געפאַלן דורכן רער צו דער ערד האָבן געצונדן די געדיכטע פינצטערניש, די ליכט פראָזשעקטאָרן פון לאָקאָמאָטיוו זענען געהאנגען פאַרלאָשענע און דערמאָנט, אַז אין מלחמה צייט טאָר מען זיי ניט נוצן, זיי קענען ציען די אויפמערקזאַמקייט פון שונא׳ס עראָפּלאַנען. נאָר דער גלאַנץ פון די גלאַטע רעלסן האָט זיך אויסגעשיילט ווי העלע צייכנס וואָס לויפן פאָרויס און ווייזן דעם וועג... דער סאָפּען פון דער געדיכטער פאַרע האָט געשניטן די טויטע שטילקייט.

דער הייצער איז געזעסן אַנטקעגן אויוון טירל און אריינגעקוקט אין פייער.

— וואָס פאַרא כח ס׳ליגט אין דעם פייער — האָט ער צו זיך גע-טראַכט, — מאַכט זידן דעם וואַסער, פאַרוואַנדלט אים אין דאַמף, וואָס שלעפּט די שווערסטע משא, פייער קען באַלייכטן אַ וועלט און מיר פאָרן אין דער פינצטער... דעם פייער נוצן מיר צום פאַרניכטן. ער האָט אַ הויב געטאָן די אויגן צום אָפענעם פענצטער, פאַר זיינע אויגן האָט אַ פינקל גע-טאָן אַ העלקייט, אַ בלאַסער פנים, ער האָט קלאָר דערזען די באַזילבערטע באָרד פון אַלטן איד. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט, דאָס בענקל האָט אַ סקריפּ געטאָן און מיט אַ קרעכץ האָט ער זיך אַ זעץ געטאָן אויף צוריק.

— פּרעטשנער, קום אַהער! שיט אריין עטלעכע רידלעם קוילן און שטעל זיך דאָ אַנטקעגן קראַפּט צייגער. זאָלסט ניט לאָזן לויפן מער ווי אויף פערציק וויאָרסט! זאָלסט אַרויסקוקן דורכן פענצטער! טאָמער באַ-מערקסטו רויטע סיגנאַלן זאָלסטו גלייך אָפּשטעלן, הערסט? זאָלסט זיך ניט פאַרטראַכטן און זאָלסט ניט פּרואוון דרעמלען האָט אים דער מאַשיניסט פאַראָרדנט.

פּרעטשנער האָט זיך צוגעשאַרט צום צווייטן פענצטער. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פנים צום טאָפל און זיך פאַרטראַכט אויפן וויאָרסטן ווייזער, אין קאָפּ האָבן זיך ווי שווערער בליי געצויגן די געדאַנקען — „ווי קען מען אַזוי קאַלטבלוטיק הרגענען?“

— אָבער צום טייוול, איך בין דאָך איין „דומער קערל". איך פרעג אויף דעם אַלטן אליין וויסנדיק, אַז מען פירט זיי אַלע צום טויט... יע! צום טויט! — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, ביז עס האָט אים אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ אַ נייער געדאַנק — „איך פיר זיי אַלע צום שלאַכט הויז". ער האָט דערפילט ווי ס'שלאָגט אים דאָס בלוט פון אַלע רערן צום קאָפּ, עס איז אים געוואָרן שווער צום שטיין. די האַנט האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אייזערנעם הענטל און אים אַראָפּגעדריקט. די רעדער האָבן אָנגעהויבן האַסטיקער קלאַפּן איבער די שטאָלענע רעלסן. פון אַנטקעגנדיקן ווינקל האָט זיך געהערט דאָס כראָפּען פון מאַשיניסט, פרעטשנער האָט ארויסגע־שטופּט די קאָפּ דורכן פענצטער. די פאַרגלעזערטע אויגן האָבן געקוקט צו די הינטערשטע וואַגאָנען, אין דער פינצטערער שטילקייט האָבן זיך דער־טראָגן מידע קרעכצן פון ווייטאָג. „איך פיר זיי צום טויט" — האָט ער אַ בורטשע געטאָן „אַלע צום שלאַכט הויז"! — „איך"! ער האָט אַ הויב גע־טאָן די קאָפּ פאָרויס. עס האָבן אַ פינקל געטאָן רויטע פייער סיגנאַלן אין זיינע פאַרגלעזערטע אויגן. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צום הענטל, עס האָט זיך געהערט אַ טעמפּער ריס ווי עס וואָלט אַ שטאַרקער דונער דעם הימל צעריסן, שטיקער אייזן און האָלץ, רויטע פייער צונגען, פלייש און בלוט האָבן זיך געמישט מיט דער ערד אין דער פינצטערער נאַכט...

פאַרשידענע צייטן

אַז ס'פלעגט אויסקומען צו פאָרן מיטן פור אין אַ צווייטע שטאָט, פלעגט ר' יצחק באַלד אויסנעמען מיטן בעל עגלה, אַז: אָדער ער וועט זיצן אויפן מיטלסטן געזעס אָדער אויפן הינטערשטן — אָבער אויפן סאַמע פאָדערשטן צוזאַמען מיטן פורמאַן, פאָרט ער ניט, אַלע בעלי עגלות האָבן דאָס געוואוסט! און אַז ר' יצחק פלעגט אַראָפגיין פון באַן, פלעגן זיי שוין אונטערשרייען — ר' יצחק! איך האָב פאַר אייך אַ מיטלסטן פלאַץ — אַ הינטערשטן, ר' יצחק!

עפּעס האָט ר' יצחק געפילט אַ אינערלעכן ווידערגעפיל צו די לייצעס, צום פערד און וואָגן האָט ער גאָרניט געהאַט — וואָס קען מען צו זיי האָבן? אָבער אָנטרייבן אַ פערד און וואָגן, האָט אים אויסגעקוקט צו פּראָסט. ווער טרייבט אָן אַ פערד? — אַ פורמאַן. ווער איז אַ פורמאַן? משה מאַזור, אַלט־ער פלאַמטשיק, פעלך דער רויטער. ווער איז אַ פורמאַן? — פלעגט ער זיך אַליין פאַרענטפערן זיין ווידערגעפיל.

מיין טאַטע — פלעגט ער טראַכטן — האָט געהאַנדלט מיט וואַלד, גע־האַלטן אַ הויף אין אַרענדע — נו, האָט ער אַמאָל געטריבן אַליין אַ פערד? גאָט זאָל אָפּהיטן! ער האָט געוואוסט, אַז צו אַ פערד און וואָגן דאַרף מען אַ טרייבער.

אזוי האָט ר' יצחק אָפּגעלעבט כמעט אַ לעבן. געהאַט אַ פאַבריק פון חזיר האָר — און אַז די אַרבעטער זענען אין יאָר 1905 אריינגעקומען אין אַ מיטן העלן מיטוואָך און געסטראַיטעט מיט אַ האַק: — מיר וועלן אייך אומ־ברענגען! — האָבן זיי געשריגן — מיר וועלן מאַכן אַ סוף צו דער אונטער־דריקונג — איז ר' יצחק געשטאַנען אַ צעשראָקענער מיטן פלייצע צום וואַנט און זיך געוואונדערט: אָבער וואָס האָט איר צו מיר? אומזיסטע תביעות — איך קום אייך דען איין גראָשן? מען האָט ביי מיר אַמאָל געאַרבעט

שבת? איך האָב זיך מיט אימיצן געקריגט? וואָס ווילט איר, די פאַבריק? נעמט אייך דעם שליסל און לאָזט מיר צו רו; וואָס הייסט, איר הויבט אויף מיר אַ האַק? און נאָך ווער: אַ איד אויף אַ אידן!.. די בערשטער האָבן זיך איבערגעקוקט. חיים מייטשוקס, דער אָנפירער פון די סאַבאָטאָוסטשיקעס, האָט אַראָפּגעלאָזן די האַק, זיך פאַררויטלט און געזאָגט: „איר פאַרשטייט ר' יצחק מיר זענען דאָ ניט אויסן אייך. וואָס מיר ווילן, איז: אַראָפּזעצן דעם צאַר! באַפרייען רוסלאַנד ווילן מיר, אַ סוף מאַכן צו די פּאָגראָמען אויף אידן... מען זאָל אונז לאָזן לעבן ווי מענטשן..."

ביי די לעצטע ווערטער זענען אַלע געבליבן שטיל, אַן אומרואיקער ציטער איז אַדורך איבער אַלעמענס לייבער. ר' יצחק האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס זיי פאָדערן, און מיט אַן אָנגעשטרענגטן קול, ווי ער וואָלט עפּעס גע-זאָגט וואָס מען טאָר ניט, אַ בורטשע געטאָן: גייט קינדערלעך, מיט מיר האָט איר ניט וואָס זיך צום דינגען — הלואי זאָלט איר מצליח זיין...

:—: :—: :—:

אין שטעטל האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון סטרייקן, פון בונטן וואָס קומען פאָר אין אַ סך ווייטע און נאָענטע געגנטן. אַרבעטער האָבן אומגעבראַכט זייערע בעלי בתים. פּאָליציי האָט געשאָסן און די סטרייקער אַרעסטירט, געשלאָגן. ר' יצחק פלעגט נאָכן דאַוונען, ביים אהיימגיין, זיך פאַרטראַכטן וועגן די אַלע זאַכן, אין די אויערן האָבן אים געקלונגען חיים מייטשוק'ס רייד — „אַ סוף מאַכן צו די פּאָגראָמען אויף אידן, מען זאָל אונז לאָזן לעבן ווי מענטשן"..! אָבער דער שאַרף פון דער האַק וואָס ער האָט איבער אים אויפגעהויבן איז אים אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן, און ניט גע-לאָזט אים רוען, „זיי זענען גערעכט", „זיי זענען גערעכט", האָט ער גע-טראַכט, אָבער, ביי מיר וועט מען שוין מער קיין חזיר האָר ניט באַרשטן... זאָלן זיי זיך זוכן אימיצן אַנדערש אויף וועמען צום הויבן אַ האַק, „אַ סוף מאַכן צו די פּאָגראָמען" און זיי אליין וועלן הויבן אַ האַק אויף מיר...

:—: :—: :—:

עס זענען אַוועק יאָרן, עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה. אויפן צעמענטענעם בריקל פון ווייסן מויער, אַנטקעגן מאַרק, שטייט ר' יצחק און קוקט אין גאַס — קוקט אין דער וועלט אריין... אַ בייזער אומעט ליגט

אויסגעגאָסן איבערן שטעטל — מען זעט ניט קיין פור, מען זעט ניט קיין מענטשן. די לאָדנ'ס און טירן פון בעקל'ס שיינק זענען פאַרמאַכט, פאַרקלאַפּט, ער איז שוין פון לאַנג אַנטלאָפן... אַלע לאָדנ'ס זענען פאַר-קלאַפּטע, אוואו ניט וואו, זעט זיך אַן אָפענער לאָדן, פון צווייטן זייט מאַרק זעט זיך, ווי ביי נח דעם שניידער עפנט זיך די טיר. נח גייט אַרויס, קוקט אַריבער צום בריקל, און לאָזט זיך גיין איבערן מאַרק, ער פאַרריסט אַלעמאָל דעם קאָפּ צום הימל, זען צו ס'פליען ניט קיין עראָפּלאַנען... נעכטן אין דער זעלבער צייט זענען זיי געפלויגן, איין באָמבע איז אַראָפּגעפאַלן אויפן אַפּטייק און אַראָפּגעהאַקט דעם גאַנצן דאַך, די צווייטע איז געפאַלן אין מיטן מאַרק. עס הערט זיך דער אָפּהילך פון קאַנאָנען שאָסן. אויפרייסן פון שטאַרקע באָמבעס, — ווייט, פאַר מיילן...

— ווי געפעלט אייך ר' יצחק אַזאַ אומגליק מען זאָל ניט קענען קריגן אַ שטיקל פור צום אַנטלויפן כאָטש מיטן לעבן? איך קלער שוין גאָרניט וועגן עפּעס מיטנעמען. צוויי מאָל האָט מען שוין געשיקט אָנזאָגן פון דער וואַך, איך זאָל אַרויספאָרן. איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן מיר קריגן אַ שטיקל פור, איך וועל באַצאָלן וויפל מען וויל, אַוואו וועלן זיי איצט קריגן אַ פור...? אָפּגערעדט מיט דראָזדזש'ן: איך וועל דיר באַצאָלן וויפל דו ווילסט!.. אָפּ-געגנייט פאַר אים אַ לעבן — אַ גוטער גוי דער דראָזדזש! — האָט מורא פאַר זיין אייגענעם לעבן. וואָס טוט מען ר' יצחק? דאַכט זיך, מיר זענען דאָ די לעצטע... אויף אייך, איז מיר אַ וואונדער... איר האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט אַוועקפאָרן... מען וועט דאָ קיין גוטס ניט דערלעבן, אפשר — חלילה — גאָרניט דערלעבן...

ר' יצחק איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, אויסגעהערט נח דעם שניי-דער און געקלערט וועגן זיך אליין, ער האָט אויך אָפּגערעדט מען זאָל אים קומען נעמען, מ'קען זיך דען רייסן, יעדערער וויל אַנטלויפן מיטן לעבן... אפשר וועט ער קומען, אויף קיין פורמאַן קען מען זיך צופיל ניט פאַרלאָזן, נאָך אין אַזאַ צייט. אין דרויסן, איז געוואָרן טונקעלער... פאַרנאַכטיק. איבערן שטעטל איז געלעגן אַ שווערער אומעט, פון דרום זייט האָט זיך דערנענטערט אַ גרויסע דיקע שוואַרצע כמאַרע, ווי זי וואָלט געהאָלפן גיכער פינצטער מאַכן, גיכער ברענגען די נאַכט. פון דער צווייטער זייט, איבערן טייך, האָבן זיך געזען גרויסע זיילן מיט שוואַרצן רויך. עס האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער אויפרייס גאָר נאָענט, פון טייך האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואַנט מיט וואַסער — ווי אַ שטיק כמאַרע, אין דער לופטן האָבן זיך געזען די פייער שניטן פון

אויפגעריסענע באָמבעס. ר׳ יצחק איז געשטאַנען אויפֿן בריקל און נח דער שניידער איז געשטאַנען לעבן בריקל און ארויסגעקוקט:

— ווען מ׳זאָל זיך געוועוען ריכטן אויף אַזאַ אומגליק, האָט מען געקענט אליין האָבן אַ פערד און וואָגן...

פון ווייטן — צום אַלטן מארק צו, האָבן זיך געהערט טעמפּע קלעפּ פון רעדער איבערן ברוק אוןביידע אידן האָבן אין שרעק אַ טראַכט געטאָן — פאַר וועמען וועט דאָס זיין?

באַלד האָט זיך דערהערט דער אָפּהילך פון מער ווי איין וואָגן... ביידע זענען רואיקער געוואָרן — „ס׳פאָרן פורן ר׳ יצחק, ס׳פאָרן אַ סך פורן”... האָט נח געזאָגט.

— ווער זאָל זיך געוועוען ריכטן, אַז אַ פערד און אַ וואָגן מיט אַ בעל עגלה איז אַזאַ גרויסע זאַך, האָט זיך ר׳ יצחק געטראַכט צו זיך אַליין. און אין גערויש פון די זיך דערנענטערנדע פורן זענען עפּעס ווי איינגעשלונגען גע-וואָרן די וועלדער. די הייזער און זיין חזיר-האָר-פאַבריק. פערד זענען גע-פאָרן, פערד און וואָגן... און די פייער צונגען פון די נאָענטע אויפרייסן האָבן זיי באַלויכטן דעם וועג.

II

די דריי צויבער - קעניגן

כּילבערטיקאָ איז אַ ברוינינקער; ברוין ווי געברענטער קאַפע, ניט ווייל די זון האָט אים אָפּגעברענט, נאָר ווייל ער איז אזוי געבאָרן געוואָרן. ווען ער וואָלט ניט אָנגעהויבן ארויסגיין אין גאַס, זיך דערשלעפּן ביז צום ראָג און אַמאָל פאַרקריכן ביז צום שפּיטאָל פּאַרק, וואָלט ער דאָס גאָרניט געוואוסט. אין גרויסן סאָלאַר, אוואו ער וואוינט מיט זיין טאַטן און מאַמען, זענען אַלע קינדער ברוינע, פאַראַן נאָך טונקעלערע ווי ער... פאַראַן נאָר איין מיידעלע דאָרטן אַ ווייסערע, האָט ער שוין אַ פּאָר מאָל געפרעגט זיין מאַמען פּאַרוואָס ראָסיטאַ האָט אַ קאָליר פון געקאָכטע קאַרטאָפל...

— ווייל זי איז אזוי געבאָרן געוואָרן! — האָט די מאַמע אים קורץ געענטפערט.

אויף די עלטערע איז אים גאָרניט איינגעפאַלן צום פרעגן...

כּילבערטיקאָ איז אונטערגעוואָקסן און זיך אָנגעהויבן אַרומשלעפּן איבערן דורכגאַנג פון סאָלאַר, ארויסקריכן פון טיר. ער איז שוין אַלט געוועזן אַ יאָר זיבן, כאָטש ער האָט נאָך אויסגעקוקט פון פינף. די קורצע פיסעלעך אונטערן גראָבן בייכעלע האָבן אַלע מאָל זיך פאַרטשעפּעט אָן די אויסגעריסענע שטיינער פון גרויסן הויף און אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד. ער פלעגט אַ קרעכץ טאָן און זיך רוקן ווייטער. אַז דער ווייטאָק איז געווען גאָר שטאַרק, פלעגט ער זיך אַרומקוקן צו קיינער זעט ניט, אַ וויש טאָן מיט די שמוציקע פינגערלעך אונטער די רויטינקע אויגן. זיין הענטל איז געוואָרן פייכט און ער האָט זיך געשאַרט ווייטער, אַבי קיינער זעט ניט. מער פאַר אַלץ האָט ער מורא געהאַט טאָמער דערזעט די מאַמע, זי וועט אים נאָך גוט אָנקלאַפּן און ניט לאָזן מער ארויסגיין פאַר דער טיר. פאַר דער מאַמעס קלעפּ האָט ער געציטערט, זי שלאָגט שטאַרק און שרייט נאָך

שטארקער... ווען די מאמע שלאגט אים בעט ער גאט, אז דער טאטע זאל שוין גיכער אנקומען. דערהערט זי נאר דעם טאטנס טריט, הערט זי אויף צום שלאגן און פארענטפערט זיך, דער טאטע האט זיך שוין ניט איינמאל אנגענומען פאר אים און געשלאגן דער מאמען, ווייל ער האט געטראפן ווי ס'גיסט זיך בלוט פון כילבערטיקא'ס מויל.

שטייענדיק לעבן טיר פון סאלאר איז כילבערטיקא'ן פלוצלינג ווי פון דער העלער הויט אריין א געדאנק. ער האט א הויב געטאן די הענטלעך צו די אויגן:

זע נאר, איך בין א טונקעלער. דאס אינגעלע וואס איז פארבייגעגאנגען איז אנדערש, אזוי ווי מען וואלט אים אפגעבאדן אין מילך, נאך ווייסער פון ראסיטען. ער האט א קוק געטאן אויף זיינע בארוועסע פיסלעך, וואס זענען געווען שמארק שמוציק און זיך אראפגערוקט פון שוועל צוריק אויף אינעווייניק אין סאלאר.

כילבערטיקא איז צוגעקומען צום טיר פון ראסיטעס צימער און דארט ארייגעקוקט. ראסיטעס מאמע איז געשטאנען און געפרעסט. אויף א קעסטל דערנעבן איז געלעגן א בארג מיט אויסגעוואשענע צעקנייטשטע וועש, זי האט זיך א בויג געטאן צום טיר און איבערגעביטן דעם אייזערנעם פרעגל אויף א צווייטן, וואס האט זיך געווארעמט אויף צעפלאמטע קוילן אויף א גרויסער פירקאנטיקער פייערקע, וואס איז געשטאנען אויף א פוס אויף דער ערד.

כילבערטיקא'ן איז אדורך א געדאנק: „זי איז דאך אויך אזא ווייסע ווי ראסיטא". די פרוי האט אים דערזען אנטקעגן טיר און פריינטלעך געפרעגט:

— וואס ווילסטו שווארצינקער?

— גארניט... האט ער געענטפערט ווי פון חלום און זיך אוועקגעשארט ווייטער צום לעצטן צימער. גייענדיק האט זיך אים געפלאנטערט אין קינדערישן מוח'ל: „איך בין א שווארצינקער... ראסיטע איז א ווייסע"...

כילבערטיקא איז אריין אין צימער און זיך אוועקגעזעצט אויף זיין בענקעלע — א פירקאנטיקע הילצערנע קעסטעלע. אויפן קאלירטן פאפיר וואס האט פארדעקט איין זייט, זענען געווען אויסגעמאלן עטלעכע גרויסע עפל, פון קעסטעלע האט געשלאגן א ריח פון פרוכט, ער האט געלאסן בא-

טראַכט זיינע הענט, אַראָפּגעקוקט צו די באָרוועסע פיסלעך און געטראַכט וועגן זייער קאָליר...

אין טיר האָט זיך באַוויזן דער טאַטע.

— וואָס זיצסטו אַזוי? מען האָט דיר געשלאָגן?

— ניין, טאַטע! ניין! קיינער האָט מיר ניט געשלאָגן, די מאַמע איז ניטאָ. ער האָט שטאַרק צעעפּנט די ריטינקע אויגעלעך און אָנגעקוקט דעם טאַטן... אין קינדערישן מוח'ל האָבן זיך געפּלאָנטערט דער מאַמעס רייד: „מיר זענען אַזוי געבאָרן געוואָרן"...

∷ ∷ ∷

יום טוב'דיקע טעג האָבן זיך אויסגעלייגט אין די טונקעלע, פּייכטע צימערלעך פון אַלטן סאָלאַר. עפּעס האָבן די רייד געמאַכט העלער די גרויע ווענט פון וועלכע עס האָט זיך אומאויפהערלעך געשאָטן דער צעטריקנטער זאַמד און ליים. עמיצער האָט אויפן זונטיק-פרימאָרגן אָפּגעקאַלכט די שטיקל וואַנט אַרום דער טיר. האָבן אים די שכנים געבעטן אַנטלייען דעם עמער און דעם פּענזעל, וועלן זיי אויך קויפן אַביסל וואַפּנע און אים נאָכטאָן.

צימער נאָך צימער, האָט יעדער פאַרקאַלכט די גאַנץ יאָריקע גרויקייט אַרום די טיר לעכער. אָבער די צעבערענטע ברוינע פאַרב אויף די צעטריקנטע אַלטע טירן איז געוואָרן נאָך גרויער, נאָך שוואַרצער, ווי עס וואָלט אויף זיי אַרויפגעשאָטנט די עלטער און זיי נאָך מערער צעקראַצט און צעקאַרבט.

אַ סוף יאָריקע זון האָט אַ לייכט געטאָן אויף די פאַרפאַרבטע שטיקער ווענט איבער דעם ווייסן קאַלך און אויסגעגאָסן די פרייד פון אַן אָפּגעלעבטן, איבערגעקומענעם יאָר און די האָפענונג אויף אַ בעסערן...

די קולות פון די שכנים האָבן געקלונגען פרייליכער. דאָס „ניי יאָר" וואָרט האָט זיך געפלאָכטן אין אַלע רייד און זיי געמאַכט היציקער, הייסער.

פון מאָל צו מאָל האָט מען געזען עמיצן אַריינטראָגן אַ פּעקעלע אין הויף, איינגעוויקלט אין פרישן פּאַפּיר. קיינער האָט ניט געדאַרפט פרעגן — אַלע האָבן געוואוסט, דאָס איז אויף ניי יאָר.

ערב ניי־יאָר פרימאָרגן איז דער הויף געוואָרן אַ בינשטאָק. קיינער איז ניט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט, אַריין און אַרויס, דער אַלטער סאָלאַר

איז אַנגעפּילט געוואָרן מיט זיסע ריחות, ווי עס וואָלט דאָרטן געווען אַ בעקעריי אָדער גאָר אַ בשמים קראָם. עס האָבן געשלאָגן ריחות פון צעווי־רענעם וויין, פון געפּילטן כאַלוואַ, פון געמאָלענע ניס, פון אַלץ וואָס דער גומען קען זיך גאָר דערמאָנען.

כילבערטיקאַ האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן אָפּגעפּרישטן הויף און געמאָסטן מיט די בּאַרוועסע פיסלעך די שטיינער וואָס אַ גוטער שכן האָט אַריינגעפּאַסט צוריק אויף זייער אַמאָליקן אָרט און האָט אַריינגעאָטעמט די גוטע ריחות אַלץ טיפער...

אויפן קליינעם טישעלע אין זייער צימער זענען שוין אויך געלעגן עטלעכע פּעקעלעך, גוט אַרומגעבונדענע. כילבערטיקאַ האָט זיך צוגערוקט, זיי אַ טאַפּ געטאָן מיט די שוואַרצע פינגערלעך, געקלאַפּט מיט די שפּיצן פון די פינגער אין פּאַפּיר, אָן אַ טאָוולנער קעסטעלע, צוגערוקט דעם פּלאַטשיקן נעזעלע צום פּעקל, אַ צי געטאָן דעם אָטעם און געטראַכט: ס'איז פאַר אונז...

— כילבערטיקאַ! כיליבערטיקאַ! האָט אים גערופן ראַמאַנסיטאַ, דעם שכנ'ס אינגעלע — קום אַרויס וועסטו עפּעס זען אַ זאַך!...

כילבערטאַ איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

ראַמאַנסיטאַ איז געשטאַנען מיט אַ פּאַריסענע קאַפּ און אויסגעקוקט העכער ווי שטענדיק. ווען ער זעט ניט זיין פּנים וואָלט ער אים געוויס ניט דערקענט... ער האָט געטראָגן אַ פּאַר בלויע מעכאַניקער־הויזלעך מיט שלייקעס פון דער זעלבער סחורה, איבערגעקרייצט איבער די אַקסלען.

— מען האָט דאָס דיר געשאָנקען, ראַמאַנסיטאַ?

— מען האָט דאָס מיר געקויפט, כילבערטאַ, און שיך אויך... מאָרגן איז דאָך ניי יאָר. מיין טאַטע זאָגט, אַז די „רעיעס" וועלן מיר ברענגען נאָך אַ סך זאַכן וואָס איך וועל בעטן...

ראַמאַנסיטאַ האָט זיך געשטויסן צום רעדן נאָך, אָבער כילבער־טיקאַ האָט זיך אויסגעדרייט — ווי ער וואָלט מער ניט קענען אויסהערן — און זיך אַריינגערוקט אין צימער. ער האָט נאָך אַמאָל באַטראַכט די פּעקלעך אויפן טיש און צו זיך געקלערט: „וואָס קען דאָרטן זיין? אפשר שיך פאַר מיר... באַלד וועט קומען די מאַמע"... ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפן קעסטעלע — זיין בענקעלע, געקוקט אויף זיינע באָרוועסע פיסלעך, אויף די צוויי ברוינע לאַטעס אין די קני פון די גרויע הייזלעך, געקוקט און געשוויגן.

אין די אויערלעך האָט אים נאָך אַלץ געקלונגען: „מען האָט דאָס מיר געקויפט"!

כילבערטיקאַ האָט דערהערט האַסטיקע טריט איבערן שטיינערנעם הויף, ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון קעסטעלע און געלאָפן צום טיר.

פון הויף האָט זיך געהערט דער מאַמעס קול:

— כילבערטקיאַ! וואו ביסטו? קום אַהער! קום וועל איך דיר אָנ-מעסטן די נייע שיך...

כילבערטיקאַ איז געוואָרן ווילד. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם איינגע-וויקלטן שאַכטל און זיך ווילד פאַנאַנדערגעשריגן:

— ראַמאָן! ראַמאָנסיטאַ! וואו ביסטו? קום, וועסטו זען... מיינע נייע שיך!

ער איז נאָכגעלאָפן דער מאַמען ביז צום טיר, געשפּרונגען שרייענדיק און רופנדיק...

ראַמאָן — זיין חבר — איז אים נאָכגעלאָפן און גערעדט:

— און די „רעיעס" וועלן דיר ברענגען נאָך זאַכן? וואָס האָט געזאָגט דיין טאַטע?...

:: :: ::

— מיר וועלן די „רעיעס" ברענגען שיך! — האָט ראַסיטע דורך די איי-זערנע גראַטעס פון נידעריקן פענצטער ארויסגערעדט צו די אינגלעך וואָס זענען געשטאַנען אויפן הויף און זיך דערציילט איינע די צווייטע וואָס זיי וועלן בעטן ביי די „רעיעס מאַגאָס" (צויבער קעניגן).

— הע, איך דאַרף ניט קיין שיך! מיר האָט מען שוין געקויפט שיך אָן די רעיעס. איך וועל זיי בעטן אַ פּאָר „פּאַטינעס", און אויב זיי וועלן האָבן... פאַר מיר אַ ביסיקלעטע... אַי, וואָלט איך דאָס געוואָלט!... נאָך בעסער ווי די „פּאַטינעס". מען טאָר אָבער ניט בעטן צופיל... מיינסט טאַקע, אַז זיי זענען גוטע... זיי ווערן אַמאָל אין כעס, ברענגען זיי גאָרניט, כ'וועל בעסער בעטן „פּאַטינעס" אַליין, וועל איך זיין זיכערער...

— ווער האָט דיר געזאָגט ראַמאַנסיטאַ, אַז ווען די רעיעס ווערן אין כעס ברענגען זיי גאָרניט? איך קען דאָס ניט גלויבן. עפּעס ברענגען זיי דאָך פאַר יעדן קינד... ווען ניט וואָלטן דאָך אַ סך קינדער געוויינט... — האָט כילבערטיקאַ מיט אַן אומזיכערער שטים געזאָגט.

— מיין טאַטע האָט דאָס מיר געזאָגט, דו מיינסט, אַז ער ווייס ניט?

— מיין טאַטע האָט מיר גאָרניט געזאָגט, — האָט כילבערטיקאַ ווי זיך פאַרענטפערט און זיך געקליבן אַוועקגיין.

— גייט ניט אַוועק! שטייט בעסער דאָ, מיין מאַמע האָט אַוועקגעטראָגן אַ פּעקל וועש האָט זי פאַרמאַכט די טיר... שטייט בעסער דאָ... האָט ראַסיטאַ געזאָגט צו די קינדער דורך די גראַטעס.

— פאַרוואָס פאַרמאַכט מען דיר שטענדיק אין שטוב, ראַסיטאַ?

— איך ווייס ניט... מיין מאַמע זאָגט, אַז מען דאַרף זיך ניט וואַלגערן אויפן הויף. מיר האָבן געוואוינט אין אַן אַנדער שטוב, אין אַ גרויסער. איך געדענק דאָס, נאָר מיין טאַטע איז אַוועקגעפאָרן, דאַרפן מיר וואוינען דאָ...! וואָס וועלן דיר ברענגען די רעיעס? כילבערטאַ!

— איך ווייס ניט...

— דיין טאַטע האָט דיר ניט געזאָגט? וואָס וועסטו בעטן?

— גאָרניט. זאָלן זיי ברענגען וואָס זיי ווילן...

— דו ביסט געדערכט כילבערטאַ, בעסער ניט בעטן, זאָלן זיי ברענגען וואָס זיי ווילן. טאָמער ברענגען זיי גאָרניט...

אין דער אָפענער טיר פון גרויסן הילצערנעם טויער האָט זיך באַוויזן ראַסיטעס מאַמע מיט אַ פּעקל וועש אונטערן אָרעם. די קינדער האָבן זיך אָפּגערוקט פון פענצטער און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די צימערן.

:: :: ::

אַ קאַלטער, פייכטער ווינט האָט געבלאָזן אין דער אָפענער טיר פון אַלטן סאַלאַר, געוויקט די צעהאַנגענע וועש אויף די פאַרצויגענע שטריקלעך ביי די אַריינגאַנג פון די צימערן, פאַנאַנדערגעבלאָזן די קוילן אין דער פּיי־

ערקע וואו עס האָבן זיך געוואָרעמט די פּרעס אייזנס, וואָס ראָסיטעס מאַמע האָט יעדער ווייל געטוישט אויף אַ הייסערן.

בילבערטאָ איז ווי מיטן ווינט אַריינגעפּאַלן אין טיר און געבליבן שטיין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און אָנגעשטאַנט מיט זיינע האַרטע שיך צו ראָמאָנס צימער. ראָמאָן איז אים אַנטקעגנגעקומען.

— ראָמאָן! קום אַהער! — האָט בילבערטאָ אים אַ שלעפּ געטאָן ווייטער פון דער טיר, — דו האָסט שוין אַמאָל געזען די צויבער קעניגן?

— פאַרוואָס פרעגסטו דאָס?

— אזוי, ווייל כ'וויל וויסן...

— ניין כ'האָב ניט געזען... און דו?

— יע, איך האָב זיי געזען... ווילסט זיי זען? ווייסט אוואו?

— זאָג מיר...

— גיי אַריבער דעם פּאַרק, אויף יענער זייט גאַס איז דאָ אַ געשעפט פון שפּילצייג, אין פענצטער שטייען זיי... ראָמאָן..! איינער איז אַזאַ ווי איך... אַזאַ ווי דו... ער ברענגט אויך... ער וועט ברענגען פאַר אונז...

— אַלץ פרעגסטו ביי מיר, היינט ביינאַכט קומען זיי, מיינע „פּאַטי-נעס"... זיי וועלן ברענגען? וואָס האָסטו געבעטן?

— ראָמאָן, די ווייסע קומען אויך צו אונז?

— וואָס האָסטו געבעטן, האָב איך דיר געפרעגט. — וועסטו ניט בעטן וועלן זיי דיר גאָרניט ברענגען...

— איך האָב נאָך גאָרניט געבעטן... ווי בעט מען? מיין טאַטע האָט מיר גאָרניט געזאָגט.

— דיין מאַמע גייט! האָט ראָמאָן אַ זאָג געטאָן צו בילבערטאָן און זיך אַריינגערוקט אין טיר פון צימער.

— מאַמע! ראָמאָן זאָגט, אַז היינטיקע נאַכט קומען די „רעיעס". איך דאַרף זיי עפּעס בעטן?

אירע רויטע דיקע ליפּן האָבן זיך עטוואָס צעעפנט און אַרויסגעשטעלט ווייסע לאַנגע ציין, דער לשון איז אָבער געבליבן שטעקן אין האַלז. זי האָט זיך צוגעבויגן צום קינד און אים געקושט איבערן ברוינעם שטערן:

— דער טאַטע וועט דיר זאָגן... ווען ער וועט קומען...

זי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין, געקוקט אויפֿן קינד און געטראַכט:
— ווער ווייס וואָס וואַלעריאַן וועט הײַנט ברענגען. די טעג נאָך די יום טובים זענען אַזעלכע שלעכטע, קיינער פֿאָרט ניט קיין „קאַררעראַ", אַלע האָבן זיך אויסגעליידיקט... די רײַכע האָבן אייגענע מאַשינען... ווען עס מאַכן זיך עטלעכע „קאַררעראַס" וואָלט דאָס קינד אויך געמעגט בעטן ביי די „רעיעס".

— כילבערטאָ! — האָט זי ניט ווילנדיק אים אַ פֿרעג געטאָן, — וואָס ווערסטו בעטן?

כילבערטאָ איז אויפֿגעשפּרונגען:

— אָבער איך מעג בעטן?

אָלגע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף אירע פֿיס, פֿאַר אירע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן די געשטאַלט פֿון איר טאַטן. ער שטייט און שניצט פֿון אַ ברעטל אַ קאָפּ פֿון אַ פֿערדל אַרויפֿגעזעצט אויף אַ לאַנגן שטעקן. דאָס וועט זײַן די מתּנה וואָס עס וועלן ברענגען די „רעיעס" פֿאַר איר... פֿאַר אָלגען. אַזעלכע מתּנות ברענגען די צויבער קעניגן צו די אָרעמע קינדער אין די פֿאַרוואָרפֿענע דערפֿלעך, אַוואו עס וואוינען אין אײַנגעפֿאַלענע כאַלופּעס, די קאָניע שניטער. אָט דערמאָנט זי זיך, שלעפּט איר די מומע פֿאַרן האַנט: קום! קום! וועל איך דיר קויפֿן שיך און אַוועקפֿירן אַרבעטן, אַ מויד פֿון צוועלף יאָר! אין דײַן עלטער האָב איך שוין געהאָדעוועט דער מאַמעס פֿינף קינדער.

אין צימער איז שוין געווען גאַנץ פֿינצטער, איבערן פֿאַרצוויגענעם פֿאַרהאַנג מיט אָפּגעקראָכענע בלומען האָט זיך געטונקלט אַ פֿייכטער פֿאַרנאַכט, וואָס האָט געשמעקט מיט רעגן.

— „נעמט אַרײַן די וועש"! „נעמט אַרײַן די וועש"! — האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן הויף אַ איבעררופֿערײַ. „ס'גייט רעגענען", „ס'רעגנט שוין"... פֿון דער דערבײַיאַיקער טיר האָבן זיך געהערט ביטערע רייד: „געקלערט נאָך הײַנט אויספּרעסן די וועש און אַוועקטראָגן. אויס רעיעס, האָט ראָסיטעס מאַמע — מיט אַ זיפֿצן געברומט צו זיך אַליין. „אויס רעיעס, זע אַ מזל".

גראָבע טראָפּנס רעגן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אָן שטיינערנעם הויף און זיך צעשפּריצט אַרום מאַכנדיק אַלץ נאַס... אַלץ נאַסער...

אָלגע האָט צוגעצויגן דאָס קינד צו זיך, אים צוגעטוליעט צו איר פלאַכער ברוסט און שטילערהייט אים איינגערוימט:

— „מעגסט בעטן! כילבערטאָ, מעגסט בעטן“.

— מאַמע! איך וויל אַ בענקעלע, אַזאַ ווי ראָסיטעס... זיך צום קענען וויגן און מער וויל איך גאָר... „פּאַטינעס“, ווי די וואָס די רעיעס וועלן ברענגען פאַר ראַמאָנסיטאָ'ן...

דער רעגן איז געוואָרן שטאַרקער, דורך דער טיר פון אונטערן פאָרהאַנג האָט אריינגעשפּריצט אין שטוב און פייכט געמאַכט די צעראַצטע פּאָדלאָגע.

כילבערטאָ האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דער מאַמעס שויס, אַ שפּרונג געטאָן צום טיר און מיט צער אויסגעשריגן:

— „מאַמע! פאַרוואָס האָבן זיי געמאַכט אַ רעגן?... ווי וועלן זיי קומען, די רעיעס“?

— קינד מיינס, דערפאַר ווייל ס'רעגנט, וועלן זיי צו אונז אויך קומען...

טשוטשאַ...

אַ סקריפּ פון אַ קאָלבע, וואָס רוקט זיך אַראָפּ פון אָפּגענוצטן געווינט האָט אַ ריס געטאָן דעם טונקעלן פרימאָרגן, פון הינטער דער הילצערנער ווענטל וואָס טיילט אָפּ דעם גאַראַזש אַוואו ערנעסטאָ האַלט זיין אַלטן „קאַמיאָן" האָט זיך דערהערט אַ האַסטיקער כראַקע, ווי איינער וואָלט וועלן צוזאַמען מיטן לייבעץ אויסשפּייען זיין פאַרביטערונג:

— אַ צער אין דיינע ביינער! אַלע אינדערפרי די זעלבע חתונה...

נאָך אַמאָל אַ סקריפּ פון דער קאָלבע, אַ דריטער, אַ פערטער... געטריבן פון אַ נישט געצאַמטער רגזה.

— איך וועל דיר דערוואַרעמען, ווען איך זאָל אפילו דאָ דאַרפן בלייבן ליגן לעבן דיר, אַלטער קלאַק! ווי קען איך דיר בייטן, אַז דו פרעסט אַלץ אויף אין גאַזאָלין... דיין פאַבריקאַנט איז שוין געשטאָרבן און דו לעבסט נאָך... דיינע בעסטע יאָרן האָסטו אָפּגעדינט אַ צווייטן!

אַ צונויפגעקלאַפּטע פירהויז פון קעסטל-ברעטלעך איז דער גאַראַזש פאַרן אַלטן קאַמיאָן. הינטן, אין דער הילצערנער האַלב איינגעפאַלענער כאַטע, וואוינט ערנעסטאָ, דער „קאַמיאָנעראָ", מיט זיין משפּחה. דער עלטסטער זון וועלכער האָט שוין פון לאַנג חתונה געהאַט, וואוינט אויך דאָרטן מיטן טאַטן, מיט זיין ווייב און צוויי קינדער, ערנעסטאָ'ס אייניקלעך.

ערנעסטאָ האָט נאָך זיבן מיידלעך און אינגלעך, גערוקט צו פּאָר יאָר איינס פון צווייטן, ס'זענען געווען נאָך... זענען זיי אַוועק. ווער קען אויס-האַלטן אַלע. מען דאַרף דאָקטוירים, מעדיצין. דער וואָס האָט שכל האַלט זיך געזונט... אַז נישט איז קיינער נישט שולדיק.

ערנעסטאָ האָט אויפגעעפנט דעם טויער וואָס שלעפּט זיך אויף אויסגע-קרימטע זאַוויעסעס און סקריפּעט ווי אַ נישט געשמירטער ווינט-מיל אין אַ

זאוועריכע. דער מאַטאָר האָט זיך שוין דערוואָרעמט און בולקעט מיטן וואַסער ווי אַ זודיקע בונקע אויפן פייער. ער איז אַרויף אויפן טרעפּל און גלייך פאַרוואָרפן די פוס צום קלאָטש. דער קאַמיאָנדל האָט זיך אַ ריר געטאָן און זיך איינגעשניטן אין דער האַלב ברוקירטער גאַס. ערנעסטאָ האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, און זיך פאַרקוקט אויפן שכנס טיר:

— וואָס איז געשען? — האָט ער אַ פאַרוואונדערטער אַ קרים געטאָן מיטן נאָז, דער שוסטער שלאָפט נאָך? אַ שמייכל באַגלייט פון אַ שרעק האָט אַ קאָם געטאָן זיין געדאַנק.

— פאַרשלאָפן? ער כאַפּט זיך אַלע טאָג אויף מיטן ערשטן סקריפּ פון דער קאַלבע.

דעם שוסטערס טירל האָט זיך אַן עפן געטאָן מיט אַ ראַץ אַן זאַמדענעם פאַל.

— גוט מאָרגן, ערנעסטאָ!

— גוט מאָרגן, טשוטשאָ! איך האָב דיר שוין געוואָלט קלאַפּן אין טיר, נישט געוואוסט וואָס צום קלערן...

— געהאַט אַ חלום!... אַ גוטן...

— זאָל ער מקוים ווערן — ביז בײַנאַכט! מען דאַרף פאָרן, איך האָב דעם ערשטן נומער אין פּאָרט. פאַרשפּעטיקסטו איז פאַרפאַלן, דאַרפסטו וואַרטן ביז צום סוף...

— זאָל דיר גיין גוט! האָט אים טשוטשאָ אַרויסבאַגלייט מיט די אויגן.

דער אַלטער „קאַמיאָן" האָט זיך אַוועקגעשאַרט אין פינצטערן פרימאָרגן איבער דער האַלב ברוקירטער געסל. די איינגעשרומפּענע פייערלעך אין די פּאַנאַרן האָבן מיט אַ מאַט-ראָזעווען קאָליר באַלויכטן נאָר דעם חלל פון דעם שוין פאַרזשאַווערטן ניקל פון די לעבער אַוואו זיי האָבן געשטעקט, ווי געצונדענע ליכט אַרום אַ בר-מינן וואָס זאָגן אָן דעם סוף און וועקן דעם זכרון פון אָן אָפּגעפאָרן לעבן, פון צייטן — ווען די ליכט האָט באַלויכטן דאָס גאַנצע געסל, געשראָקן די פערד און איבעראַשט די מענטשן.

מיט אַ פּאָר הייזער ווייטער האָט אימיצער — אויך אַ שכן פון דער געסל, — אַרויסגעפירט פון זיין שטוב אַ הילצערנעם וועגעלע אויף צוויי

אייזערנע רעדלעך, וואָס האָבן געוועקט די שפּיציקע שטיינדלעך פון ברוק... און געמאַנט ביי אַלע שכנים זיי זאָלן מאַכן טאָג, זיי זאָלן נישט פאַרשלאָפן. אין אַ פלאַש מיט אַן אָפּגעשניטן דעקל האָט געשטעקט אַ קליין פייערל — אַ פינפערל וואָס האָט געמאַכט פון דעם צונויפגעשלאָגענעם וועגעלע פון קעסטל־ברעטלעך עפּעס אַ מאָדערנע זאַך... וואָס פאָרט אַרויס זאַמלען דעם אָפּפאַל איבער די נייע גאַסן פון „וויבאַרא". אויסגעלייד־יקטע פלעשער, פושקעס פון קאָנסערווירטן קאָמפּאָט און וואָס ס'וועט זיך מאַכן; פון אַ שטיקל פאַרטריקנט ברויט ביז אַ ציימונגס פּאַפּיר. פון דעם אַלץ צוזאַמען וועט דער באַרוועסער כאַרכע אָפּלעבן אַ טאָג און אויב ס'וועלן אַריינפאַלן אַ פּאָר גלעזערנע סלאָיעס — אויך טרינקען לחיים אַ גלעזל „באַקאַרדי" פאָרן זיך צוריקקערן צו דער משפּחה. פאַר דער היים זאָרגט די ווייב, זי דינט ביים קאַפּיטאַן, פעלט איר גאָרנישט, זי ברענגט נאָך אַהיים פאַר די דריי „היה'לעך" וואָס די באָבע היט. זי האָט אָבער נישט וואָס צום היטן, ווייל זיי לאָזן זיך אַרויס באַלד פון דערפרי איבער די גאַסן שנאָרן און אָנפילן די פוסטע בייכלעך.

פון די שמאָלע אויסגעדרייטע טירלעך, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווייבער, שוואַרצע, מולאַטע. דאָס האָבן די דינסטן, וואָס קומען שלאָפן אַהיים מיט זייערע מאַנסבילן, זיך אַ לאָז געטאָן צו דער אַרבעט, נישט צום פאַרשפּעטיקן מאַכן די שוואַרצע קאַפע מיטן „כוגא" פאַר די בעלי־בתים וואָס דאַרפן גיין צו זייערע געשעפטן.

די געסל האָט נאָך פאַר פינצטער אַרויסגעשפּיגן אַלע וואָס אַרבעטן, וואָס דינען, וואָס האָבן שווער און פאַרשטיקט אָפּגעאָטעמט אַ נאַכט און וועלן זיך אָפּמאַטערן אַ טאָג. נאָר די בעלי מלאכות וואָס האָבן אַ שטיקל וואַרשטאַט אין דער היים זענען פאַרבליבן.

טשוטשאָ האָט צוריק פאַרמאַכט די טירל און אַריין אין שטוב, דער חלום האָט אים אַ צעטומלטן געטראָגן אויף זיינע פליגלען.

אַ פולע לבנה האָט זיך אויפן פאַרטאָג געשאַרט איבער די קוסטעס וואָלקנס, וואָס האָבן געדיכט און בערגלדיק פאַרדעקט דעם הימל ווי אַן אָפּגעשניטן היי־פעלד.

טשוטשאָ איז אַ גוטער שוסטער. מען קען זאָגן — אַ מייסטער אין זיין פאַך. זיינע פאַרהאַרטעוועטע פינגער גלעטן אויס אַ פּאָר שיך, ווי די פינגער פון אַ מוזיקער שפּילן אויס אַ ליד וואָס איז אים צום האַרצן. ער האָט ליב אַ באַשטעלטע פּאָר אַרבעט. ער לייגט אַריין אין זיי זיין גאַנצן שוסטערשן

הויש, זיין גאנץ לעבן. אפט דערפילט ער דעם טראט וואס די שיך וועלן שטעלן. די פים פאר וועלכע ער גרייט זיי שטייען פאר זיינע אויגן, ער געדענקט יעדער ביינדעלע, אוואו מען דארף ארויפלייגן און אוואו אראפ-נעמען, ער דערפילט אמאל א פארלאנג צום נאכגיין זיינע א פאר שיך און פילן וואס זייער טראגער פילט, וואס יענער קלערט וועגן זיינע שיך, ער וואלט זיך לאזן טרעטן פון זיינע א פאר שיך אבי צו וויסן, צו פילן ווי גוט, ווי באקוועם זיי זענען.

זענען אבער געקומען נייע צייטן. און ווער עס דארף א פאר שיך גייט אריין אין א שוך קראם, מעסט וויפל סארטן לייסטן ער וויל און קלייבט אויס די וואס געפעלן אים, די וואס זענען באקוועם... טשוטשא האט נישט קיין צוטרוי צו די „פארטיקע" שיך, ער ספקט שטארק צו זיי זענען באקוועם.. נאך נייערהייט ברענגט מען אים שוין די שיך צום אויסהאקן א טשוואק אונטערן אפצאס, וואס שניידט און מאכט א לאך אין פיאטע, צום אויסציען, ווייל ס'דריקט אויפן קליינעם פינגערל. ציסט אוים אין איין זייט, דריקט אין א צווייטער. ווען ער זאל נישט דארפן האבן די צען סענט וואס מען גיט פארן אויסציען וואלט ער זיך צו קיין פארטיקע שיך נישט צוגערירט. אבער וואס זאל ער טאן, א מענטש מוז זיך נאכשלעפן נאך דער צייט, און די צייט שטייט נישט אויף אן ארט, זי גייט.

טשוטשא באנוגנט זיך דערווייל מיט פאררינכטן, מיטן פוצן שיך, דאס איז אבער ביי אים נישט קיין ארבעט, דאס איז נאר צום פארטרייבן די צייט און זוכן וואס אפצועסן. פאר זיך הארט אים קיינמאל נישט, אבער פאר דער ווייב, פאר די קינדער, זיי לאזט ער נישט ארויס פון זינען.

ס'איז געווען א ביטערער זומער — דער לעצטער. נישט מען האט געבראכט צום פאריכטן, נישט צום פוצן, האט אים זיין ווייב א זאג געטאן, אז זי וואלט געדארפט גיין אויף א שטעלע. טשוטשא'ן האט דאס א שטאך געטאן אין הארצן, ס'האט זיך אים געדוכט, אז זיין ווייב זאגט אים, אז ער קען איר נישט אויסהאלטן: ער איז געווארן ברוגז און איר גוט אויסגע-זידלט, זאל זי נאכאמאל שווייגן: — כל זמן איך לעב וועסטו זיין א מאמע צו דיינע קינדער און נישט פאר פרעמדע!

טשוטשא לעבט מיטן גלויבן אז ס'וועלן צוריקקומען צייטן ווען מענטשן וועלן איינזען, אז א פאר גוטע שיך דארפן מאכן „גוטע הענט". די אלע מאשינעס וואס פאלצן און גלייבן, קלעפן און שאבן, זענען אויסגעטראכט אויף צום ארבעטן ווינציקער, אויף צום מאכן א סך או פארדינען וואס מער,

אָבער נישט אויף צום מאַכן גוט. דערפאַר, אַז מען האָט אים גערופן — ער זאָל ווערן דער „מייסטער“ אין אַ שוך פאַבריק, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

— איך וויל נישט! — האָט ער געענטפערט — איך וועל דאָרטן גאָרנישט קענען טאָן! אַ צו גרויסער קלאַפּאַט, אַ צו גרויסער טומל און בסך הכל קומט נישט אַרויס קיין איין פּאָר גלייך, ס'איז מאָדערנע אַרבעט, נישט פאַר מיר.

אַ שמחה איז ביי טשוטשאָ'ן אַז ס'פאַלט אַריין אַ קונה, פון די וואָס קענען שוין זיין אַרבעט, פון די וואָס געטרויען נישט זייערע פיס צו אַבי וועמען, ווייל טשוטשאָן גייט נישט אין רוהיג, ס'איז נישט קיין אונטערשייד וויפל טעג ס'וועט געדויערן און צו דאָס וועט לאָזן אויף אָפּצועסן אָדער נישט, ס'גייט אין מאַכן גוט, אין אָנהאַלטן דעם נאָמען.

:: :: ::

דער סקריפּ פון דער קאָלבע פון ערנעסטאָ'ס קאַמיאָן, צוזאַמען מיט זיינע אויסגעשפּיגענע זידל רייד האָבן היינט, ווי אַלע טאָג, אויפגעוועקט טשוטשאָ'ן פאַרטאָג. איבער זיין שוואַרצן פּנים האָט זיך געגליטשט אַ צופרידענער שמייכל, ער האָט מיט זיינע לאַנגע דאַרע פינגער אַ שאַר געטאָן די גרויע געקרייזלטע האָר, וואָס ער קלייבט זיך שוין פון לאַנג אַרומשערן, אַ דריק געטאָן דעם שטערן, דעם מוח און נאָך אַמאָל דערקלערט דעם חלום וואָס ער האָט געהאַט. ער האָט אויפן קול אַ לאַך געטאָן און אויסגערעדט:

— „הלוואי זאָל דאָס זיין אמת“!

ער האָט זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען צום וואַסער-קראַן וואָס איז געשטאַנען אויפן הויף, באַלד לעבן דער קיך. דער חלום איז אים נאָכגעגאַנגען... דער שמייכל האָט אַלץ געגלעט איבערן פּנים. „הלוואי זאָל דאָס זיין אמת“. היינט איז מאָנטיק — אפשר וועט מאָקע אַריינפאַלן אַ קונה מיט אַ באַשטעלונג, ווען ס'פאַלט אַריין אַזאַ שטיקל אַרבעט וואָלט מען געקענט אָפּשפּאָרן פיר „באָלאָס“ אויף דירה געלט פאַר יענעם מאָנאַט, היינט וועט דער אַלטער געוויס קומען מאָנען. וואָס מער ער האָט געטראַכט אַלץ זיכערער איז ער געוואָרן אַז ס'דאַרף אַזוי זיין... ער האָט פעסטער געשטעלט די הינקעדיקע פוס, זיך צוגערוקט צו דער פאַרדרישטער טיר פון סאַלאַר, איר אויפגעעפנט און באַגריסט זיין שכן, ערנעסטאָ'ן. ער האָט באַלד הרטה

געקראָגן — בעסער נישט דערציילן גאָרנישט וועגן חלום. ער האָט איר פּאַרמאַכט און צוגעוואָרט ביז דער שכן איז אַוועקגעפאָרן. ער האָט ארויסגעשלעפּט פון ווינקל דעם צעגריזשעטן ווארשטאַט און זיך אַוועקגעזעצט ווארטן אויפן טאָג.

טשוטשאָ איז געוואָרן איבערראַשט ווען ער האָט גלייך אויפן פרימאָרגן דערזען דעם אַלטן גאָמעז פאַר זיין טיר. ער ווייס — אַז חלומות ווערן אַמאָל מקוים, אָבער אזוי — אַז אפילו דער מענטש זאָל זיין דער זעלבער — דאָס האָט אים איבערראַשט.

— גוט מאָרגן — האָט ער געשטאַמלט אַ צעטומלטער — גוט מאָרגן! איך וועל אים גאָרנישט דערציילן, זאָל זיך אַמאָל דער אַלטער גאָמעז נישט דערשרעקן, האָט ער אין זיך געטראַכט, ס'איז דאָך טאַקע אַ מאָדנע זאַך! שוין זעקס יאָר ווי דער אַלטער גאָמעז מאַכט נישט ביי מיר קיין שיך...

— גוט מאָרגן! טשוטשאָ. אַט בין איך געקומען, זאָלסט מיר נעמען אַ מאָס און מאַכן אַ פּאָר שיך. דו געדענקסט נאָך אפשר מיין מאָס? האָט דער אַלטער גוטמוטיק געלאַכט.

— גאָר קיין פראַגע נישט, סעניאָר גאָמעז, אָבער בעסער ווען מיר נעמען אַ מאָס, שוין אַריבער אַ סך יאָרן, פיס בייטן זיך... צו וואָס ריזיקירן, בעסער נעמען אַ מאָס.

טשוטשאָ האָט ארויסגעשלעפּט אַ קורצן שטיקל בלייער, ארויסגענומען אַ שטיקל פון אַ סענטימעטער, די הענט האָבן זיך געטרייסלט און אין קאָפּ האָט געשלאָגן דער חלום: „מקוים געוואָרן, מקוים געוואָרן".

— מען דאַרף דיר נאָך אַלץ איבערלאָזן האַנטגעלט?

— ניין! סעניאָר גאָמעז. נישט קיין האַנטגעלט, איר ווייסט גוט, אַז איך נעם נישט קיין האַנטגעלט, איך דאַרף נישט אייער האַנטגעלט... איך דאַרף נאָר אויף צו קויפן די מאַטעריאַלן. איך קען זיי קריגן געבאָרגט... אָבער איך האָב דאָס פיינט, איך האָב ליב צו קויפן די סחורה אַוואו ס'געפעלט מיר, נישט אַוואו מען באָרגט מיר... נישט קיין סך, איר וועט מיר געבן צען דאָלער, וועט שוין זיין אויף אַלץ. און אַז איך וועל זיי האָבן פאַרטיק וועט איר מיר צוצאָלן צוויי דאָלער, וועלן מיר זיין קוויט.

ביי טשוטשאָן אין קאָפּ האָט געבליצט מיט ציפערן. דער חשבון האָט אָבער אַלץ געשטימט — פינף אויף די מאַטעריאַלן און פינף אויף דירה געלט און אויפן טאָג...

— דו פלעגסט דאָך אַמאָל נעמען נאָר פינף דאָלער אויף מאַטעריאַלן!?

— יע, סעניאָר גאָמעז! — האָבן געציטערט די ליפּן ביי טשוטשאַן, ווי ס'וואָלט אים ערגעץ טיף אין גוף פאַרגאַנגען אַ שטאַרקער ווייטאָג — פלעג איך אָבער נעמען פופצן פאַר די שיך! היינט נעם איך צען אויף מאַטעריאַלן און נאָר צוועלף פאַר די שיך...

— וואָס, ס'איז געוואָרן ביליקער די סחורה וואָס דו נעמסט ביליקער פאַר די שיך?

— ס'איז נאָך אפשר געוואָרן טייערער! — ביי די ווערטער האָט זיך טשוטשאַ פאַרטראַכט, דער אַלטער גאָמעז איז דאָך טאַקע גערעכט. — אָבער אַז מען וויל אַ קונה, האָט ער ווייטער גערעדט, שוין זעקס יאָר פאַר אייך נישט געאַרבעט, וועט זיין גוט צוועלף דאָלער, זייט זיכער! איך דאַרף דאָס אייך נישט זאָגן — איר ווייסט, ס'וועט זיין גוט געמאַכט, אַזוי ווי שטענדיק... אפשר נאָך בעסער...

— נו גוט! זאָל זיין ווי דו זאָגסט, אָט האָסטו צען דאָלער, נאָר פאַרגעס נישט אַז איך האָב דיר געגעבן צען...

טשוטשאַ האָט איינגעוויקלט דעם צעעפנטן צענערל אין פּירן און אים אריינגעלייגט אין דער הייזן קעשענע. ער האָט געשמייכלט צו גאָמעזן און געקלערט צו זאָל ער אים דערציילן זיין חלום. בעסער נישט, האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיטן האַנט, אַז ער וועט אָפּנעמען די שיך וועל איך אים דערציילן!

:: :: ::

— נאָך גוט וואָס איך האָב זעקס סענט, פונקט זעקס סענט! — האָט טשוטשאַ אַ צופרידענער געשמייכלט ארויפשטעלנדיק די פוס אויפן טרעפּל פון דער גוואַגווע. — אַלציינס וואָלט איך נישט געביטן די צען דאָלער... איך וואָלט בעסער געגאַנגען צופוס, דאָס וועל איך נאָר בייטן ביים באַצאָלן פאַר די סחורה.

— פאָרויס! פאָרויס! רוקט אייך! — האָט דער קאָנדוקטער געברומט צו דעם געפּאַקטן עולם אין דער גוואַגווע. — לאָזט אריינגיין — האָט ער געבעטן.

טשוטשאַ האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן געניקלטן אייזערנעם שטאַנג און זיך פאַרטראַכט.

אויף די ראַגן האָבן זיך געהויבן הענט, „שטעל דיך אָפּ“! האָבן זיי אַלע געוויזן, „מיר ווילן מיט דיר אַהיימפאָרן“!

דער שאָפער האָט אַ מידער, נישט געהערט, נישט געזען די הענט, און געטריבן ווייטער דעם גרויסן גרין־ווייסן „וואָגן“, מיטן נומער דרייצן אויף זיין פּנים.

— פאָר צום טייוול! — דו זון פון אַ זינדיקער מאַמען, האָסט נישט קיין חרפּה! — האָבן געמורמלט מיט פאַרביסענע ליפּן די וואָס האָבן געמיינט אַז זיי פאָרן שוין באַלד...

אַן עלטערע פרוי, מיט אַ געשפּינטטער קאָפּ האָר פון בלאָנדע און גרוי, האָט אַ הויב געטאָן איר גלאַטן בלאַסן פּנים נאָך דער אַנטלאָפענער גוואַגווע און מיט ביטערקייט איר נאָכגערעדט:

— נישטאָ קיין איינזען, אפילו נישט מיט קיין עלטערע. וועלכע מאַמעס האָבן אייך דערצויגן? ווילדע ברואים! ווען איך בין יונג, וואָלט איך קיין מאָן היינטיקע צייטן צו זיך נישט צוגעלאָזט... צו וואָס? צום ווערן באַליידיקט? דערנידעריקט... אָ! ווי אַנדערש איז דאָס געווען מיט יאָרן צוריק, אפילו דעם טראַמוואַי פלעגט מען דאָך פאַר מיר אָפּשטעלן, וואָס איז געוואָרן מיט די מענער? שיינע, אויסגעפּוצטע, אָבער ביטערע יונגען...

דער יונגעראַן וואָס איז געשטאַנען כמעט אַנרירנדיק איר אָרעם, האָט איר אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל וואָס האָט צוגעגעבן גערעכט און איינזען מיט אירע רייד.

— מאַדאַם! האָט ער אויף גיך אַ זאָג געטאָן — ס'גייט אַ דרייצן !— און אויסגעשטרעקט גאָר פעסט זיין האַנט — אָט וועל איך איר אָפּשטעלן!

— נישט נויטיק! איך אייל זיך נישט, האָט די פרוי ליבלעך אריינגע־שמייכלט דעם יונגערמאַן אין פּנים און אים געדאַנקט פאַרן העלפן ארויפגיין אויפן טרעפל, — אַ דאַנק, אַ דאַנק! פאַראַן פיינע מענטשן, אַ דאַנק! — האָט זי אים מיטן האַנט נאָכגעשריגן דורכן פענצטערל. אַ דאַנק, וואָס פאַראַ פיינער מאַן... מיט אַזעלכע איז אַ פאַרגעניגן זיך צום באַגעגענען.

דורכן טרעפּל פון דער פּאָדערשטער טירל פון דער גוואַגווע האָט זיך געגעבן אַ גליטש אַראָפּ אַ „ווייסער". ווי אַ פיש אין וואַסער האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צווישן די מענטשן וואָס זענען געשטאַנען אויפן ראָג. טשוטשאָן האָט אַ שניט געטאָן אין די אויגן, ווען דער ווייסער וואָס האָט נאָר וואָס זיך פאַרבייגעשאַרט לעבן אים האָט אַ צי געטאָן דעם טוכענעם קאַפּעליושל אויף אַראָפּ איבערן שטערן. ה'האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין מוח, ער האָט אָפּגעלאָזן די האַנט פון דער שטאַנג אָן וועלכער ער האָט זיך אָנגעהאַלטן און אַ שטופּ געטאָן די פינגער אין קעשענע. ער האָט אַ שאַר געטאָן איבער אַלע זייטן פון דער קעשענע. „נייטאָ... נייטאָ גאָרנישט..." אַ שניידיקע קעלט איז אַדורך איבער זיין צעהיצטער שוואַרצער לייב. ער האָט נאָכאַמאָל גענישטערט אין קעשענע, „נייטאָ קיין לעבלעך... מיינע צען דאָלער" — האָט ער אויפן קול אַ בורטשע געטאָן און פאַרשטיקט געוואָרן. „ער האָט זיי מיר אַרויסגענומען... וואָס טו איך? אַ ווייסער האָט מיר באַגנבֿ'ט! מען וועט דאָך מיר נישט גלויבן, ווער וועט גלויבן אַ שוואַרצן"? — האָט זיין מוח האַסטיק זיך געקאָרטשעט און געקרעמפּט.

— וואָס איז דיר? — האָט אים געפרעגט דער שכן.

— ער האָט צוגענומען ביי מיר פרעמדע צען דאָלער! — האָט טשוטשאָס קול וויינענדיק גערעוועט.

— דער ווייסיניקער? איך האָב געזען ווי ער רוקט זיך צו דיר. אוי, מיין טעשל אויך!..

— דער ווייסער? — האָבן זיך אַלע איבערגעקוקט און געוואָרפן אַ בליק אויף טשוטשאָן...

טשוטשאָ האָט דערפילט ווי די אויגן לעבערן דורך זיין לייב, שטעכן ווי מיט שפּיזן, ווי זיי וואָלטן ביי אים מאָנען רייד... אין ברוסט קאַסטן איז געוואָרן ענג, די ליפּן האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן און געשוויגן...

טשוטשאָ איז געשטאַנען אויפן ראָג פון דער גאַס אַוואו ער האָט געדאַרפט איינקויפן די מאַטעריאַלן, פאַר די צען דאָלער וואָס דער „ווייסער" האָט ביי אים אַרויסגע'גנבֿ'ט און געווען זיין גורל...

— ווי קען איך גיין אַהיים? נישט פאַר דער ווייב און נישט די לעדער אויף דער פאַר שיך. דריי שעה זיך אָפּגעוואַלגערט אין פּאָליציי... צוריק אַ היים אָן די לעדער גיי איך נישט — האָט ער צו זיך גופא געטענהט.

ווי א שפּיץ פון א נאָדל האָט א שטאָך געטאָן טשוטשאָן אין מאַרך, „די גאָלדענע ציין... די איינציקע ירושה וואָס זיין מאַמע האָט אים געלאָזן... מען קען זיי אַראָפּנעמען". ער האָט פּרובירט מיט די פינגער זיי א ריר טאָן — זיי האָבן זיך עטוואָס גערירט. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צום וואַנט און זיי האָסטיק א בויג געטאָן און דערפילט די ציין אין האַנט. אין מויל איז געוואָרן וואַרעם... פול, ער האָט א שפּיי געטאָן און באַמערקט בלוט. ס'האָט אים ווינציק געהאַרט, ער האָט נאָך אַמאָל א שפּיי געטאָן און שוין מער נישט געקוקט. ער האָט זיך האַסטיק א צי געטאָן צו קאָמפּאָסטעלאַ גאַס, אַדורכגעלאָפן א צעפּלאָמטער די גאַס און אריין אין א „קאַסאַ עמפּעניאַ".

דער פלײשיקער בעל הבית האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א קורצן קוק און גענומען אין האַנט דעם בריקל ציין, ער האָט דאָס א וועג געטאָן אין האַנט און שאַרף א זאָג געטאָן — ווי ער וואָלט עפּעס א וואָרף טאָן — „פינף"!

— גוט! איך וועל זיי... אפשר אָפּנעמען...

:: :: ::

מידע, האַלב פאַרגליווערטע האָבן זיך געשאַרט די מענטשן איבער די גאַסן. דער האַרטער צעמענט פון די טראָטואַרן, די געמויערטע ווענט, די אויסגעלייגטע סחורות, אפילו די גרויסע, גראָבע גלעזער פון די שוי-פענצטער, אַלץ איז געלעגן אזוי מיד, אזוי פאַרמאַטערט, ווי זיי וואָלטן זיך אונטערגעגעבן דעם פייער פון דער צעפלאַקערטער אויגוסט זון, וואָס האָט אזוי געשמיסן מיט אירע שאַרפע שטראַלן אויף דער שיינער שטאָט.

אויפן ראָג פון גאַס האָבן זיך געקליבן מענטשן. אביסעלע א צו דיקע פרוי, מיט אַן אויסגעמאַטערטן גיידער פון צופיל מאַסאַזשן האָט געהאַלטן אין האַנט א קאָשיקל מיט אַן אויפשריפט פון א באַקאַנטן געשעפט. פון קאָשיקל האָט געשלאָגן א ריח פון פּערפיום, אַלע האָבן געצויגן דעם אָטעם... ס'האָט געמאַכט לייכטער די צעקראַכנקייט.

ס'האָט זיך אונטערגערוקט א שוואַרצער, אין בלויע, גאָר אָפּגעניצטע הויזן, ס'האָט א שלאָג געטאָן א ריח פון געברענטן בוימל און שאַרפן שווייס וואָס האָט איבערגעשטיגן דעם פּערפיום, אַלע האָבן געדרייט די קעפּ. א „שוואַרצער" — האָבן זיי געמורמלט אין געדאַנק... דער שוואַרצער האָט שטאַרק געדריקט דעם פּעקעלע אונטער אָרעם און מיט א טיפן חשד אין זיינע אויגן זיך אומגעקוקט און נאָך שטאַרקער געדריקט דעם פּעקעלע, מיט די מאַטעריאַלן פאַר סעניאָר גאָמעז'עס פאַר שיך...

א העמד...

איבערן שמאָלן פּאַס פּאָדלאָגע וואָס האָט צעטיילט ביידע אייזערנע קאָלומבינע־בעטלעך האָט שלמה׳קע, א הויך געוויקסיקער בחור פון א יאָר איינאונצוואַנציק, א צורודערטער האַסטיק אַרומגעשפּרייזט.

— אומזיסט געקומען אזוי פרי א חיים, שבת — דער בעסטער טאָג — די ערשטע טעג פון חודש...

זיינע אויגן האָבן אָנגעקוקט דעם פּאַק קראַוואַטן וואָס זענען געהאָנגען אויפן ווענטל פון שטול צוגערוקט צום וואַנט.

ער האָט זיך צוגערוקט צום צוקאָפּנס פון בעטל און זיך פאַרקוקט אויף דער גרויער קאָלדרע, אויף די טונקעלע זשאַווער־פלעקן וואָס האָבן אויפגעגעסן דעם אַלומיניום פאַרב פון זיין אייזערנער בעטל.

— שוין צוויי יאָר ווי איך שלאָף אויף איר.

פאַר זיינע אויגן האָט א שווים געטאָן זיין אייגענע געשטאַלט, זיין אייגענער גוף, ווי ער שלעפּט די נייע בעטל אויף די טרעפּ. שיקע, דער לאַנדסמאַן, האָט מיר אריינגענומען אין צימער, ער איז מיט מיר געגאַנגען קויפן די בעטל. ער דערפילט ווי ער שטייט אין אייזן געשעפט, ביים טיר און קוקט ווי שיקע האַנדלט פאַר אים איין די בעטל, ער שטייט און שווייגט, פאַרשטייט נים קיין איין וואָרט.

— שלמה׳קע! האָסט פיר דאָלער? — האָט ער דערהערט.

— יע! איך האָב און ס׳בלייבט מיר נאָך א דאָלער מיט סענטן...

שלמה׳קע האָט דערזען די אַלע טעג פון די צוויי יאָר, ווי זיי וואָלטן זיך גיסן אין כוואַליעס; דערזען זיי אזוי קלאָר, ווי זיי וואָלטן געלעגן געמאָלענע

אויף דער גרויער קאָלדרע, ארומגעקלעפּטע מיט פאַרזשאַווערטע ראַמען; אומעטיקע טעג, וואָס בענקען, וואָס נאָגן; הונגעריקע טעג, וואָס שעלטן מיט ווילדע קללות דעם אייגענעם שטאָם.

— ווען איך וואָלט געקענט אַ פּאַך! — יאָ, מיין מאַמעס יחוס!.. — ער האָט פאַרקלעמט די ליפּן ביז ווייטאָג, זיינע אויגן זענען געפאַלן אויפן ווינקל, וואו ס'איז געהאַנגען דער פּאַק קראוואַטן. ער האָט אָפּגעאָטעמט לייכטער. ס'איז אים אַדורך אַ וואָרעמקייט איבערן פּנים, ווי אימיצער וואָלט אים צו־לייגן אַ הייסע האַנט, און אַנקוקן, ניט צוגעמעגנדיק די אויגן פון זיינע אייגענע פאַרגאַנגענע טעג: דערפילט ישנים לייכטן אָטעם, ווי אַ סאַמיעט גלאַטע ליב וואָלט זיך צו אים טוליען, ער האָט דערזען דאָס געזיכט... און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

— איך דאַרף דאָך איר גיין נעמען...

שלמה'קע איז צוגעלאָפן צום אָפענעם פענצטער און אַראָפּגעקוקט צו דער גאָס:

— וויפל קען שוין זיין דער זייגער? ס'איז שוין לאַנג געוואָרן פינצטער.

ער האָט אריבער געקוקט צום מעהל־געשעפט וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג. ביי טאָג זעט מען דאָרטן אויפן וואַנט דעם זייגער דורכן פענצ־טער. איצט זענען פאַרמאַכט די טירן און אינעווייניק איז גאָר פינצטער, נאָר די גרויסע ווייס - פענצטער זייגער באַלויכטן... וואַרט, באַלד וועט קלינגען דער זייגער פון נאָענטן קלויסטער. ער הערט זיך צו... ס'קלינגט ניט... דאָה קלינגט אים אַרנעט ווייט־ווייטן אין מוח...

— צו וואָס האָב איך געדאַרפט אוועקגעבן ביידע העמדער? איך האָב דאָך געקענט געבן וואַשן נאָר איינע... די צווייטע, איז דאָך נאָך גאָרניט געווען אַזוי שמוציק, דער שוואַרצער יאַר האָט אָנגעטראָגן דעם „טשין", ער וועט האָבן ביי מיר אַ פינצטערן סוף... איך האָב אים צען מאָל אָנגעזאָגט, ער זאָל מיר אָפּברענגען די העמדער שבת ביי טאָג... און אפשר איז ער גע־ווען, געקלאַפּט און שיקע איז ניט געווען אין צימער? האָט ער דאָך געקענט דער תּם אריבערוואַרפן איבערן ווענטל. יאָ, און באַצאָלן? ווער וואָלט אים באַצאָלט...

שלמה'קע ווערט שטאַרק צערודערט, ער לויפט אַרויס דורכן טירל צום לאַנגן קאָרידאָר. קוקט אפשר וועט ער אימיצן זען, פרעגן ביי וועמען...

דער זייגער פון נאָענטן קלויסטער קלינגט. ער כאַפּט זיך ציילן: איינס — צוויי — דריי — זיבן.

אין קאָפּ גיט אַ שלאָג אַ געדאַנק: — איך האָב געווים פאַרהערט. ניין! ס'קען ניט זיין; ס'איז שוין אַ סך מער. ע. וועלכער טייוול האָט מיר אָנגע־טראָגן צו צוזאָגן חנה'לען אַז איך וועל איר קומען נעמען? קומען... אוודאי וועל איך קומען... דער טשין זאָל נאָר קומען מיט די העמדער... שאַ, אפשר גאָר אָנטאָן שיקעס אַ העמד?

ער קוקט זיך אַרום אויף שיקעס אייזערנער בעטל:

— זיינע האָט ער דאָך אויך ניט אָפּגעבראַכט...

אויפן הילצערנעם שטול לעבן קליינעם קיילעכדיקן טישעלע אויף דריי פיסלעך, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט הענגט שיקעס אַ געטראָגענע העמד. שלמה'קע באַטראַכט איר פון אַלע זייטן...

— זי וועט ניט טויגן אויף מיר... ער איז אַ סך דאַרער פון מיר — כ'וועל ניט גיין, כ'וועל ניט גיין! זי וועט ניט ווערן אין כעס, כ'וועל איר דערציילן פאַרוואָס... און אַן עק זאָל עס נעמען... זיי ניט קיין נאַר שלמה'קע! זשומעט אים אין אויער ווי אַ גריל וואָלט זיך דאָרט באַזעצט: מאַך זיך ניט נאַריש שלמה'קע, איידער דו האָסט זיך דערוואָרט זי זאָל זאָגן: „קום שלמה'קע מיר נעמען", און איצט קלערסטו — ניט גיין.

שלמה'קע איז צוגעלאָפן נאָך אַמאָל צום פענצטער און אַראָפּגעקוקט צום גאַס, אפשר וועט ער נאָך אָפּברענגען...

אויף ביידע זייטן גאַס זענען געגאַנגען מענטשן, הין און צוריק, די ליכט וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון אָפענעם קאַפע הויז, פון די פענצטער פון די אַנטקעגנדיקע הייזער, האָט צושניטן די גאַס אויף העל און טונקל, אויף ליכט און שאָטן.

שלמה'קע האָט זיך פאַרקוקט ווי ס'באַוועגן זיך די געשטאַלטן, ווי זיי טרעטן מיט די פיס זייערע אייגענע שאָטנס. ס'האָט אַ ווייע געטאָן אַ לייכט־ער ווינטל און מיטגעבראַכט דעם עכאָ פון אַ שטים, פון נאָענטע רייד. שלמה'קע האָט אַ ציטער געטאָן. דאַכט זיך אַ באַקאַנטער קלאַנג... פאַר זיינע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן אַ ליכטיקער ווייסער פנימל...

— זאָל זיין אין דער העמד!..

ער איז צוגעלאָפן צום שטול און אַ שלעפּ געטאָן די העמד, ער האָט איר אָנגעטאָן.

— ס'איז אַ ביסל איינגלעך, אָבער אונטערן רעקל וועט מען ניט זען, דער קראגן... ס'גייט ניט צו... פאַר אַ וויאָרסט איין שפּיץ פון צווייטן... אפשר וועט דער קראוואט דאָס פאַרדעקן?

ער האָט אַ קוק געטאָן אין קליינעם שפּיגעלע וואָס איז געהאַנגען אויפן טשוואָק, ס'איז אים פאַרגאַנגען אַזאַ ביטערקייט אין נאָז, אין די אויגן.

— ס'וואָלט געוועזן בעסער ניט גיין!

אין די אויערן האָט אים געקלונגען:

— ס'איז שפּעט, אַזוי שפּעט!

ער איז צוגעגאַנגען צום טיר. אויף דער געקאַרבטער גלאָז האָט זיך געזען זיין שאָטן — איין געשטאַלט, ניט דער קורצער קראגן... ניט קיין קראוואַט... איין שאָטן, אַ שאָטן פון אַ מענטשן... ער האָט אַ צי געטאָן די טיר און איז אַרויס פון צימערל.

:—: :—: :—:

הנה'לע איז געלאָסן פאַרבייגעגאַנגען לעבן דער מאַמען וואָס איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע אויפן שמאָלן באַלקאָן און אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. די פאָדערשטע פיסלעך פון בענקל זענען געשטאַנען אויף אַרויס, די הינטערשטע אויפן שוועל פון גרויסן צימער. הנה'לע האָט זייער ניט געוואָלט די מאַמע זאָל באַמערקן ווי זי וואַרט. אפשר וועט זי מיינען — די מאַמע — אַז זי איז אומרואיק, אַז זי קלערט, אַז ער וועט ניט קומען.

— צו וואָס האָב איך דאָס אינגאַנצן דערציילט דער מאַמען? — האָט זי צו זיך אַ טראַכט געטאָן. בעסער אַזוי, זאָל זי וויסן, וויפל נאָך קינדער האָט דאָס מיין מאַמע? דער ברודער ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט, קנאַפּ קלערט זי איבער... זאָל איך נאָך אויך איר פאַרשאַפן צער... ס'איז דאָך צום ערשטן מאָל וואָס איך וועל היינט אַרויסגיין מיט אים... ביי דעם געדאַנק האָט הנה'לען עפּעס אַ דריק געטאָן... זי ווייס ניט פאַרוואָס. זי האָט אַ הויב געטאָן די בלויע אויגעלעך צום וועק-זייגער וואָס איז געשטאַנען

אויף דער שפּייז שאַפע. אין אַלטן אָפּגעריבענעם שפּיגל האָט זיך געזען דער הינטערשטער שוואַרצער דעקל פון זייגער, זי האָט צוגעכאַפּט די אויגן אַ צעשראָקענע.

— שוין גאָר צוויי זייגערס — האָט זי געקלערט. זי איז צוגעגאַנגען און גענומען דעם זייגער אין האַנט, אָנגעקוקט די ציפער בלאַט. עס איז נאָך ניט שפּעט, אַכט דער זייגער. ער האָט דאָך געזאָגט אַז ער וועט קומען אַכט. נו, איז נאָך האַלבע שעה, איז נאָך אַ שעה, דער אָוונט איז גרויס. זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם זייגער אויפן טיש און זיך געלאָזט גיין צום פענצטער.

אויף ביידע זייטן גאַס זענען געגאַנגען מענטשן. די וואָס האָבן זיך דערוווּסט דערוויטערט האָט חנה'לע מיטן בליק נאָר פאַרבייגעלאָזן. די וואָס האָבן זיך דערנענטערט האָט זי שטאַרק אָנגעקוקט — געוואָלט דערקענען. זי האָט צוגערוקט דעם קיילעכדיקן פּנימל צו די גלעזשאַווערטע „רעכעס“ וואָס האָבן פאַרגראַטעט דעם פענצטער. דער קאַלטער אייזן האָט אַ קיל געטאָן איר וואַרעמען געזיכט. פון באַלקאָן האָט זיך געהערט אַ הוסט. די מאַמע.. צו וואָס האָב איך איר געדאַרפט דערציילן, אַז ער וועט מיר קומען נעמען, אפשר קען ער ניט... איך דאַרף דאָך מאָרגן ניט גיין צו דער אַרבעט... אָבער ער — האָבן די געדאַנקען געיאָגט איינער דעם צווייטן. זי האָט אַ ריס געטאָן דעם פּנים פון פענצטער און זיך אויסגעדרייט צו דער ליכט, דער קליינער לעמפּל האָט טונקל באַלויכטן דעם גרויסן צימער, די שיין איז מערסטנס געפאַלן אויף דער געבלומטער צעראַטע, וואָס איז געלעגן אויפן טישל, מיט די דריי צוגערוקטע שטולן, אויפן בערטן איז די מאַמע געזעסן אויפן באַלקאָן פענצטער. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער בלויער קליידעלע וואָס זי האָט געטראָגן, די פעלדעלעך אויסגעפּרעסטע זענען געלעגן אויסגעלייגט איינע אויף די צווייטע, ווי צוגעקלעפּטע, וואָס נידעריקער זענען זיי אַלץ געוואָרן ברייטער, ברייטער. חנה'לען איז אַדורך אַ וואַרעמקייט איבערן גאַנצן גוף.

— וואָס פאַרא שיינע קלייד, די שענסטע וואָס איך האָב, היינט דעם ערשטן מאָל וואָס איך טו איר אָן, ווען איך יאָג ניט צו דער שניידערקע... וואָלט איך איר נאָך ניט געהאַט, באַשר איך האָב איר דערציילט, אַז איך דאַרף היינט אַרויסגיין מיט אַ בחור. ער וועט ניט קומען! ס'איז האַלב נאָך אַכט דער זייגער, פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט אָפּ...

— חנה'לע! — חנה'לע! זע אימיצער קוקט דאָ אַרויף, גיי אַרוים דאַכט זיך אַז מ'זוכט דיר.

הנה'לע האָט זיך אַ לייכטן צאַפּל געטאָן — ווי זי וואָלט זיך אָפּשאָקלען פון עפּעס אַ שלעכטן געדאַנק, ווי מ'כאַפּט זיך אויף פון אַ שווערן חלום. זי האָט האַסטיק אַ לאָף געטאָן צום באַלקאָן און זיך צוריקגעקערט גאָר נאָענט צו דער מאַמען אַריבערגעשריגן איבער איר קאָפּ:

— יע! יע! איך גיי שוין...

די מאַמע האָט צוגערוקט די קאָפּ צו איר קינד, איר געגלעט מיט די הענט און שטיל געשעפּטשעט:

— גיי, גיי, קינד מיינס, זאָלסט קומען ניט זייער שפּעט, גיי אין אַ מזל'דיקער שעה.

— אַ גוטע נאַכט מאַמע, אַ גוטע נאַכט! זי האָט אַ שלעפּ געטאָן די אַלטע שווערע טיר, און האַסטיק איר פאַרמאַכט.

חנה'לע האָט זיך ארומגעקוקט: „וואו איז ער? — האָט זי מיט די אויגעלעך געזוכט. ער איז דאָך דאָ געשטאַנען אַנטקעגן מיר!"

שלמה'קע איז שוין אָבער געשטאַנען אויפן ראָג פון גאַס, וואָס איז ער אַנטלאָפן? זי איז צוגעקומען צום ראָג וואו ער איז געשטאַנען.

— גוטן אָוונט, וואָס ביסטו עפּעס אַוועק אזוי ווייט?

— דיין מאַמע האָט מיר זייער אָנגעקוקט... — איך האָב ניט געוואוסט צו איך וועל קומען...

— פאַרוואָס?

— אזוי, איך ווייס... מיינסט אַז אַלץ קען מען דערציילן? אַז אַ מענטש האָט וועמען צום דערציילן איז שוין לייכטער... דו פילסט דאָס ניט, האָסט אַ מאַמען, איך האָב דאָ קיינעם ניט.

— איך האָב נאָר אַ מאַמען...

— איך האָב אַ טאַטן אויך, אָבער אַזוי ווייט פון דאַנען.

— נו, טו דערצייל מיר, איך וועל דיר הערן...

הנה'לע האָט אים אַ קוק געטאָן אין פּנים. זיינע שוואַרצע טיפע אויגן אונטער די בלאָנדע ברעמען האָבן שאַרף ארויסגעקוקט צו דער באַלויכטענער גאַס. די לאַנגע דאַרע האַלז איז ווי ארויסגעקראָכן פון שמאָלן קאָלנערל פון

דער העמד, וואָס איז געווען זייער צעקנייטשט און גאָר אָפּגענוצט. דער קאָלנער פון דער העמד איז זיך ניט צונויפגעקומען, איז געלעגן אָפּגערוקט איין ברעג פון דעם צווייטן. אויף דער אָפענער שטיקל האַלז איז געלעגן דער קנופּ פון בלויען קראוואט. חנה'לע האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און זיך פאַרטראַכט: — „ער האָט זיך אוודאי זייער געאײַלט, ווי מאָדנע ער האָט אָנגעטאָן די העמד, דעם קראוואט מיטן אונטערשלאַק אויף אַרויף".

— וואָס שווייגסטו, חנה'לע? האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו ווילסט מיט מיר רעדן וועגן אַ סך זאַכן...

— יע! אָבער אַ מענטש פאַרטראַכט זיך אַמאָל און — קען ניט רעדן.

די ליכט פון גרויסן רעסטאָראַן האָט אַ שלאָג געטאָן אויפן דאַרן הויכן גוף פון שלמה'קען.

חנה'לע האָט אַראָפּגעקוקט אויף די פאַלדן פון איר בלויער קלייד, אירע אויגן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן גלאַנץ פון די שוואַרצע לאַקירטע שיכעלעך וואָס זענען געלעגן אויסגעפּאַסטע אויף אירע געטאָקטע פיסלעך. זי האָט אַ גלעט געטאָן דעם ווייכן קראַגעלע אַרום האַלז און איר האַנט האָט זיך אָנגע־כאַפּט אָן דער באַגילדטער שפּילקעלע מיט אויסגעזעצטע שטיינדעלעך, וואָס האָט צונויפגעשפּילעט דעם קראַגעלע מיטן בלויען קליידל אויף איר ברוסט.

„ער איז דאָך געקומען"! האָט זי צו זיך געטראַכט, איך האָב געמיינט אַז ער וועט ניט קומען, עס איז שבת ביינאַכט... ס'גייען אַזויפיל מענטשן, באַלד וועלן אָנגיין באַקאַנטע... איך וועל אים זאָגן מיר זאָלן גיין אויף אַ צווייטע גאַס. דאָ איז אַזוי ליכטיק, לעבן די צוויי סינעס שטייען שטענדיק אידן... פאַרוואָס גייט ער אַזוי מאָדנע די העמד? מ'דאַרף אים זאָגן. ער זאָל איר פאַרריכטן, ניין! איך דאַרף דאָס ניט זאָגן, ער וועט זיך אפשר פאַר־שעמען. אַזוי טראַכטנדיק געשווינט האָט חנה'לע אַ הויב געטאָן איר בליק און זיך געטראָפן מיט שלמה'קעס שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי צוויי אויסגעלעכערטע טיפן אויף זיין בלאַסן פּנים, זיינע ליפּן האָבן נערוועז געציטערט...

— וואָס קוקסטו מיר אָן אַזוי חנה'לע? שעמסט זיך מיט מיר צום גיין?

חנה'לען איז עפּעס געוואָרן קאַלט, אַ ציטער איז אַדורך איר גאַנצן גוף: „אוי, ער האָט געהערט וואָס איך האָב געטראַכט, ניין! אפשר האָב איך גע־רעדט אויפן קול? איך האָב אים פאַרשעמט"...

— ניין! שלמה׳קע, איך האָב דאָס ניט געוואָלט זאָגן... איך האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגן דו גייסט שלעכט די... העמד.

— יע! איך ווייס דאָס, איך גיי איר ניט שלעכט... זי גייט אליין שלעכט, די העמד... אָט דאָס איז... איך האָב דאָך דיר גלייך געזאָגט, אַז איך האָב ניט געוואוסט צו איך וועל קומען... איך האָב אפשר טאַקע ניט געדאַרפט קומען.

ער האָט אָפּגעהאַקט די זאַצן, זיין שטים האָט געציטערט אין טיפער פאַרלעגנהייט.

חנה׳לע האָט זיך דערפילט שולדיק. עס האָט איר שטאַרק געדריקט אין ברוסט און פון טיפן ווייטאָק, זענען איר אָנגעלאָפן די אויגן מיט טרערן. זי האָט אויפגעהויבן אַביסעלע אירע אויגן און געזוכט שלמה׳קעס פנים...

זיינע פייכטע אויגן האָבן געקוקט אויף איר ווייסן קראַגעלע.

אַליין...

איין געדאַנק האָט שמיליקן באַגלייט טאָג און נאַכט, ווי צום אָפּשפּאָרן הונדערט און פופציק דאָלער אויף אַ שיפס קאַרטע פאַר חנטשען.

אין די פאַרנאַכטן, גייענדיק פון דער אַרבעט אַהיים, אונטער די פּאַרטאַלן פון דער לאַנגער גאַס, אין דער שטופּעריי און שטויסעריי פון טויזנטער מענטשן, פלעגט שמיליקן אַרומנעמען אַ טיפע בענקשאַפט צו דער היים, צו אייגענע. אָט די אַלע וואָס שטופּן אים, וואָס יאָגן אים אַריבער, וואָס קוקן אים אָן מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגן זענען פרעמדע, ער קען זיי ניט, נישטאָ קיין איין באַקאַנטער פּנים, וואָס טו איך דאָ? — פלעגט ער ביי זיך גופא נישט איינמאָל געבן אַ פרעג; וואָס טו איך דאָ איינער אליין, צווישן די פרעמדע און ווייטע?

שמיליק האָט דערפילט אַן ענגשאַפט טיף אין האַרצן, ווי ס'וואָלט זיך עפּעס אינעווייניק קאָרטשען, דריקן ביז ווייטאָג, פאַרשווערן זיין טראָט און נישט לאָזן גיין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האַסטיק אַ ציי געטאָן דעם אָטעם, אַ שאַר געטאָן מיטביידע הענט אַרום זיך, ווי אַ שווימער וואָס וויל זיך אַרויסרייסן פון אַ שטורמישער כוואַליע, און ווי ער וואָלט דורכגעבראָכן אַ האַרטע וואַנט און אַריבערגעשפּרייזט. איבער זיין פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ דינער שמייכעלע, אין געדאַנק האָט אויפן קול אָפּגעקלונגען „חנטשע".

זיין גוף איז גלייך געוואָרן לייכטער, דער מח האָט אין געאייל געחשבונט, די וואָכן זענען געלאָפן און דער מספּר איז געוואָקסן... שמיליק האָט דערפילט ווי עמיצער גייט ביי זיין זייט, ווי מען גלעט אים די האַנט, ער האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט וואָס שלאָגט צו אים און נעמט אים אַרום, ער האָט דערהערט ווי מען רעדט צו אים, ווי מען פרעגט אים. — „חנטשע, ועסט זען אַז איך וועל דיר לאַנג נישט לאָזן וואַרטן, איך האָב שוין צוועלף

דאָלער, מיין בעל-הבית איז נישט קיין שלעכטער, איך וועל אים בעטן וועט ער מיר אויסלייען", האָט ער איר געענטפערט.

די ערשטע צוועלף דאָלער וואָס שמיליק האָט אָפּגעשפּאָרט האָט ער גע-האַלטן אין אַ בוך. אַלע איינציקע דאָלאַרן, אין יעדער זייטל אַ דאָלער. דעם בוך האָט חנטשע אים געשענקט פאַרן אַוועקפאָרן, אויף דער ערשטער בלאַט, איז מיט קליינע אותיותלעך געווען אָנגעשריבן:

טייערער חבר שמיליק!
פאַר דיר אַ מתנה, דעם בוך „אָפּגאַנג".
איך בלייב אַליין!
ביז דו וועסט וועלן! ביז דו וועסט קענען!
פאַר אונז זאָל דאָס נאָר זיין אַן איבערגאַנג...

דיין חנטשע.

שמיליקן איז די אַרבעט אין געשעפט פאַר מענער קליידער געפאַלן לייכט. ער האָט באַלד געכאַפּט די עטלעכע שפּאַנישע ווערטער אויף צום אריינציען אַ קונה, דער בעל הבית פלעגט אים צוגעבן מוט, — „רעד אויף אידיש, וואָס אַרט דיר? זיי פאַרשטייען, איך האָב אויך גערעדט אויף אידיש,"...

שמיליק האָט געשמייכלט און דערביי געטראַכט, „איך בין דיר מוחל די עצה, איך האָב אַ בעסערע, איך גיי אַלע נאַכט אין קלוב און לערן זיך שפּאַניש, דו וועסט זיך גאָרנישט ארומזען, וועל איך שוין קענען אַ בעסערן שפּאַניש ווי דו גופא, מיט דיינע קלוגע עצות".

אַזוי איז טאַקע געווען. יודל, דער בעל הבית, האָט זיך אָבער גראַד יע געכאַפּט אַז שמיליקס שפּאַניש ווערט פון טאָג צו טאָג בעסער, און אים אָנ-געהויבן לויבן... ער האָט זיך גאָרנישט געריכט אַז דאָס וועט אים באַלד קאָסטן אַ פאָר דאָלער מער אויפן וואָך.

דעם זעלבן שבת פאַרנאַכט — ס'איז געווען אַ „גוטער טאָג", מען האָט געלייזט אַ סך געלט — האָט שמיליק זיך צוגערוקט צו יודלען און אַן קווענקלעניש אים אַ זאָג געטאָן:

— יודל! איך אַרבעט שוין אַ פאָר מאָנאַטן און איר אַליין זעט ווי איך אַרבעט, ס'וואָלט געווען אַ יושר איר זאָלט מיר העכערן אַ פאָר דאָלער אויפן וואָך.

— אָ! דו אייַלסט זיך צופיל! איך האָב דיר באַלד פון אָנהייב אָנגע-הויבן צום צאָלן צופיל, זיבן דאָלער אַ וואָך, אַ גרינעם! דו מיינסט אַז דאָ שמידט מען געלט?

— אויב איר קענט נישט דאַרף מען נישט!

שמיליק האָט זיך פאַרלאָרן, אַ נערוויאַיישקייט האָט אים באַהערשט: ער האָט דערפילט ווי ער וואָלט זיך פאַרנאַנדערפאַלן און שטיקלעך וואָס וועלן זיך באַלד דאָ מייקליזן אויף דער פּאָל. אַלע השערות וואָס ער האָט גע-מאַכט האָבן זיך פאַר איין מאָל אויסגעמעקט פון זיין געדאַנק. די זיכערקייט אַז יודל וועט אים אַז קיין שיין רייד העכערן אַ פּאָר דאָלער אַ וואָך — האָט אים אַזוי אָפּגענאַרט, ס'האָט אים פּלוצלונג אַרומגענומען אַ פאַרלאַנג זיך אַליין צום זידלען...

וואָס טוט מען איצט? — האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. שמיליק האָט זיך אויסגעגלייכט און ווייטער געאַרבעט, ס'האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין אַריינקומען קונים.

איך גיי אַוועק פון דער אַרבעט! פאַר זיבן דאָלער אַרבעט איך נישט מער! דעם גאַנצן לעבן וועל איך נישט קענען אויפקלייבן אויף קיין שיפס קאַרטע — האָט ער צו זיך געטראַכט.

— מאַך צו די טירן — האָט יודל באַפוילן, — ס'וועט זיין גענוג אויף היינט! אַז מען וועט דאָ זיצן וועלן זיי קומען אַ גאַנצע נאַכט...

שמיליקן האָבן די רייד אַ ברי געטאָן ביים האַרצן. הער נאָר ווי ער רעדט. ווי ער וואַרפט זיך דאָס מיטן פדיון און מיר עפּעס העכערן — זאָגט ער — אַז איך אייַל זיך צופיל.

שמיליק האָט אויף גיך פאַרמאַכט די טירן, אונטערגעשפּאַרט זיי מיט די העלצער, מען זאָל נישט קענען אַזוי לייכט זיך אַריינכאַפּן אין קראָם באַ-גנבענען, און אַ שוויינענדיקער, אָן רייד, מיט אַן ערנסטן טרוקענעם פּנים איז ער צוגעגאַנגען צו יודלען.

— וואָס אייַלסטו זיך אַזוי היינט? גייסט ערגעץ טאַנצן? האָט יודל ווייך געשמייכלט. אָ! איך ווייס שוין, היינט איז פאַראַן אַ אוונט אין קלוב.

— יע! אַ פאַרשטעלונג, נישט קיין טענץ. איך נעם אויסטייל, דאַרף איך זיין פרי.

— דו אַרבעסט זיך אַרויף, אַ גרינער און שפּילט שוין טעאַטער!

שמילי̇ק האָט אַ הויב געטאָן די קאָפּ, די לאַנגע שוואַרצע האָר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן, ער האָט אַריינגעשטאָכן די אויגן יודלען אין פּנים און אַ זאָג געטאָן:

— איר מאַכט אייך נאַריש, אַ גרינער איז דער וואָס ווייס נישט וואָס ער רעדט און האַלט זיך פאַר אַ וויסער, באַצאָלט מיר, ווייל איך וויל גיין.

— דאָס מיינסטו מיר?... אָ, ווי גיך דו גרינסט זיך אויס.

— איך מיין נישט אייך, איר ווייסט וואָס איר טוט...!

יודל האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ גאַנצע זשמעניע מיט פּאַפּיר געלט און אַוועקגעלייגט אויפן טיש. ער האָט אַ הויב געטאָן די אויגן צו דער טיר זיך צום פאַרזיכערן אַז זי איז גוט פאַרמאַכט און אָנגעהויבן קלייבן די איינציקע דאָלאַרן. די פינפערלעך האָט ער געלייגט אויף אַ בערגל.

— דאָ האָסטו דיינע זיבן דאָלער! — יודל האָט אים אָנגעקוקט און דערפילט אַז ער דאַרף אים עפּעס זאָגן:

— ס'וועלן אַריבערגיין נאָך עטלעכע וואָכן, דו וועסט זיך איינאַרבעטן וועל איך דיר העכערן נאָך צוויי דאָלער.

שמילי̇ק האָט גענומען דאָס געלט און מיט אַ שמייכל וואָס איז אַמאָל דער שאַרפּסטער ענטפער אַ זאָג געטאָן:

— איך דאַנק אייך, איך קום נישט מאָנטיק צו דער אַרבעט.

— האָסט אַ בעסערן אָרט?

— איך האָב נישט! אָבער כ'וועל האָבן... איך מוז פאַרדינען מער...

יודל האָט אים אָנגעקוקט און דערפילט אַן אינערלעכן דרך אֶרץ. פאַר זיינע אויגן האָט אַ שיין געטאָן אַ ליכטיקער פּנים; אַ הויכער שטאָלצער בחור. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, „דער אינגל וועט זיין אַ לייט" און מיט אַ שמייכל אים געפרעגט:

— וויפל ווילסטו זאָל איך דיר העכערן?

— פינף דאָלער! איך דאַרף פאַרדינען צוועלף דאָלער אַ וואָך, וועל איך קענען אויפקלייבן אויף אַ שיפס־קאַרטע פאַר הנטשען!

יודל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אַוועקגעלייגט די רעכטע האַנט אויפן טובאַנק, ווי ער וואָלט זוכן אָן עפּעס זיך צום אָנשפּאַרן. דער שמייכל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט און איבערגעלאָזן אַן אויסגעצויגענעם צעקרימטן פּנים, ער האָט צו זיך אַליין אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט, „פינף דאָלער", „פינף דאָלער". ער איז אַ ווײַלע אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך אָנשטרענגען קומען צו זיך און האַסטיק אַ ברום געטאָן:

— גוט! וועסט העלפן דאָס אויסאַרבעטן, מען קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן! וועסט זײַן אַ לײַט! שמיליק, דו גייסט אויף אַ גלײַכן וועג!

שמיליק האָט זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט, ווי ס'וואָלט אים אַראָפּ אַ שווערע משא פון די פּלייצעס. ס'איז אים פּלוצלונג געוואָרן לײַכטער, פרייער צו אָטעמען, ער האָט דערשפּירט אַ זיכערקייט אין זיך גופא, אַ זיכערקייט וואָס זעלטן ווען אַ מענטש קען אין זיך דערגרייכן און מיט אַ טאָן וואָס לאָזט נישט איבער קיין ספקות האָט ער געענטפערט:

— איר קענט אייך אויף מיר פאַרלאָזן!

:—: :—: :—:

שמיליק איז געווען אַליין אין צימער. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בעטל און צוגעגאַנגען צו די אײַזערנע גראַטעס פון איינציקן פענצטער, אַרויסגעקוקט צום קעגנאיבערדיקן אַלטן דאַבעלקע דאַך, צום קוימען פון דער בעקערײַ וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג גאַס. ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט מיטן פּנים צום צימער און זיך אַרומגעקוקט. בײַ די דרײַ ווענט זענען געשטאַנען אײַזערנע בעטלעך. די גרויע זשאַווערדיקע רערן פון צו־קאַפּנס און צופוסנס, די זאַמד קאָלירטע קאָלדרעס, האָבן אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט אויסגעקוקט ווי אַרומגעצאַמטע קברים. דער שאָטן פון שמיליקס גוף איז געפאַלן אויף דער גרויער וואַנט. ער האָט אַ טראָט געטאָן פאָרויס, ווי ער וואָלט זיך וועלן צורוקן נענטער צו זיך גופא. ס'האָבן אַ צאַפּל געטאָן זײַנע אַקסלען, ער האָט אַ הויב געטאָן בײַדע הענט בײַ צום ברוסט, ווי אַ לויפער וואָס וויל זיך אָפּשטעלן און נישט פאַרלויפן צו ווײַט. ס'האָט אַ הילך געטאָן אין דער ליידיקייט פון צימער — אַוואו וועסטו גיין היינטיקע נאַכט? האָסט אָפּגערעדט מיט חיהלען? שמיליק!

ווי אַ גוטער אינגל אויף וועלכן מען שרײַט אָן און ער פאָלגט זיך, אַזוי האָט שמיליק אַראָפּגעלאָזן די אײַנגעצויגענע הענט, נאָכגעגעבן און זיך גע-

לאָזט צום בעטל. ער איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין און אַ טראַכט געטאָן וועגן דער וואַליזקע וואָס שטייט אונטערן בעטל. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, איר געלאָסן ארויסגעשלעפּט, אויפגעשלאָסן און ארויסגענומען דעם בוך „אָפּגאַנג״; באַטראַכט די שוואַרצע טאָוולען, דעם אויפשריפט פון מחבר׳ס נאָמען און אָנגעהויבן ציילן די זייטלעך... אין די ערשטע — איינציקע דאָלאַרן, אין די ווייטערדיקע — פינפערלעך. שמיליק האָט גע-מיישט די זייטלאַך און געציילט די פּאַפּירלעך: — 143 דאָלער. ניין! דוכט זיך אַז 145 דאָלער. אַלצאיינס... נאָך איין וואָך. אין קאָפּ האָט זיך אַ יאָג געטאָן אַ גאַנצער שטורעם פון געדאַנקען, געשטויסן איינס דעם צווייטן, ווי יעדערער פון זיי וואָלט וועלן פאַרכאַפּן אַ זיכערן אָרט... נישט גיין לאיבוד. פאַפּירן דאַרף מען אויסאַרבעטן, דאָס קאָסט אויך... ווער וועט דאָס דיר מאַכן? אַ צימער, דו קלערסט אפשר ווייטער וואוינען דאָ? שמיליק האָט אַ שמייכל געטאָן אויפן קול — ניין! אליין... מען קען נישט וואוינען מיט קיין זייטיקע.

ס׳האָבן זיך דערהערט טריט אויף די לעצטע טרעפּלעך. יוסף איז אריינגעקומען. שמיליק האָט האַסטיק אַ וואָרף געטאָן דעם בוך אין וואַ-ליזקע, איר אַ שטופּ געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט אויפן קאַנט פון בעט.

— וואָס זיצסטו אזוי אין דער פינצטער? שמיליק, גייסט היינט אין קלוב?

— ניין! איך גיי נישט! איך האָב דאָרטן נישט וואָס צו טאָן!

— היחלע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו גייסט.

— וועסטו איר זאָגן, אַז איך גיי נישט! — האָט שמיליק מיט אַ שאַרפן קול גערעדט.

— וואָס ביסטו אין כעס אויף מיר?

— איך בין נישט אין כעס אויף קיינעם!

— אפשר אויף זיך גופא ?

— אפשר...

שמיליק האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און פאַרדעקט דעם פּנים מיט די הענט ווי ס׳וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן די אָנגעצונדענע עלעקטרע.

— קלייבסט זיך שלאָפן אין די זאַכן?

— איך קלייב זיך נאך נישט שלאפן, דערווייל וויל איך, מען זאל מיר לאזן צורו...

יוסף האט אים א ווײַלע אנגעקוקט מיט א דורכדרינגלעכן בליק, זיך געקליבן אים עפעס זאגן, אײבער זיין פנים האט זיך א גליטש געטאן א בי-טערער שמייכל, בעסער שווייגן. ער האט זיך א האסטיקן דריי געטאן, ווי ס'וואלט אים א טראג געטאן א פעסטער געדאנק. ער איז צוגעגאנגען צום וואש-שיסל וואס איז געהאנגען אין ווינקל פון צימער, אנגעצונדן דעם קליינעם לעמפעלע און זיך גענומען ראזירן.

שמיליק האט אויסגעדרייט די קאפ צום ווינקל און אנגעקוקט יוספ'ן, נאכגעקוקט יעדער באוועגונג זיינע, ביז די אויגן האבן זיך אים פארמאכט.

יוסף האט אויף גיך זיך אנגעטאן, און צוגעקומען צו שמיליקן:

— שלאפסט נישט? איך גיי שוין אוועק, האב מיר א גוטע נאכט!

ער האט א שלעפ געטאן די טירל און ארויסגעקוקט צום דאך, אין דער טונקלקייט פון דער נאכט האט זיך דורכגעשניטן דער שאטן פון הויכע מאסטן איבער די פאראנקערטע שיפן ביים ברעג, ס'האט א הילך געטאן דער פליוך פון ים, וואס טיילט אפ די רעגלער פארשטאט, יוסף האט זיך א צי געטאן אויף צוריק, ווי עמעצער וואס וויל נישט ארויספאלן אויף הפקר:

— שמיליק! וואס זאל איך איר זאגן?

— מאטער מיר נישט! וואס האסטו איר צום זאגן... זאג איר, אז זי זאל מיר לאזן צורו...

— דאס וועסטו איר זאגן, הלואי וואלט זי דאס געוואלט...

— איבערצייג איר דו! א מאנסביל דארף דאס קענען!

— דיר דוכט זיך, אז דו קענסט מער, ס'איז א צופאל... גורל איז א קאפריז, גורל... ס'איז גאר קיין גורל נישט... ווער ווארפט דעם גורל... ער פאלט אליין... ער פאלט נישט, ער ווערט געבארן מיטן מענטשן, מיט זיין כאראקטער, מיט זיינע שטריכן. וואלט מיין פנים געהאט אן אנדער פראפיל, וואלט מיין שטים אנדערש געקלונגען, וואלט מיין גורל אויך גע-ווען אן אנדערער, אנדערש וואלט זי מיר געזען... ער האט זיך א צאפל גע-טאן, א ריס געטאן פון זיין פארטראכטעניש:

— חיה'לע איז א וואויל מיידל! א וואוילע...

— איך קען איר נישט העלפן! איך קען זיך נישט העלפן... יוסף? פאַרוואָס דאַרפסטו מיט מיר וועגן דעם רעדן?

— איך קען זיך נישט העלפן... אַזוי ווי דו! אַזוי ווי זי... פאַראַן ווייטאָקן וואָס דעם מענטשן ציט צו זיי...

— שמיליק! אָבער דו האָסט איר נישט ליב?

— איך ווייס נישט, אפשר יע, — זיין שטים האָט געציטערט, — ס'איז דאָך אָבער נישט קיין אונטערשייד, מען קען דאָך נאָר איינמאָל צו-זאָגן... אַ וואָרט איז אַ הייליקע זאַך.

— ביסט געווערכט שמיליק! אָבער. זי וויל דאָס נישט פאַרשטיין, זאָג דאָס איר דו... דאַרפסט איר העלפן זיך ארויספּלאָנטערן... אַ שאָד, זי ליידט אַזויפיל, אַ טייערע מיידל חיה'לע, דו הערסט זיך צו, שמיליק, ווי ס'קלינגט איר קול בעת זי רעדט! זי שמייכלט אַזוי ליכטיק... דער צער פאַרטרייבט דעם שמייכל פון איר פּנים, אַזאַ שאָד. חיה'לע... — שמיליק! איך האָב איר זייער ליב! ריכטיק, אַז זי איז די בעסטע מיידל וואָס דו האָסט ווען באַגעגנט? אפשר די שענסטע אויך... פאַרוואָס האָסטו איר נישט ליב?

שמיליק האָט געשוויגן, ער האָט ארייננגעטראַכט אין יוספ'ס רייד, ער האָט נאָך אַמאָל איבערגערעדט פאַר זיך די לעצטע און אַ וואָרט געטאָן אַן ענטפער:

— ווייל איך טאָר נישט!
— ס'דאַרף זיין שווער צום קלערן אַזוי...
— אַ סך שווערער ווי דו שטעלסט זיך פאָר.

— שמיליק! קום אין קלוב, האָסט דאָך געזאָגט אַז דו וועסט גיין... דו ווילסט דאָך איר נישט וויי טאָן.

— ניין, איך וויל נישט, איר וויי טאָן! אָבער איך גיי נישט! ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום בעט און ארויסגענומען דעם בוך פון וואַליזקע, איפּגעעפנט דעם טאָוול און אַ ברום געטאָן:

— לייען יוסף!

יוסף האָט איבערגעלייענט דעם אויפשריפט. אַ מאָדנעם אויסדרוק האָט באַקומען זיין פּנים, די אויגן פאַרלאָפן מיט בייכטקייט און דער גאַנצער געזיכט שמייכלט.

— וואָס וויינסטו? וואָס לאַכסטו?

— אַ שווערער איבערגאַנג! פאַר דיר... פאַר מיר...

— גיין אין קלוב יוסף, רעד מיט היה'לען, גיב איר צום פאַרשטיין.

— אומזיסט! געפילן לאָזן זיך נישט פירן פון קיינעמס פאַרשטאַנד, ס'איז מיר אַזאַ וואונדער, דו זאָלסט דאָס נישט באַגרייפן.

— גראָד באַגרייף איך דאָס שוין יע! איך וויל אָבער נישט... בעסער נישט באַגרייפן.

— אַ גוטע נאַכט, שמיליק!

— אַ גוטע נאַכט, יוסף.

⁛ ⁛ ⁛

יוסף'ס גרויע אויגעלעך זענען ארומגעשוואומען איבערן קלוב זאַל. די האַרטע בלאַנדע הערעלעך האָבן זיך געשפיזט אויפן קאָפּ, ווי זיי וואָלטן העלפן זוכן. אַלע ווײַלע האָבן זיי זיך אַ דריי געטאָן צו דער טיר און גע־שלונגען נייע באַקאַנטע פּנימער וואָס האָבן זיך אריינגעגאָסן און אָנגעפילט דעם גרויסן צולויכטענעם זאַל. פּלוצלונג, גאָר אָן זיין ווילן האָט דער זייגער אַ ציי געטאָן זיין בליק; זי וועט נישט קומען! זי ווייס אַז שמיליק קומט נישט, אומזיסט דאָס וואַרטן...

ער האָט אַ שלעפּ געטאָן אַ שטול צום באַלקאָן און זיך געפּרוווט אוועק־זעצן. אַ מידקייט האָט אַרומגענומען זיין גאַנצן גוף, ער האָט געפילט אַז ס'איז אים שווער צום שטיין, אַז ס'ליידיקט זיך אויס זיין כוח, ס'ווערט פוסטער אַלע ווײַלע. דער קובאַנער הימל האָט אַ קלונג געטאָן איבערן זאַל, יוסף האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט. זיין לעצטער בליק צום טיר האָט זיך באַגעגנט מיט די אויגן וואָס ער האָט געזוכט, אַ דינער פייערל, ווי אַ פעדימל האָט אַ שטראָם געטאָן דורך זיין בלוט, ער האָט איר גערופן מיטן קוק, מיט זיין גאַנצן וועזן צו זיך, ער האָט געפילט, אַז זי האָט זיך באַגעגנט מיט זיין בליק און מיט אַ כיון אָפּגעדרייט די קאָפּ און אוועק צום צווייטן זייט זאַל. זיינע פיס האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און נאָר געשטעלט איין טראָט, — איך וועל איר נישט נאָכלויפן, זאָל זי גיין... ער האָט זיך מיט זיין גאַנצן

ווילן אויסגעדרייט צום גאַס און זיך פאַרטראַכט אויף די אַנטקעגנאיבער-דיקע הייזער, אויף די צעגרינטע בוימלעך פון פאַרק. ס'האָט אים אומ-אויפהערלעך געצויגן זיך אויסצודרייען. ער האָט זיך אָנגענומען מיט די הענט אָן דער הילצערנער פאַרענטש, ווי ער וואָלט זיך ווען אויסהיטן, נישט צום געבן קיין טראָט און אַראָפּפאַלן...

יוסף האָט דערפילט לעבן זיך אַ לייכטן טריט, דעם אָטעם פון אַ נאָענטן מענטשן. ער האָט זיך האַסטיק אַ דריי געטאָן מיטן פנים צו דער ליכט:

— חיה'לע!

— יוסף! שמיליק איז נישט געקומען?

— איך ווייס נישט!

— דו ביזט נישט געווען אין צימער?

— יע!

— ער איז נישט געווען?

— יע!

— ער וועט נישט קומען...

— איך ווייס נישט! ער זאָגט, אַז איך זאָל אים נישט מאַטערן, דו אויך נישט, אַז ס'איז נישט מיין עסק צו ער וועט קומען צו נישט, דיינער אויך נישט...

יוסף האָט זיך מיט די רייד אָפּגעקילט, ס'איז אים געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן, ער האָט אָנגעוויזן חיה'לען אויפן שטול וואָס איז געשטאַנען, זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און זיך אַ טראָג געטאָן פאָרויס.

יוסף האָט איר באַגלייט מיט די אויגן ביז צו דער טיר, אָן אומבאַ-האָלפנקייט האָט פאַרגאָסן זיין בלאַסן פנים, די פאַרשפּיזלטע הערעלעך אויף זיין קאָפּ, די גראָע קעצישע אויגעלעך.

:: :: ::

די שווערע טירל פון גרויסן טויער איז אָפן, אין דעם סאַביקו האָלץ וואָס איז האַרטער פון דעמב, האָבן זיך פאַר די צענדליקער יאָרן און אפשר הונ-דערטער זייט מען האָט אים אָפּגעשניטן פון זיין וואָרצל, איינגעקריצט שניטן, גריבלעך פון אַלטקייט. דער רעגן ווייקט און די טראָפּישע זון ברענט, ביז זיי ברעכן איין די פאַרעקשנטע האַרטקייט פון סאַביקו. פאַרדאַרטער

פאַרב קלעפּט נאָך וואו נישט וואו, עדות, אַז מען האָט די טיר אין אַ פאַרגאַנגענער תקופה אָפּגעפאַרבּ.

דער טרעפּל קלינגט אָפּ שטיינערדיק אונטער חיה'לעס טראָט. זי גיט אַ הויב די פאַרטראַכטע אויגן וואָס האָבן איר געפירט אויפן שמאָלן טראָטואַר פון דער ענגער גאַס און קוקט זיך אַרום. דער דרייסיקער לעמפּל, אַרומגענומען מיט אַ דראָטענע נעצל, מען זאָל אים נישט קענען אַרויסגנבענען, מאַכט נאָך דיקער די שאָטנס אויף די גראָע נישט געקאַלכטע ווענט. איר בליק פאַלט אויף די אויסגעשטשערבעטע שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן אַרויף צו זיין צימערל, די קאַלטקייט פון דער אַלטער מאַרמאָרענער פּאָרענטש און דער זשאַווער, וואו די שטיקער מאַרמאָר זענען אַראָפּגעפאַלן; די גרויקייט, דער שטיין, האָבן אַ קיל געטאָן חיה'לעס צעהיצטן געמיט, דעם ברי וואָס האָט איר געטראָגן פון ליכטיקן קלוב זאַל, פון דער מוזיק, צו דער אַלטער שטאָט, צו דער פאָרט געסל, צו דעם דאַך צימער, צו שמיליקן.

דער אָפּהילך פון פאַרשייטן געלעכטער, דער אָנבאָט פון „ווייב" אויף די שוועלן פון הייזער, די אַרויסגעשטעקטע קעפּ דורך אויסגעשניטענע פענצטערלעך אין די טירן, דער קינסטלעך אויסגעגאָסענער גלאַנץ אויף אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס שמייכלען נקביש און ווינקען; די רויטע פאַרב פלאַמעס אויף אָפּגעלעבטע, פאַרצערטע באַקן, די בלישטשיקע זיידענע קליידער אויף דאַרע גופים, און איבער זיי דער מענטשלעך חיה'שער ברום פון מאַטראָזן תאוה, וואָס רייסט זיך אין שיכרות אויף דער פאָרט גאַס, האָבן נאָכגעיאָגט חיהלען ווי אַ ווילדע כוואַליע.

חיהלע האָט זיך דערפילט ווי אין אַ וואַלד. פון אַלץ האָט געשלאָגן אַ קעלט, אַ גרויקייט, אַ שרעק האָט אַ וויקל געטאָן איר צאַרטן גוף.

איר געדאַנק האָט זיך אָן עפּעס אַ כאַפּ געטאָן: „מאַמע! אַליין איז אזוי שווער"... זי האָט זיך אַ טראַג געטאָן צו דער מאַמען אין קיך, אויפן אַלטן מאַרק... דער גאַנצער ווייטער שטח ביז דער פּוילישער שטעטל האָט זיך איינגעשרומפּן, זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט אָן דער מאַמען.

די טירלעך פון דאַך צימער האָבן אַ שלאָג געטאָן אין אירע אויגן. זי האָט אַ הויב געטאָן איר קאָפּ, אַ טונקל בלויער צעשטערנטער הימל האָט צוגעדעקט דעם דאַך, דעם גאַנצן אַרום. חיהלע האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טירל.

:: :: ::

— צו וואָס ביסטו געקומען?
— זאָג דו... צו וואָס... צו דיר...
— חיה'לע, גיי אין קלוב!
— צוריק... דורך דער גאַס, ס'ווערט מיר קאַלט... וואָס רעדסטו?
— פאַרוואָס ביסטו ארויס פון קלוב?
— אָן דיר האָב איך דאָרטן נישט וואָס צום טאָן.
— אָבער איך קען דאָך נישט גיין...
— ניין! גיי נישט, בלייב דאָ מיט מיר...

חיה'לע האָט אַ טראָט געטאָן פאָרויס, אירע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט זיינע, זי איז געווען עטוואָס נידעריקער פון אים.

— דיינע אויגן, פאַרמסרן דיר... ווילסט מיר נישט ליב האָבן צוליב אימעצן, דאָס קען מען נישט... האָסט מיר ליב! אזוי ווי איך דיר!

זי האָט זיך אַ שאַר געטאָן צו שמיליקן, צוגעטוליעט מיטן גאַנצן גוף, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך אין אים ארייננגראָבן, איר שווערער אָטעם האָט היים געבלאָזן אויף זיין פנים.

ס'האָט אים אַ ברי געטאָן די וואַרעמקייט וואָס האָט געשלאָגן דורך איר לייכטער קליידל, דאָס גלעטן פון אירע הענט איבער זיין פלייצע האָבן געצונדן זיין בלוט.

חיה'לע האָט אים צוגעדריקט צו זיך.

שמיליק האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און איר אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— וואָס טוסטו?

— איך האָב ליב! דיר, מער קיינעם נישט...

אירע ליפּן האָבן זיך צוגעקלעפּט צו זיינע. אירע קורצע אָפּגעשאָרענע האָר האָבן זיך אַ שאַר געטאָן איבער זיין האַלז, זיי געגלעט ווי מיט זיידענע באַרשטן, אַ ציטער האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבערן גאַנצן גוף, איר וואַרעמקייט האָט אים ווי אַ מאַגנעט אַ צי געטאָן צו איר לייב. זיינע הענט האָבן זיך אַ גליטש געטאָן איבער איר האַלז, איבער איר פלייצע... איבער איר גאַנצן קערפּער...

:: :: ::

שמיליק האָט דערהערט אַז אימעצער דרייט זיך אַרום אויפן דאַך.

— קינדער, פאַרוואָס גייט איר נישט שלאָפן?

חיהלע איז דאָ? — האָט אים דוד, דער דריטער חבר פון צימער־שטיל געפרעגט.

— זי שלאָפט...

אַ פולע לבנה איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ טונקל בלויען זיידענעם הימל.

— יוסף! וואָס שטייסטו פון דערווייטן, קום רוק זיך צו אַהער.

די דריי חברים האָבן זיך צונויפגערוקט, אַלע האָבן געקוקט צו די פאַר־אַנקערטע שיפן, צום לאַנגן רואיקן פּאַס ים, וואָס האָט זיך בולט אַריינגע־שניטן אין דער ביינאַכטיקער ליכטיקייט.

— אַ וואונדערבאַרע נאַכט! — האָט דוד אַ זאָג געטאָן, אַלץ איז אַזוי קלאָר, נאָך קלערער ווי אין העלסטן טאָג.

— אַזעלכע זענען די נעכט פון חודש מאַי, אַלץ ווערט קלאָר, אַלץ ווערט העל... האָט שמיליק גערעדט ווי צו זיך אַליין, — מיר זענען אַזוי ווייט פון אונזערע היימען... אַ גאַנצע וועלט דאַרף מען דורכפאָרן, אַ גאַנצע וועלט... אַזוי ווייט...

— אַ גוטע נאַכט! האָט יוסף אַ ברום געטאָן און זיך אַ טראָג געטאָן צו די טרעפּ.

— אוואו גייסטו? קום אַהער! האָט אים שמיליק אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט, פאַרוואָס גייסטו אוועק?

— איך קען אויף איר נישט קוקן! זי איז ביי מיר ערגער ווי אַ... שטילינקערהייט, ווי אַ קאַץ, האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט פון קלוב...

— יוסף וואָס רעדסטו?

— דאָס וואָס דו הערסט!

— יוסף! דו זאָלסט דאָס זאָגן? דו אַליין לערנסט מיר שטענדיק אַז אַ מענטש דאַרף זיין אויפריכטיק מיט זיך און האַנדלען לויט זיינע געפילן, איצט משפּטסטו פונקט פאַרקערט.

— איך משפט לויט מיינע געפילן... זוך נישט איצט קיין לאָגיק, קיין איינזען...

— יוסף! וואָס איז מיט דיר געשען? ווי קען מען אזוי קלערן וועגן א מענטשן וואָס מען האָט ליב? איך דערקען דאָך דיר נישט...

— ס'איז א ליגן! איך האָב איר נישט ליב! קיינמאָל נישט... אזא קען איך נישט ליב האָבן...

ער האָט זיך צוגערוקט צו שמיליקן און אים אָנגענומען פאַרן האַנט. זיין האַנט איז געווען קאַלט, ער האָט זי ווי א שווערע משא ארויפגערוקט אויף שמיליקס פלייצע, זיין קאָפּ איז ארויפגעפאַלן אויפן אַקסל, זיין גוף האָט געציטערט, ער האָט געאָטעמט אָפּגעהאַקט, ווי דער אָטעם וואָלט זיך רייסן דורך א וואַסער רער. דורכן איינגעהאַלטענעם כליפּען האָט ער מיט א פאַר-שטיקטן כוח ארויסגערעדט:

— איך האָב איר ליב... איך... איך פאַרשטיי... איך קען איר אָבער נישט מוחל זיין. דיר יע!

— אָבער, איך קען זיך נישט מוחל זיין... איך פאַרשטיי זיך אליין נישט...

די לבנה האָט זיך געשאַרט צו איר טאָגיקן אָפּרו. ברעקלעך וואָלקנס האָבן זיך געוויקלט אין מיזרח פלאַמען, דורכגעשטאָכן פון זוניקע שטראַלן וואָס האָבן ווי אויף ליכטיקע שטריק זיך געצויגן צו דער ערד... אויפן גע-מויערטן ראַנד פון דאָך זענען נאָך אַלץ געזעסן דריי אידישע בחורים אין דער פרעמד, געקוקט צו די מאַסטן פון פאַראַנקערטע שיפן, צום ימיקן ברעג, צו א ליכטיקן פרימאָרגן וואָס גייט אויף.

אַ פרילינג חלום...

זי האָט אים זייער אַ סך מאָל געזען. ער פלעגט פאַרבייגיין איר פענצטער צום גאַראַזש, וואָס איז געשטאַנען אויפן צווייטן ראָג גאַס. ער פלעגט גיין ארויסנעמען זיין מאַשין. אַוואו פאָרט ער? ביי וואָס אַרבעט ער? האָט זי אויף איין ווײַלע אַ טראַכט געטאָן...

— וואָס טוסטו אַזוי פרי אויפן באַלקאָן, טייערע? איך גיי שוין אַוועק, איך וועל ניט קומען אויף מיטאָג! מאַרק האָט געשניטן וואָס קירצער זיינע זאַצן, ווי ער וואָלט וועלן וואָס ווינציקער זאָגן אין די רייד. אין קלאַנג האָבן זיך געמישט פריינטשאַפט און קאַלטקייט, וואָס האָבן זיך איינע דעם צווייטן ניט געקענט בייקומען.

— פאַרוואָס ווערסטו ניט קומען? — האָט רעינאַ אַ פרעג געטאָן צו זיך אין געדאַנק. זי האָט אָבער גאָרניט געזאָגט, זי האָט אָנגעקוקט איר מאַן, וואָס איז געשטאַנען נאָענט לעבן איר. זי האָט אויסגעדרייט דעם פנים נאָך אַמאָל צום באַלקאָן און געזען ווי דער מאַן וועגן וועמען זי האָט נאָרוואָס געטראַכט האָט זיך אריינגעדרייט אין דער צווייטער גאַס, צום גאַראַזש. זי האָט דערפילט אַ לייכטן קוש און באַלד טריט וואָס דערווייטערן זיך, עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן די טיר און זיך פאַרמאַכט.

אירע שוואַרצע אויגן, די דינע ברעמען, געשטריקטע ווי פון זיידענע פעדים האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן צו דער צווייטער גאַס, צו דער גרויסער ארייַנפאָר טיר פון גאַראַזש, עס האָט זיך ארויסגעשאַרט דער „קאַפּאָ“ פון אַ גרינער מאַשין... רעינאַ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, ווי זי וואָלט פון עפּעס זיך אָפּרייסן — מאַרק! מאַרק! האָט זי אין דער שטיל געפּרואווט רופן. זי איז צוגעלאָפן צו דער פאַרמאַכטער טיר, איר געעפנט און האַסטיק צוריק פאַרמאַכט. ער איז אַוועק! ער האָט מיר געגעבן אַ קוש און איך האָב גאָר

געקלערט פון אַ פרעמדן. זי איז אַרויסגעלאָפן אויפן פּאַרטאַל. זיך אַריבער־געבויגן צום גאַס, געזוכט מיט די אויגן די אָפענע טיר פון גאַראַזש, די שוואַרצע מאַשין, און קיין זאַך ניט געפונען. אין גאַס איז געווען שטיל, גאָר שטיל, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מאַי פרימאָרגן אין דער צעוואָרפענער, גרינער באַרגיקער פאָרשטאָט.

רעינאַ האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אָןביידע הענט און אַראָפּגעקוקט צו דער גרויסער מאַרמאָרענער גלאַטקייט, צו דעם טאַפל וואָס האָט צוגע־דעקט די נידעריקע וואַנט פון פּאַרטאַל.

אַ טרובע האָט איר אַ ריס געטאָן פון איר טראַכטן. זי האָט אַ הויב גע־טאָן איר קאָפּ. אַ ווייסע האַנט איז רואיק געלעגן אויפן ראַנד פון דער טיר פון דער גרינער מאַשין.

— דאָס איז ער! דאָס איז זיין האַנט...

די מאַשין האָט זיך געשאַרט ווייטער באַרג אַראָפּ. דורכן הינטערשטן פענצטער האָט זיך געזען די פולע פּלייצע, די קאָפּ פון דעם מאַן וואָס טרייבט. ביים צווייטן ראָג האָט זיך די מאַשין געגעבן אַ דריי אַריין און פאַרשוואונדן. נאָר דער גרינער קאָליר, די רואיקע האַנט, די פולע פּלייצע, די קאָפּ, זענען נאָך לאַנג געהאָנגען אויפן ראָג. רעינאַ האָט אויך זיי קלאָר געקוקט.

— וואָס איז געשען מיט מיר? ווער איז ער? איך האָב דאָך קיינמאָל מיט אים ניט גערעדט. איך וועל באַלד אָפּרופן מאַרק'ן און אים אַלץ דערציילן. איך קען ניט אַזוי... איך בין ווילד, ווילד בין איך! זי האָט זיך געוויגט אין וויג שטול און האַסטיק אים געוואָרפן הין און צוריק. זי האָט ווי אין חלום עפּעס דערזען. אויפן טראָטואַר, אַנטקעגן שטוב איז געגאַנגען דער מאַן. זיינע דיקע ברוינע ברעמען, די טיפע אויגן האָבן צו איר געקוקט און מיט פאַרוואונדערונג געשמייכלט. ווען וועסטו דער־ציילן? פאַרוואָס? אויך ווען וועסטו מסרן? האָסט אַמאָל מיט מיר גערעדט? ווער פון אונז איז שולדיק?

רעינאַ האָט זיך אַ הויב געטאָן פון וויג שטול און איז צוגעלאָפן צום באַלקאָן וואָס גייט אַרויס צו דער צווייטער גאַס. אַ דיקער גלח — פון צופיל עסן און אפשר גאָרניט טאָן — האָט זאַכלעך געשטעלט טריט, ווי ער וואָלט זיי מעסטן און ציילן. ער האָט מיט אַ פּאָר שמאַלציקע אויגעלעך אַרויפגעקוקט צום באַלקאָן און נאַרישוואַטע געשמייכלט.

רעינאַ האָט דערפֿילט אויף זיך די דינע נאַכט העמד און זיך צוריקגע-רוקט אין צימער.

:: :: ::

אַ שיינער פרילינג'ס טאָג האָט זיך לאַנגזאַם געצויגן און געהאַפּטן פון קילע זוניקע שטראַלן זיין אייגענעם פּאַרנאַכט. עס האָט זיך די זון ווי אין רויט גאָלד צוגאָסן און איר צופלאַמטן פּנים געטונקט אין ים'יקן האָריזאָנט ווי זי וואָלט זיך לעשן אין די גרויע וואָלקנדלעך, אין די בלויע וואַסערן פון ווייטן אָן סוף, איבער דעם באַגילטן וועג. ווי פון צווישן די זוניקע באַנעצטע שפּאַלטן האָט זיך געשטויסן אַ גרויסע שוואַרצע שיף מיט ווייסע דעקן, ווי זי וואָלט מיט שווערע חלומות זיך געשלעפּט פון ווייטע, גאָר ווייטע מקומות.

רעינאַ איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן. אירע אויגן האָבן געצויגן צו זיך די שיף, ווי זי וואָלט איר וועלן העלפן אַרויסשלעפּן פון דעם צופייערטן מערב און ברענגען נאָענטער צום ברעג, נאָענטער צו זיך, נאָענטער צו איר חלום וואָס וואַרט אַזוי אויפן פּאַרנאַכט.

— ווען קומט ער? ווען שטעלט ער אַריין די מאַשין אין גאַראַזש? וועט ער פאַרבייגיין?... — האָט עפּעס אַ דינינקער פּעדימל זיך געוויקלט אין אַ פראַגע צייכן, ווי ער וואָלט זיך היטן ניט אָנצורירן קיינעמס געפילן... רעינאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך, איר געבלומטע קלייד האָט אויפגעבליט. פון די צעעפנטע בלומען האָט זיך געטראָגן אַ מאַיאָווער ריח... אויף דער גלאַטער הויט פון אירע שלאַנקע פיס האָט זיך אָפּגעשלאָגן דער רויט גאָל-דיקער שאָטן פון פרילינגדיקן פאַרנאַכט. זי האָט אַ שאַר געטאָן מיטביידע הענט איבער דער פאַרקאַמטער קאָפּ האָר, ווי זי וואָלט זיי וועלן צונויפנעמ-מען, צודריקן נאָענטער צו איר קאָפּ. אירע הענט האָבן געגלעט דינע זיידענע פעדים און זיך אַראָפּגעגליטשט איבערן פּנים ביז צום האַלז, ביז צו דער ברוסט.

אַ טיפע פרייד, אַ אינערלעכע זיסקייט האָט געקוואָלן אין האַרצן. אַ געפיל פון גליקלעכקייט מיט זיך, פון זיך...

— אַ גאָט! ווי גוט! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר מויל, — כ'וועל אַראָפּגיין... אויף איין ווײַלע און כ'וועל באַלד צוריקקומען...

זי איז געלאָסן דורכגעגאַנגען די שטוב. אַלץ מיט אָפֿענע אויגן באַ־טראַכט, וועגן אַלץ געטראַכט נאָר ניט וועגן דעם, וואָס זי גייט אַצינד פֿאַר־נאַכט אין גאַס.

רעינאַ איז געשטאַנען אַ ווײַלע אויפֿן טראָטואַר. זי האָט אַ בליק געטאָן צום באַרג אַרויף. און עס האָט איר אַ צי געטאָן אַראָפּ... צום צווייטן ראָג גאַס, אָט דאָרט אַוואו עס שטייט דער גאַראַזש. זי האָט זיך לײַכט אַ טראָג געטאָן און זיך האַסטיק אָפּגעהאַלטן. וואוהין גיי איך? איך וויל דען אימעצן זען?... זי האָט צוריק געקוקט צו דער גאַס וואָס זי האָט איבערגע־שפּרייזט און עס האָט אַ שלאָג געטאָן אין מוח: דורך דער גאַס קומט אָן מײַן מאַן. אַוואו גיי איך? ווּעמען גיי איך באַגעגענען? איך וויל אימעצן זען?... זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, עס האָט אַ פֿלאַם געטאָן איר פּנים, ווי אַ שטראַל וואָלט איר אַ צונד געטאָן, דער קערפּער איז געוואָרן לײַכטער, זי האָט דערפֿילט ווי די בלומען אויף איר קלייד אָטעמען דעם ריח פֿון עפּעס וואָס זי באַגערט. אירע אויגן האָבן עפּעס גיריק געזוכט. זי האָט האַסטיק געשטעלט די טריט באַרג אַראָפּ.

אַ גרינע מאַשין האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין גאַס און מיט אַ גרילץ זיך פֿאַרקירעוועט צום טיר פֿון גאַראַזש און פֿאַרשטעלט דעם טראָטואַר, דער מאַן איז אַראָפּגעשפּרונגען און אַ וואָרף געטאָן מיט דער טיר:

— וועסט אַרײַנשטעלן די מאַשין, איך דאַרף איר אַרויסנעמען פֿרי, איך האָב אָפּגערעדט מיט אַ ליאַלקע... פֿאַרנט זאָלסטו איר אָוועקשטעלן.

זײַן גראָבע שטים האָט געגרילצט הייזעריק, אַ געלעכטערל האָט צוקרימט זײַן פּנים.

רעינאַ איז שטיין געבליבן אויפֿן טראָטואַר אַנטקעגן דער גרינער מאַשין, זי האָט זיך פֿאַרלאָרן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: זאָל זי וואַרטן, ביז מען וועט די מאַשין צונעמען און זי וועט קענען אַדורכגיין, אָדער זי זאָל אַראָפּ אויפֿן גאַס און איר אויסמײַדן. זי האָט זיך דערפֿילט ווי בײַ אַ איבערגעשניטענעם וועג, וואָס ליגט אַ נישט פֿאַרענדיקטער און פֿירט ניט ווײַטער... זי האָט אַ הויב געטאָן איר קאָפּ און דערזען...

דער מאַן האָט איר אָפּגעמאָסטן מיט אַ לאַכנדן פּנים, די גלאַנציקע אויגן האָבן מיט פֿרעכטקייט אַרײַנגעקוקט אין איר...

— ע! וואָספֿאַראַ געטאַקטע פּיסעלעך! וואָספֿאַראַ קערפּער! ווײַז נאָר בעסער דײַן פּנימ'ל... איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז מיר האָבן דאָ אַזעלכע שיינע שכנות... א י ך . . .

רעינאַ האָט דערפילט א פייכטקייט איבער איר גאַנצן קערפּער. א קילקייט האָט אַ ווייע געטאָן. זי האָט צוגעוואָרפן אַ בליק פול מיט ביטער-קייט צום מאַן, ווי מען וואַרפט צו אַ ביין פאַר אַ הונט און זיך האַסטיק אויס-געדרייט און מיט גיכע טריט אַוועקגעשפּאַנט באַרג אַרויף.

איר בליק האָט ווי מיט אַ בייטש אַ שניט געטאָן איבערן מאַנ'ס פּנים. איבער זיין גאַנצער לייב, ווי ער וואָלט דערפילט אויף וואָס ער האָט אַ טראָט געטאָן...

— אַנטשולדיקט, מאַדאַם, אַנטשולדיקט... איך האָב גאָרניט געמיינט.

אַנטשולדיקט, מאַדאַם! אַנטשולדיקט! — האָט זיך נאָכגעטראָגן דער עכאָ נאָך רעינאַ'ס טריט — זי האָט דעם עכאָ געטראָטן מיט אירע פיס. „וואָס פאַרא ווילדער טעות".

— „וואָס פאַרא טעות"... האָט געקלונגען אין איר געדאַנק, שטעלנ-דיק טריט אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ פון איר היים...

בלעטערנדיק אויף צוריק

אַ דרום ווינט האָט האַסטיק אַ בלאָז געטאָן דורך די צעעפנטע פענצטער פון גלעזערנעם פאָרטאַל, ס'האָבן זיך אַ מיש געטאָן די בלעטער פון דער צעעפנטער „באָהעמיאַ" וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד פון כאָסע־פינעס קני, און ווי דער ווינט וואָלט באַלד אליין חרטה געהאַט, זיי צוריקגע־בלעטערט, בלאַט נאָך בלאַט, ווי פינגער וואָלטן זיי באַוועגט מיט אַ סדר.

איבערן פאָרטאַל האָט זיך צעטראָגן דער אָפּקלאַנג פון ווינט און דער דינער שאָרך פון פאַפּיר וואָס קנייטשט זיך און רייבט זיך איינער אָן צווייטן. דער ווייע פון טראָפּישן ווינטל האָט ווי צובלאָזן אַ פאַרדושעטן פייער.

כאָסעפינע האָט געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט — ווי זי וואָלט אינגאַנצן פאַרגעסן אַוואו זי איז.

דער נעאָליטישער רונג־לאָמפּ האָט שטאַרק באַלויכטן דעם העל געפאַרבטן פאָרטאַל, שטיקער ליכט זענען געפאַלן אויפן גרויסן זאַל און זיך ווי דורכגעריסן דורך דער אָפענער ווייסער טיר צום שלאָף צימער.

זי האָט זיך אַ בויג געטאָן צו דער ערד אויפצוהייבן דעם זשורנאַל, די אויסגעפּאַסטע קלייד האָט איר פאַרשווערט, זי האָט אַ בויג געטאָן די קני, און שווער אָפּגעאָטעמט, אַ וואָרף געטאָן די „באָהעמיע" אויפן אונטערשטן דעקל פון קיילעכדיקן גלעזערנעם טישל און דורך דער גלאָז דעק, זיך פאַר־קוקט אויף דעם שער בלאַט פון דיקן זשורנאַל.

:: :: ::

דער זייגער, איינגעפּאַסט אין אַ ברוינער הילצערנער שיף, מיט מעשענע זעגלען האָט געלאַסן אויסגעשלאָגן די סעקונדן, די ווייזערס האָבן אָנגעזאָגט, אַז ס'איז צען דער זייגער.

— נאָך גאָר פרי — האָט כאָסעפינע אַ טראַכט געטאָן, — געהאָפט מיר וועלן היינט ארויסגיין, איז אָבער ענריקע געקומען אזוי מיד, אַז איך האָב שוין גאָרניט געוואָלט דאָס איבעררעדן, — אַלע אָוונט איז ער מיד!... ס'מאַכט זיך, מיר גייען צו גאַסט אָדער אין קינאָ, — קוים וואָס ער דערוואַרט זיך, מיר זאָלן שוין פאָרן אַהיים. זונטיק — האָט כאָסעפינע אַ לייכטן ציטער געטאָן. — דעם זונטיק, צוריקקערנדיק זיך אַהיים זענען מיר ארויפגעפאָרן אויפן טראָטואַר און שיער ניט אריינגעפאָרן אין אַ פרעמד הויז. איך האָב אַ געשריי געטאָן פון שרעק, איז ער געוואָרן אין כעס: — וואָס שרייסטו?... „ס'איז גאָרניט", אַבי זי שרייט...

כאָסעפינע איז אַריין אין שלאָף-צימער, אויף דער גרויסער ווייסער בעט, איז געלעגן איר מאַן אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אָפענעם באַלקאָן און מיט אַן אָפן מויל שווער געאָטעמט, די שיטערע האָר אויף דער רעכטער זייט קאָפּ וואָס ער נוצט צום פאַרדעקן דעם פליך זענען אַראָפּגעפאַלן איבערן פּנים ווי אַ גרויער שאָטן, די איינגעשניטענע באַק וואָס ער האָט געהאַלטן אַרומגענומען מיטן האַנט, די צעשפּרייטע נאָזלעכער וואָס האָבן גיריק אריינגעזאַפּט די לופט אין דער קילער נאַכט פון חודש אַפּריל, — אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק, ווי פון אַ צעקרימטער מאַסקע. כאָסעפינע האָט זיך דערשראָקן און פאַרמאַכט די אויגן, זיך אויסגעדרייט צום ארויסגיין פון צימער און צוריק עפענענדיק די אויגן זיך דערזען אין שפּיגל.

דער לייכטער אָפּשלאָג פון דער ליכט וואָס איז געפאַלן אויפן גלאָז האָט איר באַזילבערט, די טונקל געלע האָר האָבן ווי אַ גאָלדענע קרוין אַרומגערינגלט דעם קיילעכדיקן ווייסן פּנים, דער זוים פון די קאַשטאַן ברעמען איבער די שוואַרצע טיפע אויגן, האָבן ווי דורכגעשניטן דעם זילבערנעם גרונט פון שפּיגל, די ווייסע אַלבאַסטער האַלז, האָט זיך ווי צונויפגעגאָסן מיט דער ווייסער געהאָפטענער בלוזע. אין דעם אויגנבליק האָט זיך כאָסעפינע דערזען קלערער און טיפער ווי פאַר די גאַנצע פיראונצוואַנציק יאָר פון איר לעבן...

:: :: ::

כאָסעפינע האָט פאַרלאָשן די ליכט אין פאָרטאַל און זיך געקליבן גיין שלאָפן, ס'האָט איר אָבער אַ צי געטאָן צוריק צום וויג-שטול און זי האָט זיך

אַוועקגעזעצט. פון די גאַס לאַמפּן האָט זיך אַריינגעריסן דער אָפּשיין און געפאַלן ווי דער אויסשניט פון אַ פענצטער, דורך דער טיר פון באַלקאָן אויף די פינצטערע ווענט.

— וואָס איז מיר? — האָט זי זיך אַ פרעג געטאָן אין געדאַנק, — ס'איז מיר קאַלט... ניין! — ס'שלאָגט גאָר פון מיר אַ היץ, זי האָט מיט דער האַנט אַ טאַפּ געטאָן די באַק, דעם שטערן, דאַכט זיך, אַז ניין.

— וואָס וויל איך? וואָס וויל איך? זי האָט זיך דערשראָקן, ס'האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט אויפן קול און זיך אַרומגעקוקט צו זי האָט קיינעם ניט אויפגעוועקט...

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול זייער פאַרזיכטיק און צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער פון פאַרטאַל. אַ דינער ווינטעלע האָט אַ גלעט געטאָן איר פנים, און אַ שאַר געטאָן אירע האָר אויף צוריק.

ביים טויער פון דער שכנ'ישער הויז זענען געשטאַנען אַ פּאָרל און זיך געזעגנט. „דעם שכנ'ס טאָכטער", האָט כאָסעפינע געטראַכט — „ניט קיין שיינע"... און געוואָלט מיט דעם פאַרטרייבן די געדאַנקען וואָס האָבן זיך אויף געוואַלד געריסן אין איר מח.

די מיידל האָט זיך צוגערוקט צו איר באַגלייטער, אים אַרומגענומען מיט איין האַנט די קאָפּ און אַראָפּגעבויגן צו אים אירע ליפּן... זיי האָבן זיך אַריינגערוקט אין טירל אַריין און מען האָט זיי מער ניט געזען...

כאָסעפינע האָט אַ צי געטאָן פאַרן קייטל איין זייט פענצטער און אים פאַרמאַכט, דורכן צווייטן האָט זיך געהערט דער אָפּהילך פון אַ לאַנגן קוש, זי האָט אַרויסגעקוקט און געזען ווי דער בחור מאַכט מיטן האַנט...

מיט לייכטע, גאָר לייכטע, שטילע טריט, האָט כאָסעפינאַ צוגעשלייכט צום וויג שטול, און מיט פאַרמאַכטע אויגן אַראָפּגענידערט אין דער וועלט פון אירע שווערע, פאַרבאָרגענע מחשבות.

:: :: ::

... פון ביידע זייטן פון די לאַנגע טישן מיט מאַשינעס זיצן מיידלאַך און נייען, ס'הערט זיך אַ לייכטער רויש פון די מאַשינען, פון די מאָטאָרן.

ביים ברעג פון איין טיש זיצט כאַסעפינע און באַוואַרפט אויפן מאַשין די ברעגעס, פון געשניטענע סחורה. גאַנצע בערג מיט סחורה, זי אַרבעט פלייסיק, זי האָט ליב די אַרבעט און מאַכט דאָס גוט. נעבן איר, ביי דער צווייטער מאַשין זיצט איר חבר'טע אָלגע, און נייט קעשענעס.

— פאַרוואָס קוקט ער נאָר אויף מיר, ווען ער קומט אריין, ס'געפעלט אים מיין אַרבעט?

— ניין! ער קוקט אויף מיר...

אַז מיר זענען איינמאָל אַראָפּגעגאַנגען פון דער אַרבעט איז ענריקע געשטאַנען ביים טיר, אַז איך בין מיט אָלגען פאַרביייגעגאַנגען האָט ער אונז זייער שמייכלענדיק באַגריסט: — ביז מאָרגן, ביז מאָרגן...

מיין חבר'טע האָט מיר אָנגעכאַפּט ביים האַנט און מיר איינגערוימט א סוד: — ער נעמט פון דיר ניט אַראָפּ די אויגן!... איך האָב דאָס דיר שוין א סך מאָל געוואָלט זאָגן, דו זעסט ניט... ווייל דו ביסט פאַרטאָן אין דער אַרבעט. ווען ער גייט אריין אין „טאַיער" קוקט ער נאָר אויף דיר, דו בינסט אים געפעלן, האָסט מזל מיידל!

— שאַ, אָלגע! רעד ניט, זאָלסט דאָס ניט זאָגן מאַנועל'ן... ס'וועט אים ווי טאָן און ער וועט נאָך ווערן אויף מיר אין כעס...

— בינסט א גרויסער נאַר, העד נאָר וואָס איר פאַלט איין, הלואי זאָל ער דיר וועלן... וואָס דאַרפסטו מאַנועל'ן... דו האָסט געזען אין וואָס פאַרא מאַשין ער פאָרט? ער איז דאָך דער בעל הבית פון דער גאַנצער פאַבריק.

— שווייג אָלגע! מאַנועל איז מיין חבר, מיין פריינט... ער רעדט מיט מיר אַלע טאָג, ווען מיין מאַמע לאָזט וואָלט ער מיר גענומען אין סינע אויך...

— בינסט א נאַר, — האָט זיך אָלגע צולאַכט. זע נאָר וואָס פאַרא פאַרגלייך זי מאַכט? דיין מאַמע וויים, אַז ענריקע וויל דיר, פאַרוואָס זאָל זי דיר לאָזן גיין מיט אַנדערע, בינסט א נאַר...

— אָלגע! ער איז דאָך אַן אַלטער, אַזאַ גראָבער, מען קען אַזאַ ליב האָבן? דו האָסט שוין דערציילט מיין מאַמען?

— רעד ניט, רעד ניט, ער איז א שיינער, ער איז ניט קיין אַלטער און א גביר דערצו...

אויף מארגן האב איך זיך מער צוגעקוקט און געזען, אז אלגע איז געדעכט, ענריקע נעמט ניט אראפ די אויגן פון מיר.

ביים ארויסגיין פון פאבריק האט ער א רוף געטאן אלגען, איך האב זיך אויך אפגעשטעלט.

— וואו וואוינסטו? — האט ער איר געפרעגט.

— אויף פרימעיעס, אין סעררא.

— זייער ווייט. און דו כאסעפינא?

— אויך אין סעררא, אויף דער זעלבער גאס, מיר זענען שכנים.

— וועלכער נומער איז דיין הויז?

איך האב אים געזאגט דעם נומער.

דעם זעלבן זונטיק פארנאכט איז אלגע אריינגעלאפן צו מיר אין שטוב, מיט א פארכאפטן אטעם מיר א שלעפ געטאן אין ווינקל פון צימערל וואו איך האב געוואוינט מיט מיין מאמען און נאך צוויי קלענערע שוועסטערלעך.

— קום ארויס! קום ארויס... ערווארט אויף דיר.

א שרעק האט מיר ארומגעכאפט.

— וואס בינסטו געווארן אזוי בלאס? קוק איר נאר אן.

איך האב א קוק געטאן אויף מיין קליידל און ארויסגעריסן מיין האנט פון אלגעס, וואס האט מיר געשלעפט צום טיר. — איך וועל איבערבייטן די קליידל, — גיי אוועק! גיי דו דערווייל ארויס...

עטלעכע טריט פון מיין שטוב, אויפן צעריסענעם צעהויקערטן ברוק איז געשטאנען א ברוינע מאשין, וואו ענריקע איז געזעסן און גערויכערט א ציגאר.

— גוטן אוונט! — האט ער מיר באגריסט. אלגע איז שוין געשטאנען ביי דער צווייטער זייט פון דער מאשין. איך האב גארניט געענטפערט.

— איך בין אייך געקומען פרעגן אויב איר ווילט פארן מיט מיר שפאצירן? — האט ער דרייסט געזאגט.

— איך דארף בעטן א דערלויבעניש ביי מיין מאמען. אויסדרייענדיק זיך צו אונזער טיר, האב איך דערזען מיין מאמען, זי שטייט און קוקט אויף מיר... אויף דער מאשין...

— יע קינד מיינס, קענסט פאָרן, — האָט זי מיר אנטקעגנגעטראָגן דעם ענטפער. — אָלגע פאָרט אויך? פאָרט געזונטערהייט, מיידלעך.

צוריקקומענדיק, איז ביי דער טיר פון זיין שטיבל געשטאַנען מאַנועל, מיר האָבן זיך ניט באַגריסט, ער האָט אין מיין זייט ניט געקוקט, אָבער ער האָט מיר גוט געזען...

כאָסעפינע האָט זיך א צאַפּל געטאָן — וואָס וויל מען פון מיר? וואָס מאַטערט מען מיר? האָט זי אויפן קול ארויסגערעדט.

פון שלאָף צימער האָט זיך געהערט א הייזעריקע שטים, — ווער איז? ווער איז?

דער זייגער פון דער נאָענטער קירכע האָט אויסגעשלאָגן איינס.

אונטער די פּאָרטאַלן

— גיי אוועק פון מיינע אויגן, זאָג איך דיר, לאָז אַ טראַכט טאָן... איך קלער דאָך.

—האָסט שוין אַ נומער?

— איך זאָג דאָך דיר, אַז איך קלער נאָך איבער!

— מאַנגאַ! זע וואָס ס'איז צוגעפאָרן, אַ קאָלאַ דע פּאַטאַ (אַ ווײדל פון אַ קאַטשקע, אַזוי רופט מען דאָ אַ קאַדילאַק אָדער אַן אַנדער לוקסוס מאַשין) זע אַ נומער! 721 דער טערמינאַל, איך שפּיל אויפן גאַנצן נומער, אויפן 21 אַליין איז נישט כדאי, וואָס וועט מען געבן? $3.60. קלער נישט מער...

— גיי אוועק פון מיינע אויגן האָב איך דיר געזאָגט, מיר דרייען זיך איבער די קישקעס און דו דרייסט אַ קאָפּ מיטן „קאָלאַ דע פּאַטאַ", וויש זיך אָפּ דעם נאָז מיט דיין 21, אַ פּאַרדריפּעטער נומער... איך האָב געשטעלט אויפן 39, וויפל איך האָב געהאַט... 28 סענט, אויב ס'גייט נישט ארויס... שלאָף איך אין גאַס...

— 39... 39... נישט שלעכט, לאָמיר זען וויפל איך האָב... צען... 15... 16, 18, 23, 28, 28 סענט! נייַן! איך שטעל נישט אויפן 39, איך שטעל אויפן 29. וועסט זען!

— גיי אוועק פון מיינע אויגן! איך וועל דיר צעהאַקן דיין שמוציקן פּנים, אויב ס'גייט ארויס אַן אַנדער נומער...

פּעפּע האָט אַ קרים געטאָן מיטן פּנים, זיינע אויגן האָבן אַ בייסיקן קוק געגעבן אויף מאַנגאַ און די רויטע רעמלעך אַרום זיינע ברוינע אויגן האָבן קאָנוואולסיוו געצאַפּלט, פון די ליפּן האָבן זיך שטום אַראָפּגעגליטשט בייזע

קללות אויף זיין פריינט, אויף אַלע לעבעדיקע ברואים, אויף אַלע נומערן פון דער „טשאַראַדע"... אויסער דעם 39, אויף וועלכן ער שטעלט היינט... פעפע האָט זיך צוגערוקט צו דער „ווידריערע", צום שוי-פענצטער, וואָס ענגט מיטן פּנים צום דרויסנדיקן ווינקל פון דער קראָם, ער האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט דעם „פאַרשרייבער" וואָס האָט איבערגעגעבן אויפן טעלעפאָן די נומערן צו דער „באַנק", ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן נענטער צום גלאָז, ווי ער וואָלט דערפילט אַ געפאַר, — „ס'איז שוין שפּעט" האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין מוח, אויב ער ענגט אויף דעם טרייבל איז שוין פאַרפאַלן... ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, — „גיב איבער"! דער פאַרשרייבער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיטן בליק און זיך אַרומגעקוקט צו מען זעט נישט קיין היטער... ער האָט מיטן פינגער אַ קלאַפּ געטאָן אויפן גלאָז און אים אָנגעוויזן, ער זאָל אַרויסלייגן די סענטן און ווייטער איבערגעגעבן די נומערן.

פעפע האָט אַ שאָט געטאָן די סענטן אויפן גלאָז — ווי מען צעשיט קערנער אויפן פעלד — און כּריפּנדיק צוגעברומט: 14 סענט אויפן 39 און 14 אויפן 29, נישט אויף מיין חלום און נישט אויף זיינעם... די בעסטע זאַך, טאָמער איז ער גערעכט? ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן פאַרביי דעם אייזערנעם סלופּ, געוואָרפן אַ בליק צו מאָנגען וואָס איז געזעסן אין ווינקל, מיטן פּלייצע אָנגעשפּאַרט אָן דער געמויערטער „קאָלומנע" און זיך אָוועקגערוקט אונטער די פאָרטאַלן ביז דער טיר פון כינעזישן רעסטאָראַנדל, זיך אָוועקגעשטעלט מיט דער פּלייצע צו דער ליכט און זיך פאַרטראַכט... די גראָבע נאָזלעכער האָבן אַלע ווײַלע אַ ציִ געטאָן דעם ריח פון געקאָכטן קרויט, פון גערעמפּטן פלייש.

מיט אַמאָל, ווי ס'וואָלטן זיך אַ וויג געטאָן די פאָרטאַלן, האָט אַלץ אַ שטראָם געטאָן, זיך אַ ציִ געטאָן צו דער ווידריערע, ראַמאָן (מאָנגאָ איז אַ צונאָמען אויף ראַמאָן) האָט זיך אַ הויב געטאָן פון ווינקל — אַרויפגעצויגן די פאַרלאַטעטע הויזן, אַ רוק געטאָן די פינגער ביזן דעק פון דער אויבערשטער קעשענע פון דער בלויער העמד, און אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַפּיראָס.

פעפע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, ס'האָט אים אַ שלעפּ געטאָן צו דער „באָדעגע", צו דער ווידריערע, אַלע נענטערע זענען שוין געגאַנגען אויף צוריק און געבורטשעט: „ס'איז אַרויס די קאָזע" — „די קאָזע".

„28", האָט פעפען אַ שלאָג געטאָן דאָס בלוט אין קאָפּ, — ווען נישט דער הינטישער זון... מיט זיין 39, איך האָב דאָך אַ גאַנצן טאָג געקלערט אַז וויפל כ'וועל האָבן דאָס וועט זיין דער נומער...

מאַנגאַ איז אים געשטאַנען אַנטקעגן — זיינע ברוינע אויגן, די רויטע רייפלעך אַרום זענען אין דער שוואַכער ליכט, אין דעם ריח פון געקאָכטער אכילה געוואָרן בלאַסער. — „נישטאָ קיין מזל"! האָט ער ווי אויפן ווינט געבורטשעט.

— דו האָסט נישט קיין מזל! צוליב דיר האָב איך נישט גענומען... אַוועק פון מיינע אויגן... שלימזל!

— וואָס איז? דיין 721 איז אפשר אַרויס? שמוציקער פּנים, ער רעדט נאָך אויך! ווען האָסטו שוין גענומען אַ סענט? דו פאַרשפּילסט דאָך אַלע מאָל...

— היינט האָב איך געקענט נעמען, אַ גאַנצן טאָג געטראַכט צו שטעלן אויף דער קאָזע וויפל כ'וועל האָבן.

— וויפל האָסטו געהאַט?

— 28 סענט!

— דו אויך 28? פאַרוואָס האָסטו נישט געזאָגט?

— ווייל דו האָסט מיר געיאָגט פון זיך...

— איצט אויך! אַוועק פון מיינע אויגן! שמוציקער פּנים.

— ווייל איך נישט גיין! וואָס וועסטו מיר טאָן?

— גיי שנאָרן...

— פאַר מיר! פאַר דיר אַ גוטע קרענק, איך וועל נאָך קריגן אַ טעלער עסן, דו וועסט פגרן פון הונגער, פון חרפּה...

— אַוועק! איך שפּאַלט דיר דעם „קאָקאָ". (קאָקאָ איז אַ פרוכט, אַ קיילערדיקע, ענלעך צו אַ שאַרבן פון דער שוואַרצער ראַסע).

— פרואוו נאָר...

ראַמאָן האָט אים אַ שטויס געטאָן און אַ זידל געטאָן גאָט.

פּעפּע האָט מיט רוגזה אַראָפּגעלאָזן די לינקע האַנט ראַמאָנען איבערן פּנים, און ס'האָט אָפּגעקלונגען ווי פון צוויי אָנגעקלאַפּטע העלצער.

— צוליב דיר „קורווישער זון" האָב איך היינט נישט גענומען, גיין ביז „לאָס יאַגוואַס" צופוס אַן הונגעריקער...

ראמאן האט זיך א ווארף געטאן ווי אן אפגעבראכענער צווייג, ס׳האט זיך דערהערט א ריס פון איבערגעפוילטן לייוונט, דער ריח פון שמאטע, פון שווייסיקער לייב.

— האסט מיר צעריסן מיין העמד! קיין צווייטע האב איך נישט...

— איך וועל דיר לאזן נאקעט! די יארן וועל איך דיר פארקירצן אומגליקלעכע בריאה!

די קלעפ פון א הילצערנעם פאליציי שטעקן אן צעמענט האבן אפגע־הילכט אונטער די פארטאלן, ביידע האבן זיך א רוק געטאן אויף צוריק, ראמאן האט שנעל פארלייגט איין זייט העמד אויף דער צווייטער און פאר־שטעלנדיק דעם גוואלד ריס, געברומט ווי א בייזער הונט.

פעפע האט זיך צוגערוקט צום טיר פון כינעזישן רעסטאראנדל, געווישט זיך דעם פנים ווי נישט אים מיינט מען.

— וואס טוט איר דא? האט דער פאליציאנט געפרעגט.
— גארנישט... מען ווארט אויף א טעלער עסן.
— וועלכן נומער האט מען געווארפן?

ס׳איז ארוים די „קאזע”! האט פעפע מיט א ביטערן שמייכעלע גע־ענטפערט...

באַרג - אַראָפּ, באַרג - אַרויף

דער רעגן האָט צעווייקט די שוואַרצע ערד אויף דער איינציקער לאַנגער גאַס פון באַריבאַ, און פון צווישן דער בלאָטע קוקן ארויס מיט זייערע גרויע פּנים'לעך די שטיינער, וואָס שכנים האָבן אויסגעלייגט, צום קענען נאָך אַזאַ ר'עגנדקין טאָג אַריבערגיין די גאַס.

וואָלטן אַלע שטיינער ארויסגערוקט זייער גלאַטע זייט, וואָלט דאָס געווען אַ שטיקל הילף פאַר די פאַרבייגייער, האָבן זיי אָבער ווי אויף צו להכעיס ארויסגעשטעלט די שפּיציקע זייט, און טוען אפילו שאָדן. שטעלסט אַ פוס, גיט זי זיך אַ גליטש, אַ ריב די לייב, אַ ריס דעם שוך און אָט שטעקסטו שוין מיט איין פוס ביז איבער די בענדלעך אין בלאָטע...

די שכנים פון שטעטל קענען שוין די טבע פון דער גאַס, פון רעגן און פון דער בלאָטע, ניט אַלע לאָזן זיך ארייננאַרן... אויב מען זאָל גיין אין שיך אין אַזאַ טאָג, וועט אַ פאָר שיך וואָס דו האָסט געקלערט, אַז זיי וועלן האַלטן ביז ניי-יאָר אפילו דעם האַרבסט ניט איבערלעבן, בפרט נאָך, אַז די שיך זענען אַזעלכע שלעכטע. מען קויפט טאַקע ביליק, אָבער ס'מאַכט אויס טייער. און וואָס קענסטו זיך העלפן, אַז ווען דו גייסט עפּעס קויפן רוקט זיך שטענדיק אונטער אַ צווייטע באַשטעלונג, דאָ דאַרפסטו פון אַפּטייק עפּעס ברענגען, איינמאָל פאַר דער ווייב, איינמאָל פאַר די קינדער און אַמאָל פאַר זיך אליין.

דעם פאַרגאַנגענעם פרייטיק, בין איך אַראָפּגעפאָרן מיט העלעניטען, איינקויפן פאַר איר שיך, אַ קליידל און וואָס זי דאַרף, זיך געקליבן איר פירן אין שטאָט אריין צו דער באַילע, — דעם צוואַנציקסטן מאַי ביינאַכט. שוין זיבעצן יאָר — טענה'ט מיין ווייב, מ'דאַרף ניט פאַרשלאָפן, אַ סך מוידן אין דאָרף און אינגלעך ווינציק, צולויפן זיך ווי בינען פאַר אַ רעגן, ווער אין

שטאָט, ווער צו דער סאָפּרע, און אַז איינער קומט צוריק ברענגט ער שוין אַ ווייב אויך...

פאָרן מירביידע אויפן פערד. איך הער אַ קלאַפּ, קלער איך — אַ שטיין... מען דאַרף אָבער זען. נאָר אויפגעהויבן די אויגן — די פּאָדקאָווע קייקלט זיך באַרג אַראָפּ צום טייך. נו, קלערסט, אַז מען קען פון דעם באַרג איר גיין זוכן... קענסט דעם טויט דאָרטן גיכער געפינען.

זיץ איך שוין אויפן פערד און קלער: טייערע העלעניטאַ, עפּעס וועט דיר שוין פעלן... פאַרפאַלן, נאָך גוט אַזוי, אַז איז יענע וואָך געפאָרן וויקטאָר מיין שכן, האָט זיך די מולע געגעבן אַ גליטש, ער האָט זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט, אַז ליגט זי דאָרטן די מולע, שוין באַלד הוילע-ביינער, די „טיניאָסעס" האָבן געהאַט אַ גוטע וואָך...

:: :: ::

דער רעגן האָט צעווייקט די זאַפטיקע שוואַרצע ערד אַרום באַריבאַ, און ווי די ערד וואָלט געשטילט איר דורשט, נאָך אַ לאַנגן באַקן זיך און טריקענען אויף דער טראָפּישער זון, האָט זי זיך צעקוואָלן, ס'האָבן זיך אַ הויב געטאָן אַלע שפּראָצונגען, זיך צעוואָקסן און צעגרינט אַלע פעלדער, די בהמות פּאַשען זיך ביז איבער די קני אין הויכן גראָז, פון די קליינע קעלבלעך זעט זיך נאָר דער גלאַטער בלישטשענדיקער רוקן, פון מאָל צו מאָל הויבן זיי זיך אַרויס פון גראָז מיט אַ האַסטיקן שפּרונג, פון פרייד און זאַטקייט, פון מאַמישער מילך און ערדישער זאַפט.

ביים זייט פון וועג, אַריבערפאָרנדיק די באַן ליניע, איז געשטאַנען אַ גרויסע געמויערטע פאַבריק — די רייז-מיל. אַלטע פאַרזשאַווערטע און צעבראָכענע, איבערגעקערטע מילכלעך, וואָס רייסן אַראָפּ די שאָלכלעך און רייניקן דעם רייז, זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אַרום דער געביידע. איבערן גרויסן באַרג מיט שאָלעכץ און אָפּפאַל זענען אַרומגעגאַנגען עטלעכע הינער און געפּיקט, אויפן שמאָלן וועג וואָס האָט געפירט צום טיר פון דער מיל, איז געשטאַנען אַ גרויסער אויטאָמאָביל. דער פערד האָט אָנגעקלאַפּט די פוס אָן דער רעלס, אַריבערגייענדיק די ליניע. דער אַלטער כואַן האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף.

— האָלסט גוט דעם פּעקעלע, העלעניטאַ? — פאַרליר גאָרניט!

— ניין טאַטע, איך האַלט גוט, מיט ביידע הענט, כ'וועל גאָרניט אָנוועָרן.

— די רייז מיל איז סוארעז'עס. ער האָט געהאַט אַ פּינקעלע (אַ קליין פּויעריש הייפל) לעבן אונז, דאָרטן אַוואו ס'וואוינט היינט אַבעלאַרדאָ. סואַרעז האָט דאָס אים פאַרקויפט, און געקועָן אַהער און געפּרואווט זייען רייז, אַ קלוגער מענטש דער סואַרעז און האָט אַ סך מזל, אָט די אַלע מאַשינעס וואָס ליגן אין דרויסן, זענען געווען די ערשטע, מיט וועלכע מען האָט אָנגעהויבן דאָ אַרבעטן אין מיל. איצט האָט מען זיי שוין פאַרביטן אויף נייע, מאָדערנע. די, ליגן שוין אַרויסגעוואָרפענע אין דרויסן. אַ קלוגער מענטש סואַרעז, מען דאַרף האָבן אַ שטאַרקן ווילן צום פאַרלאָזן די ערד וואָס גיט אָפּצועסן, ווען אפילו מיט שווערער מי און פראַצע און גיין זוכן צום פּרוואוון דעם מזל. ווער ס'באַמיט זיך — דעם העלפט גאָט. האָט אים טאַקע גאָט געהאָלפן, איך פאַרגין דאָס אים מיט מיין גאַנצן האַרצן, איך האָב אים שטענדיק ליב געהאַט, געווען אַ גוטער שכן.

⁂ ⁂ ⁂

דער פערד האָט שווער געסאָפּעט שטעלנדיק פאָרזיכטיק די פיס באַרג אַרויף. די זון האָט זיך פאַרן פאַרגיין, ווי געוואָלט פאַרבאַהאַלטן אונטער אַ קליינעם גרינעם וואָלקן, האָט שוין האַלב געשטעקט הינטער אים און האַלב מיטן פּנים צו דער וועלט... אַ בלאַסע רויטקייט האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן מערב און אריינגענומען ווי אין אַ פאַסטקע דעם וואָלקנדל הינטער וועלכן די זון האָט גע'חלומ'ט זיך צום פאַרשטעלן. און אַז די זון האָט שוין אינגאַנצן זיך אונטערגעטונקט אין וואָלקנדל, האָט איר צווייטע זייט אָנגעהויבן אַרויסרוקן אַ האָגל... דערנאָך אַ סערפּ... און נאָך רויטער געמאַכט דעם מערב. אין אַ געמיש פון פאַרבן האָט די זון זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אין ים, טיפער... טיפער... די גרין באַגילטע רויטקייט איז געוואָרן טונקעלער... ביסלעכווייז איז די גרינקייט פון ים, די בלויקייט פון הימל, דער אָפּשלאָג פון דער זון — געוואָרן איין פאַרב... נאָר דער ראַנד פון דער זון איז נאָך געשוואומען איבערן ימיקן האָריזאָנט...

דער פערד האָט זיך אויסגעגלייכט, אָנגעהויבן גיין האַסטיקער, אַזוי איז שוין די טבע פון יעדער חיה, וואָס דערזעט שוין נאָענט איר ציל... איר היים.

ווי עס וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון צווישן שטיינער אַ געדריקטער קלאַנג, אַזוי האָט דער ווינט אַ בלאָז געטאָן איבערן מאיס פעלד, אַ ריר
קלאַנג, אַזוי האָט דער ווינט אַ בלאָז געטאָן איבערן מאַיס פעלד, אַ ריר
געטאָן, ווי די סטרונעס פון גיטאַרעס האָבן אַלע מיט אַ דינעם רויש באַגלייט דעם ווינט...

העלעניטאַ האָט מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע אַ זאָג געטאָן:

— טאַטע! טאַטע! — האָט זי דעם צווייטן מאָל ווייכער געזאָגט, און געבליבן שטיל...

— זאָג קינד מיינס, זאָג, וואָס ווילסטו? — האָט דער פויער דערפילט אַ טיפע ליבשאַפט צו זיין אייגן בלוט.

— טאַטע! ווע‍סט מיר לאָזן גיין זונטיק טאַנצן, אין שטאָט אַריין... מיט... כואַניטאָן, סואַרעסעס זון.

— דער אַלטער כואַן איז געוואָרן צעטומלט:

— אָבער... אָבער סואַרעז ווייס שוין?

— יע, טאַטע! — איז העלעניטאַ געוואָרן דרייסטער — ער ווייס שוין פון לאַנג...

דעם אַלטן כואַן איז אַדורך אַ וואַרעמקייט איבערן גאַנצן גוף... און ער האָט צו זיך אַליין גערעדט.

— כואַניטאָ... ער האָט זיך צוזאַמען מיט דיר געהאָדעוועט אויפן באַרג, אַ וואוילער בחור'ל... סואַרעסעס זון. אַ קלוגער מענטש דער סואַרעז.

כואַן האָט אַ שטויס געטאָן מיטן פוס דעם טויער פון זיין הויז, און איז אַריינגעפאָרן.

אַראָפּנעמענדיק זיין טאָכטער פון פערד האָט ער איר אַרומגענומען מיט זיינע שטאַרקע פויערישע הענט, איר געקושט איבערן פנים, און גרויסע טראָפּנס טרערן האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט איבער זיין אָפּגעברענטן געזיכט...

א בריוו

אַ פייף האָט זיך געטראָגן פון דער אונטערשטער גאַס טיר, זיך געריסן אויף ארויף, איבער די מאַרמאָרענע טרעפ און זיך אָנגעשלאָגן אָן די הילצערנע ברוין-געפאַרבטע טירן פון די זעקס אַפּאַרטאַמענטן.

פינף טירן זענען געבליבן פאַרמאַכט, ווי זיי וואָלטן נישט הערן, ווי זיי וואָלטן נישט פילן דעם פייף, ווי זיי וואָלטן אויף אים נישט וואַרטן, נאָר איינע, די אידישע טיר, האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אַ הויך געוויקסיקער, מיט אַ קיילעכדיקן ווייסן פנים, צוקודלטע טונקעלע האָר האָט ארויסגעשטעלט דעם רעכטן פוס איבערן שוועל און געבליבן וואַרטן:

— אַ בריוו... פון וועמען? — מיין טאַטע... פלעגט מיר אַמאָל שרייבן, מיין מאַמע פלעגט צושרייבן אַ פּאָר שורות... זייערע לעצטע בריוו ליגן אין דער אַלטער שאַפע, אין אונטערשטן שופלאָד...

זיין פנים האָט זיך אַ קאָרטשע געטאָן, פון טיפן ווייטאָק און צער, די ווייסקייט פון פנים האָט זיך פאַרשאָטנט. ער האָט ווייטער געטראַכט:

— דער איינציקער זכר! די עטלעכע פאַרגעלטע בריוו... ס'ווערט מיר אזוי קאַלט, אזוי ענג אַז איך ריר אָן דעם שופלאָד. מיט עטלעכע טעג צוריק איז מיר איינגעפאַלן צום אויפזוכן מיין חברס אַ ליד... מיין חברס... שוין אזויפיל יאָרן אויס חבר... דער ליד איז שוין אַלט מער ווי דרייסיק יאָר און מיין חבר איז שוין נישטאָ מער ווי ניין און צוואַנציק... איך האָב אַ צי געטאָן דעם שופלאָד, די צונויפגעקנייטשטע קאָנווערטן; די פאַרשריבענע בייגעלעך האָבן זיך אַ ריר געטאָן, אַ שושקע געטאָן, ווי ס'וואָלטן זיך אַ ריר געטאָן די סודות פון לעבנס, אַ קעלט האָט ארומגענומען מיין גאַנצע לייב. מיין טאַטנס, מיין מאַמעס זכר ליגט אין די קאָנווערטן... איך האָב האַסטיק פאַרמאַכט דעם שופלאָד און זיך אָפּגערוקט.

א ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן דורך דער אָפענער טיר פון באַלקאָן. חיים האָט דערפילט ווי דער ווינט וואָלט אים אַרומגענומען, ווי ער וואָלט גלעטן זיין וואַרעמען קערפער. אַ צווייטער פייף האָט איבערגעריסן דעם געפלעכט פון זיין געדאַנק. דער בריוו טרעגער האָט מיט אַ טרוקענער שטימע אַרויפגעשריגן:

— פאַר חיימען..!

— פאַר מיר?.. אפשר פון מיין איינציקן ברודער, ס'קען זיין! איך גיי! — האָט ער געענטפערט.

פאַר זיינע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן זיין ברודערס געשטאַלט, די הויכע ברייט פלייציקע פיגור, דער רעכטער אַקסל נידעריקער. חיים האָט דעם בריוו טרעגער אינגאַנצן נישט באַמערקט, נאָר די אויסגעשטרעקטע האַנט האָט ער געזען, נאָר דעם דינעם רויט-בלויען קאָנווערט וואָס פליט אויס אַ וועלט. די האַנטשריפט אויפן קאָנווערט האָט אים געמאַכט נאָך זיכערער: „ס'איז טאַקע פון מיין ברודער!" — האָט ער אַ קלער געטאָן.

חיים האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו די טרעפ און אַרויפגעשטעלט די פוס אויפן ערשטן טרעפל. דער טרוקענער קאָנווערט האָט זיך אַ קנייטש געטאָן אין האַנט, די אותיות האָבן זיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן. ער איז געבליבן שטיין מיט איין פוס אויפן ערשטן טרעפל און מיט דער האַנט אָנגעשפאַרט אָן דער פאָרענטשנע. זיין בליק האָט זיך צוגעקלעפט צו אַ אויסגערייכערטן פאַפיראָס וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין ווינקל. ער האָט דערפילט צום אויסגעברענטן פאַפיראָס אַ טיפן מיטלייד, ווי ס'וואָלט עפעס צו אים געהאַט אַ שייכות, אַ ענלעכקייט, די אויסגעברענטקייט... די פאַרוואָרפנקייט... דאָס נישטיקייט פון אַ זאַך וואָס איז געווען און ס'וואַלגערט זיך איר זכר. דער פאַפיראָס איז אויסגעגאַנגען... באַלד וועט אימיצער קומען, פאַרקערן, פאַרשאַרן די ערד.

פאַר זיינע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן דער גרויסער פאָדערשטער צימער פון זיין היים. צווישן שאַפע און קאַכלאָוון אויוון שטייט די אייזערנע בעטל מיט געמאָלענע לאַנדשאַפטן, דעם ברודערס לאַנגער גוף שלאָגט זיך אָן מיט די פיס אָן בלעכענעם אָנשפאַר. ער רירט זיך נישט, ס'באַוועגט זיך נאָר שווער זיין ברוסט־קאַסטן, ס'הערט זיך נאָך דער שווערער כאָרכלדיקער אָטעמען דורך דער אָפענער מויל. די דיקע פיגור פון דער מאַמען איז אָנ-

געבויגן צו דער בעט, אירע הענט טרייסלען זיך פון שרעק, פון צער, פארן לעבן פון איר זון, זי טראָגט אים צו אַ לײדיקע, אָן אויסגערונענע לעפעלע... וואָס האָט קוים באַנעצט זיינע ליפּן:

— זאָל דיר זיין צו רפואה, קינד מיינס!

דער זון האָט געעפנט די אויגן, אָנגעקוקט דער מאַמען, אָראָפּגעשלונגען די ברכות און זיי צוריק פאַרמאַכט.

חיים האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, ער האָט פּאַמעלעך געשטעלט די טריט — טרעפּ נאָך טרעפּ.

— די מאַמע האָט אים געראַטעוועט! — האָט חיים צו זיך אין דער שטיל גערעדט. נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט, אויסגעווײנט ביים דייטשן דאָקטער ער זאָל אים אָפּערירן אומזיסט, זי האָט אים געראַטעוועט.

חיים איז אַריין אין שטוב און פאַרמאַכט די אָפענע טיר. ער האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויפן דיוואַן און אויפהויבנדיק די האַנט אַ פּיר געטאָן דעם בריוו נענטער צום פּנים. אַ ספקות האָט אים באַהערשט — „דאַכט זיך אַז ס'איז נישט מיין ברודערס האַנט-שריפט"! ער האָט אַ וואָרף געטאָן די האַנט מיטן בריוו ווי ער וואָלט וועלן פאַרטרייבן פון זיך די ספקות. די קאָפּ איז אים אַ פאַלן געטאָן אָן אָנלען פון סאָפקע, די אויגן האָבן זיך פאַרקוקט אויפן הענג-לאָמפּ, ס'האָט זיך געהערט דאָס דינע קלינגען פון די קריסטאַלענע גלעזלעך וואָס האָבן זיך געהוידעט אַראָפּגעהאַנגענע אָנקלאַפּנדיק זיך איינע אָן די אַנדערע... לאַנגזאַם האָבן זיך פאַרמאַכט די אויגן... עפּעס האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם דמיון צוריק אַהין... איבערן בריק, איבערן ליימיקן וועג, צו דאָלקער באַרג אַראָפּ, פאַרביי דעם בית עולם. חיים האָט דערפילט זיין ברודער לעבן זיך... מיר גייען, מיר שלעפּן די פאַרליימיקטע שטיוול, איך באַגלייט אַרויס מיין ברודער צום מאַכער... אַנטלויפן... נישט גיין דינען, אַנטלויפן פון דער שנאה, אַנטלויפן אין דער פרעמד... אַ גוס רעגן האָט אַ כליאַפּ געטאָן פון פינצטערן הימל, דורכגעווייקטע ביזן לייב שלעפּן מיר זיך, דורכגעפרעסענע פון צער און שרעק פאַר דער פינצטערניש. ס'איז נאַכט.

— גיב די האַנט! חיים... הערסט וואָס איך זאָג דיר? אַוואו גייסטו? וועסט אַריינפאַלן אין ראָוו! פאַל נישט!

מיין ברודער האָט מיר אָנגעכאַפּט פאַרן אָרבל. איך האָב זיך מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אָן ליים און זיי אַרויסגעשלעפּט פאַרליימיקטע...

דער ווינטיקער רעגן פּאַטשט אונז אין די פּנימער און וואַשט דעם לײַם פון מײַנע הענט... מיר שטעלן שווערע טריט און די פיס גליטשן זיך צוריק אויף דער לײַמיקער בלאָטע.

— קום! קום! שרײַט מײַן ברודער, מיר דאַרפן דערגיין...

— איך קען נישט...

מײַנע וואַרעמע טרערן גייען פאַרפאַלן אין קאַלטן רעגן.

— קום! מען טאָר נישט בלײַבן שטיין — שרײַט מײַן ברודער צום רעגן, צו מײַנע טרערן — זע! טרעסטינער בית עולם! — האָט מײַן ברודער ווי מיר אויפגעוועקט — דאָ ליגט אונזער זיידע...

די שטיוול קריכן אין דער לײַמיקער בלאָטע און קלעפּן די פיס צו דער ערד, מיר גייען און גייען און אָט זענען מיר נאָך אַמאָל ביים אָנהויב פון בית עולם...

— מיר בלאָנדזשען — זאָגט מײַן ברודער — מען דאַרף גיין גלײַך לעבן פאַרקאַן, צו דער ליכט וואָס שלאָגט... מיר זענען געגאַנגען שלעכט? לעבעדיקע מתים זענען מיר דערקראָכן צום שטעטל...

:: :: ::

חיים האָט אַ הויב געטאָן די קאָפּ, אַ ריס געטאָן דעם ווינקל פון קאָנ-ווערט און גערעדט צו זיך אויפן קול: געלאָזן זיי אַליין, דעם טאַטן, דער מאַמען, פריער ער... דערנאָך איך... באַשערט געווען זיך צום ראַטעווען...

פון דעם אויסגעגלײַכטן בייגעלע פּאַפּיר האָבן אַראָפּגערעדט שפּאַנישע ווערטער: „ליבער פעטער! איך וויל אײַך לאָזן וויסן אַז דעם מיטוואָך פאָר איך אָפּ מיט אַן איטאַליענישע שיף קיין ישראל. מײַן טאַטע איז אַלט, אָרעם און קראַנק, איך קען אים אָבער נישט העלפן... איך וועל נישט גיין דינען דעם דיקטאַטאָר צוויי יאָר...”

חיים האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן האַנט אויף אַראָפּ, דער בריוו איז גע-לאָפן צו דער ערד. ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער צווייטער האַנט די צעקודלטע האָר אויפן קאָפּ און אַ ברום געטאָן: „באַצאָלט מיט דער זעלבער מטבע”.

— וואָס איז דיר חיים? — האָט די ווייב פון צווייטן צימער געפרעגט.

— גאָרנישט! דעם ברודערס זון איז אַוועקגעפאָרן קיין ישראל...

— נו מילא — פון דאָרטן וועט מען שוין צוריק נישט פאָרן...

„בעטלער"...

מ'קען מיר געבן א סענט?

א הייסער שבת אינדערפרי האָט געדריקט אויף דער גרויסער צעוואָרעמטער שטאָט.

— מ'קען מיר געבן א סענט? — האָט געציטערט די אַלטע אָפּגעשוואַכטע שטים פון דעם שוואַרצן. די הענט האָבן זיך אים געטרייסלט און לייכט אָנגעקלאַפּט אין פּאָל דעם גראָבן אויסגעטריקנטן סעקעוואטן שטעקן, וואָס ער האָט אין זיי געהאַלטן. זיין קלאַפּן האָט געוועקט, געמאָנט, גערופן צו לייגן אַכט אויף זיינע רייד. דער איינגעבויגענער רוקן האָט געהאַלטן די קאָפּ טיף געבויגן צו דער ערד. ער האָט אַביסל אויפגעהויבן דעם פאַרשוויצטן גלאַנציקן פּנים ווי שטיין קוילן און מיט אויסגעלאָשענע פאַרזשמורעטע אויגן מיר אָנגעקוקט:

— איין סענט, כ'בין מיד פון גיין; אַזאַ הייסער טאָג; שוין איין און ניינציק יאָר ווי די זון באַקט מיר און זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוואוינט צו דער היץ; באַלד וועט די ערד שוין קילן מיין פאַרגליווערטן בלוט. שווער זיך צום דערוואַרטן. די ווייסע וואָס האָבן געקעמפט מיט מיר האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן בעסער פון מיר, אין זייערע היימען, ביי זייערע קינדער; דערנקמאָלן האָט מען נאָך אַ סך פון זיי געשטעלט. אונזערע האָט מען אויך ניט פאַרגעסן, אָבער ניט אַלע האָבן דעם זעלבן קאָליר; ניט אַלע האָבן דעם זעלבן מזל.

דער אַלטער האָט דערהערט דעם קלונג פון סענט אויפן טאָמבאָנק און מיט די גראָבע צומאַרשטשעטע פינגער אָנגעהויבן טאַפּן איבערן האַלץ. די פאַרבויגענע האַרטע נעגל האָבן אָנגעקלאַפּט אָן ברעט. ער האָט דערשפּירט

דער סענט אין האַנט. עס האָט זיך אַ קאַרב געטאָן זיין פּנים ווי פון לייכטער פרייד און באַלד צוריק זיך פאַרשרומפּן, פאַרגליווערט דעם ווייטאָק פון אַ צו לאַנגער שוואַרצער עלטער.

— אַ דאַנק קינדערלעך, אַז מען וועט קענען, וועט מען קומען נאָך אַמאָל, מ'וועט דאָך מיר ניט אַרויסוואַרפן... מ'זעט דאָך, אַז צו דער אַרבעט טויג איך ניט, כל־זמן מ'האָט מיר געהאַלטן צו דער אַרבעט האָב איך זיך באַמיט צום טאָן וואָס איך האָב געקענט, אָבער אַז מען האָט מיר אָנגעהויבן פאַרוואַרפן, אַז איך פאַרדין ניט מיין עסן, אַז מען גיט מיר מיין ברויט אומזיסט, בין איך אַוועק, אַוועק בעטלען, אַבי ניט פאַלן קיינעם צו שווער... ניט אַלע העלפן, מ'שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין...

דער שוואַרצער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן אַלטן איינגעקוועלטן גוף, — וואָס טראָגט נאָך סימנים פון אַ געזונטער שטאַרקער יוגנט — צו דער טיר, דערזען ווי הינטער אים שטייט אַ צווייטער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט ער אים באַטראַכט די האַנט, געוואָרפן אַ בליק אויף זיין גלייכן רוקן, אויף זיין קאָפּ, וואָס האָט ניט געהאַט קיין סך גרויע פלאַמעס און געשאָקלט מיטן קאָפּ... קלאַפנדיק מיטן פאַרטריקנטן שטעקן אָן דער שטיינערנעם פאַל האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט.

אַ הייסער שבת אינדערפרי האָט געדריקט אויף דער גרויסער צעוואַרעמטער שטאָט.

ער קומט זעלטן ווען...

ער קומט זעלטן ווען אויף דער גאַס. די גראָבע קוליעס, וואָס שפּאַרן אונטער זיינע אָרעמס און העלפן שלעפּן זיין איינציקע פוס, זענען אויסגעשמירט אין בלאָטע, פון זעלבן קאָליר וואָס דער צעריסענער אויסגעדרייטער שוך. די כאָלעווקע איז אַרומגעדרייט מיט אַ שטריקל אָנשטאָט אַ שוך בענדל. ער סאָפּעט שווער פאַר יעדער מאָל וואָס ער גיט אַ שלעפּ פאַרויס די צוויי קוליעס.

פון טיר גיט אַ שלאָג אַ פאַרפוילטער ריח. ער בלייבט שטיין און וואַרט; ער ווייס אַז מען האָט דערפילט זיין אָנקום...

די באַוואַקסענע באָרד אויפֿן רויטן געשוואָלענעם פּנים קוקט אויס ווי האַרטע דרעטלעך, וואָס מען האָט אַריינגעזעצט אין דער פּוכקער לייב.

— איין סענט? איך קום זעלטן ווען...

— דו פאַרטרינקסט דאָך דאָס אַלצאיינס...

— מיט מיינע געשנאָרטע סענטן קען איך דאָך טאָן וואָס איך וויל... איר גיט אַ סענט און ווילט נאָך זאָגן אַ דעה. מען קען דען עסן פּאַר אַ געשנאָרטן סענט...

ער דרייט אויס די קוליעס און וויל אַוועקגיין.

— וואַרט! גיי ניט... נאַ דיר פינף סענט!

ער דרייט צוריק אויס די קוליעס אויף זייער פריערדיקן אָרט און קוקט אָן מיט זיינע אויסגעלאָשענע פאַרשוואָלענע אויגן.

— אַ דאַנק! איך בין ניט אין כעס. פאַרוואָס האָב איך צום זיין אין כעס? איך קען צו אימיצן האָבן אַ טענה?

— ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— געשען! שווער צום איבער'חזר'ן... אַ ביטערער זכר. געהאַט צוויי פיס ווי אַלע. ער קוקט אויף זיין פוס. ער קוקט אויפן ליידיקן אָרט פון דער פוס וואָס פעלט אים. מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צו דער ערד רעדט ער הייזעריק:

— אַ מעסער... אין שלאָכט הויז. אַ פאַלשן צי מיטן מעסער... פאַר-גיפטעט, מען האָט געמוזט אַראָפּנעמען, גאַרניט געהאָלפן... פאַרפאַלן...

— און פאַרזיכערונג האָט מען דיר באַצאָלט?

— יע! באַצאָלט... אָבער ס'איז אַלצאיינס... וואָס האָב איך געדאַרפט טאָן מיטן געלט... שווער זיך צוגעוואוינען... האָסט געהאַט צוויי פיס! זוכט מען צום פאַרגעסן — פאַרטרונקען ביז אַ סענט...

— האָסט דאָך געקענט זיך איינאָרדענען אויף צום קענען לעבן.

— ניט געוואוסט ווי, איך האָב ניט געהאַט קיינעם. געאַרבעט פון קינדווייז אָן אין שלאָכט הויז, נו, שוין פאַרפאַלן...

ער דרייט אויס די קוליעס, דערנאָך די פוס.

— אוואו שלאפסטו?

— אין גאַס...

— מ׳לאָזט שלאָפן אין גאַס?

אַ גאַליקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן געשוואָלענעם פּנים.

— מיר לאָזט מען דאָרט שלאָפן... דאָרט יע! אונטערן שלאַכט הויז, אויפן גאָרטן.

ער האָט ביסלעכווייז ארויסגעשלעפּט די איינציקע פוס, מיט די צוויי הילצערנע קוליעס. דער ריח איז נאָך אַלץ געשטאַנען און דערמאָנט אָן פאַרפוילטן פלייש, אָן שלאַכט הויז, אָן צוויי פיס.

דער געירשנטער חלום...

דער דאָקטער האָט באַטראַכטנדיק דעם קראַנקן צו אים אַ שמייכל געטאָן און צוגעגעבן:

— וועסט זיין געזונט! אַ מענטש דאַרף קיינמאָל נישט פאַרלירן דעם גלויבן, דאָס העלפט זייער אַ סך... אַ סך מער ווי די רפואות וואָס ער נעמט איין...

מאַריע וואָס איז געשטאַנען פון צווייטן זייט בעט, האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, די ווערטער האָבן זיך ווי אָנגעשלאָגן אָן איר, ווי זיי וואָלטן זוכן אריינצודרינגען אין איר געדאַנק. דער דאָקטער האָט אויפגעהויבן די קאָפּ פון קראַנקן און געווענדעט די אויגן צו מאַריען, ס'האָט זיך איר אויסגעדוכט אַז ער פרעגט איר עפּעס, זי איז נאָר נישט געווען זיכער וואָס. אירע אויגן האָבן זיך ווי פאַרטיפט אין חלל און נאָכגעגאַנגען דעם דאָקטערס רייד. זי האָט אַ הויב געטאָן דעם פּנים און ווי אַלץ וואָלט פאַר איר געוואָרן קלאָר האָט זיך פון איר מויל אַרויסגעריסן אַן ענטפער, אַן ענטפער אויף אַלץ וואָס מען האָט איר געקענט פרעגן:

— איך האָב נישט קיינעם... נאָר מיין מאַן און אונזער קינד.

די ווערטער האָבן איר געשטיקט, אַ פייכטקייט האָט פאַרגלעזערט אירע אויגן, זי האָט אָפּגעדרייט די קאָפּ און זיך לאַנגזאַם ארויסגעשאַרט פון צימער.

— האָסט אַ פיינע פרוי! צוליב איר אליין דאַרפסטו זיך אָנעמען מיט מוט און ווערן געזונט... ווי אַלט איז אייער קינד?

— אַ מיידל פון עלף יאָר. שוין פופצן יאָר ווי מיר וואוינען צוזאַמען, אַ פיינע פרוי, אָ דאָקטער! וואָספאַראַ ליכטיקע היים איך האָב...

זיינע אויגן זענען געפאַלן אויפֿן בילד פֿון געקרייציקטן יעזוס, ער האָט מיט גרוים מי אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און אָנגעוויזן:

— דעם בילד האָב איך געמוזט אַליין אויפהענגען... זי וויל דאָס נישט אָנרירן, זי דרייט אָפּ די קאָפּ, דאַכט זיך, אַז זי האָט זיי נישט ליב, אַ טך מאָל דוכט זיך מיר אַז זי האָט פיינט אונזערע הייליקע... זי גלויבט נישט אין זיי, זי גלויבט... אָבער אַנדערש. איך האָב געמיינט אַז דאָס וועט נישט זיין קיין שטער. אין יענע יאָרן, יונג און ווילד, ווער האָט געלייגט אַכט אויפן צווייטנס גלויבן. איך האָב געטראַכט: איך וועל גלויבן אין מיינע הייליקע און זי אין אירע. איך האָב איר געזאָגט: — קויף! ברענג דיינע הייליקע בילדער, הענג זיי אוים אויף אַלע ווענט, לאָז נאָר איין ווינקעלע פאַר מיינע... אָבער זי האָט מיר געזאָגט אַז זיי האָבן נישט קיין בילדער... אַז זיי גלויבן אין האַרצן, אַז זיי טראָגן דעם גלויבן אין זיך... יע! ס'איז ריכטיק, ס'איז אמת, זיי גלויבן מיט דער נשמה... יע ס'איז אַן אַנדער גלויבן, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע הייליקע בילדער, אַ דאָקטער! אַזאַ פיינע פרוי, זעט וואָספאַראַ ציכטיקע היים, ווי ליב זי האָט אונזער קינד... אָבער דאָס קינד גייט נישט אין קלויסטער... די מאַמע וויל איר נישט פירן און איך קען דאָס אויך נישט טאָן... איר זאָגט אַז אויף צום זיין געזונט דאַרף מען גלויבן... איך קלער אויך אַזוי, אפשר בין איך קראַנק דערפאַר... פאַר מיין פרוים... פאַר מיין קינדס... בעסער שווייגן,... ס'איז שווער צום טראַכטן, דאָקטער! איך פיל זיך אַזוי דערשעפּט, אַזוי מיד, ס'דוכט זיך מיר אַז ס'גייען מיר אוים די כוחות... ווער ווייס... ווער ווייס...

— זאָלסט אַזוי נישט רעדן, נישט קלערן, זאָלסט נישט ספקן אַז דו וועסט געזונט ווערן. דיין פרוי, דיין קינד, זיי האָבן נישט קיינעם נאָר דיר, דו מוזט זיין געזונט.

דער דאָקטער איז אַרוים פון צימער, הינטערן טיר איז געשטאַנען מאַריע, ער האָט איר אָנגעקוקט. די הויט פון איר פנים איז געווען אָנגע-זאַפּט מיט טרערן, פאַרצויגן מיט אַ גרויער מאַטקייט, אַ טיפע זאָרג האָט

זיך געריסן פון אירע אויגן, פון אירע ליפן, פון איר גאנצער געשטאלט. זי האט אויפגעהויבן איר האנט און איר אוועקגעלייגט אויפן הארצן:

— דאקטער! העלפט אים! העלפט אונז! איך בין גרייט צו טאן אלץ... טעג און נעכט ווי איך טרעט נישט אפ פון זיין בעט, איך פיל אבער אז איך בין אים א פרעמדע... ער קוקט אויף מיר מיט אומצוטרוי, אפילו ווען ער גלעט מיינע הענט. דאס קינד איז אים אויך נישט נאענט... א גאט! וואס זאל איך טאן? איך האב נישט קיינעם... ווער ווייס, ווען איך וואלט געהאט אייגענע, נאענטע, ווען איך האב מיין מאמען לעבן זיך וואלט אפשר נישט געקומען צו דעם אלעמען... צו דעם גאנצן פלאנטער.

— איר האט חרטה, פרוי סאנטשעז?

די פרוי האט זיך א ווײַלע א וואקל געטאן, זי האט אראפגעלאזן די קאפ, דיקע טרערן זענען געפאלן אויף די געבלומטע „מאזאיקעס" פון פאד- לאגע, זי האט זיך האסטיק אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן איר פנים צום דאקטער.

— ניין! איך האב נישט קיין חרטה. איך האב ליב געהאט מיט מיין גאנצן הארצן, און אויף ליב האבן קען מען קיין חרטה נישט האבן... אבער איצטער וואס זאל איך טאן? איך פרואוו העלפן און ס'ווערט נאך ערגער. מיר האבן ביידע געהאפט — דער פרויס שטים איז געווארן רואיקער, שטיל- ער, זי האט גערעדט ווי זי וואלט זיך אן עפעס דערמאנען — און אזוי פיל מאל איינער דעם צווייטן פארזיכערט, אז אונזער אפשטאם וועט קיינמאל נישט זיין קיין שטער אין אונזער לעבן... און אפשר וואלט דאס טאקע אזוי געווען, איז אבער געקומען די קראנקהייט און צעשטערט אלע האפענונגען.

— שוין אזוי פיל וואכן אין בעט. ער האט פארלארן די האפענונג צום ווערן געזונט, פארלארן דעם צוטרוי צו מיר, צום קינד... נאך ערגער. ער הויבט אפילו אן צום גלויבן, אז מיר זענען די שולדיקע אין זיין קראנק זיין, אז אנזער אנדערשדיקייט, אז אונזער נישט בעטן ביי די הייליקע, זיינע... שטערט אים אין ווערן געזונט, א! גאט! ווי שווער, ווי ענג ס'איז, איך ווער צעריסן, איך האב דאך אים אזוי ליב, און אונזער קינד... — זי האט צוגע- דריקט ביידע הענט צום הארצן, ווי זי וואלט עמיצן טוליען צו זיך — אזוי ליב און אזוי פרעמד, ווי שווער, א גאט! העלף מיר!

— ווער האָט אייך געזאָגט אַז אייער מאַן קלערט אַזוי? אַז ער האָט פאַרלאָרן צו אייך דעם צוטרוי? איר טאָרט אַזוי נישט רעדן, איר זייט די געזונטע, מוזט איר אריינגעבן אין אים דעם צוטרוי צו אייך, צו אייער קינד, טאָמער זוי ס׳וועט אייך דיקטירן אייער אייגענער איינזען, אייער גלויבן, אייער גאָט, איר גלויבט דאָך...

מאַריע האָט אויפגעהויבן אירע אויסגעטריקנטע אויגן און אָנגעקוקט דעם דאָקטער, אין איר קאָפּ האָבן אַ מיניע געטאָן ליכטיקע געדאַנקען, אין איר געדאַנק האָבן זיך איבערגעחזרט דעם דאָקטערס רייד, ווי זי וואָלט זיי עטיקערווייז אריינגעשלונגען, אריינזאַפּן... „מיין גלויבן, מיין גאָט, קען העלפן...״

— גוט דאָקטער! איך וועל גיין ברענגען דעם רעצעפּט.

זי האָט געלאָזן אַן עפּן געטאָן די טיר פון צימער. ביידע האָבן אריינגעקוקט, — דער דאָקטער און מאַריע — דער קראַנקער איז רואיק געשלאָפן...

— הילדאַ! — האָט מאַריע אַ רוף געטאָן די דינסט מיידל, — זאָלסט שטיין דאָ לעבן טיר און הערן טאָמער רופט ראַול, זאָלסט אים דערלאַנגען וואָס ער וועט בעטן, זאָג אים אַז איך בין אַוועק ברענגען די רעצעפּטן.

מאַריע און דער דאָקטער זענען אַרויס פון הויז.

:—: :—: :—:

אַ העלער פאַרנאַכט האָט זיך אָנגעהאַלטן אויף די ווייס גרויע ווענט פון די הויכע מויערן. ערגעץ גאָר ווייט אין מערב, האָט זיך מיט די לעצטע כוחות די זון געראַנגלט מיט שטיקער פאַרוואָלקנטן הימל, וואָס האָבן איר געוואָלט פאַרשלינגען, מאַכן פינצטער פאַר דער צייט, פאַרענדיקן מיט אַ ליכטיקן פרילינגס טאָג.

מאַריע איז געשטאַנען, געוואַרט אויפן רעצעפּט. איר בליק האָט זיך געשאַרט איבער די אויסגעשטעלטע פלעשלעך און סלאָיקעס אין די אַפּטייק שענקלעך. אויף דער גלאַטער גרינער וואַנט איז געהאַנגען אַן אָפּרייס קאַלענדאַר, דער נומער 18 האָט אַ ברי געטאָן איר אויג, אַכצנטער מאַי... אַכצן... אַכצן פלעגט מיין מאַמע זאָגן איז חי צום לעבן — דאָס בלעטל פון קאַלענדאַר

האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן, אַ לייכטער ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן פון די אָפענע טירן, איבערן בלעטל האָט זיך עפּעס אַ טראָג געטאָן, אַ ווייז געטאָן... מאַריע האָט אַ פאַרציטערטע אַ שעפּטשע געטאָן: מאַמע-ע!

— מאַשעלע... קינד מיינס... האָט זי געהערט דער מאַמעס קול. זי האָט אַ טראָט געטאָן פאָרויס צום קאַלענדאַר, אונטערן אַכצן איז מיט גרויסע אותיות געווען אָנגעשריבן פרייטאָג.

— אייער רעצעפּט, מאַדאַם! — האָט מאַריען אויפגעוועקט פון חלום דעם אַפּטייקערס שטים. וואָס מאַכט אייער מאַן?

— גוט... גוט! אַ סך בעסער... איך דאַנק אייך זייער, „אַדיאָס".

„גוט", „גוט" האָב איך געזאָגט? „אַ סך בעסער" האָב איך געזאָגט? זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון די געדאַנקען ווי ס'וואָלט איר אַ שטאַרקע האַנט אַ שלעפּ געטאָן... איך האָב געזען מיין מאַמען!.. וויפל יאָרן איז שוין ווי איך האָב נישט געהערט דעם נאָמען „מאַשעלע"... היינט איז פרייטאָג, ס'איז שוין טונקל, אין דער שעה פלעגט מיין מאַמע בענטשן ליכט, — „איך וועל היינט בענטשן ליכט, מאַמע..."

מאַריע איז אריין אין קראָם און געבעטן צוויי ליכט. דער קרעמער האָט איר אָנגעקוקט, ער ווייס אַז מאַריעס מאַן, ראַול, איז שוין לאַנג קראַנק, ער האָט איר אָבער גאָרנישט געפרעגט, אַז זי איז אַרויס האָט ער אויפן קול צו זיך געזאָגט: — מאַריע די „פּוילישע", האָט שוין געקויפט ליכט...

אריינקומענדיק אין שטוב איז די דינסט איר אַנטקעגנגעקומען און שטילערהייט געזאָגט:

— ראַול האָט נישט גערופן — ער האָט זיך איבערגעדרייט און שלאָפט ווייטער, שוין לאַנגע טעג ווי ער האָט אַזוי פיל נישט געשלאָפן. וואָס קען זיין וואָס ראָסיטאַ איז נאָך נישטאָ?

— זי וועט באַלד קומען, ס'איז נאָך פרי. זי איז צוגעגאַנגען צום טיר פון צימער און אריינגעקוקט, ראַול איז געשלאָפן.

מאַריע האָט אַרויסגענומען די באַזילבערטע ליכט פון די לייכטער וואָס זענען געשטאַנען אויפן שאַפּקע און אריינגעשטעלט די צוויי חלבנע ליכט וואָס זי האָט געקויפט. זי האָט אַ קוק געטאָן צום קיך, ווי זי וואָלט וועלן זיי אַוועקטראָגן אַהין און באַלד זיך אויסגעדרייט און זיי אַוועקגעשטעלט אויפן גרויסן טיש אין עס צימער. די דינסט מיידל האָט איר אָנגעקוקט. זי האָט

זיי אַנגעצונדן! „מען דאַרף צודעקן די קאָפּ" האָט עפּעס אין איר אַ מורמל געטאָן... זי איז צוגעגאַנגען צום שאַפע און אַרויסגענומען אַ שוואַרצן שאַל און זיך פּאַרדעקט. מאַריע האָט אויפגעהויבן ביידע הענט צום פייער און זיי גלייך איבערגעטראָגן צו אירע אויגן. אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אין דער מאַמעס לשון:

— מאַמע איך בין נישט שולדיק! איך האָב נישט געהאַט קיינעם... העלף מיר!.. איך וויל נישט בלייבן אַליין מיט מיין קינד... זיי מוחל מאַמע! העלף מיר... פון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן דיקע טראָפּנס טרערן וואָס האָבן געגלאַנצט ווי פון דער זון באַשטראַלטער טוי אין אַ זומערדיקן פרי-מאָרגן.

:—: :—: :—:

— מאַריאַ! מאַריאַ! — האָט דער קראַנקער גערופן.

מאַריע האָט אָפּגעווישט די טרערן פון די אויגן, געלאָזן איינגעלייגט דעם שאַל און איִם אַוועקגעלייגט אויפן שטול. זי האָט אָן עפן געטאָן די טיר פון צימער און געבליבן שטיין אָן איבערראַשטע. ראַול איז געזעסן אויפן בוּעג פון בעט און צו איר געשמייכלט: — קוק אַהער מאַריע איך האָב געהאַט אַ גוטן חלום, ס'איז מיר אַזוי לייכט. איך וויל דיר דערציילן, דו וועסט אָבער גלויבן? ער האָט אויסגעדרייט די קאָפּ צום בילד וואָס איז געהאַנגען אויפן וואַנט און געשמייכלט... וועסט דאָס גלויבן? יע... וועסט גלויבן... זעסט דאָך ווי גוט איך פיל זיך... איך בין געווען ביים קבר פון יעזוסן, און האָב צו איִם גערעדט, אַז איך וויל נישט לאָזן מיין מאַריען... אַליין, איך וויל נישט מיין קינד זאָל בלייבן אָן אַ טאַטן און דאַרפן ליידן אַ לעבן. דיין נאָמען האָט אַזוי אָפּגעקלונגען אין קבר... מאַריאַ! מאַריאַ! דו הייליקע מאַמע... און פון קבר האָב איך געהערט אַ קול וואָס האָט צו מיר געזאָגט: זיי געזונט! וועסט זיין געזונט! פאַר דיין ווייב, פאַר דיין קינד. איך פיל זיך אַזוי גוט! מאַריאַ! דו גלויבסט...

די טיר פון צימער האָט זיך אָן עפן געטאָן. הילדאַ, די דינסט מיידל, האָט אין גרויס פאַרלעגנהייט אַריינגערעדט, זיך וועגנדעדיק, צו דער באַלעבאָסטע:

— דער ווינט יאָגט אזוי אין עם צימער און גיסט אַראָפּ דעם חלב פון די ליכט וואָס איר האָט אָנגעצונדן... פאַרלעשן?

— ניין! האָט מאַריע אַ געשריי געטאָן — ניין! האָט זי נאָך האַרטער איבערגעחזרט. פאַרמאַך די פענצטער! פאַרמאַך די טירן...

ראָול האָט דורך דער אָפענער טיר אַריבערגעקוקט צו די ברענענדע ליכט אין די לייכטער, ער האָט אויפגעהויבן די קאָפּ צו מאַריען און איר אָנגעקוקט מיט פרעגנדע אויגן:

— דו האָסט אויך געהאַט אַ חלום..?

מאַריע האָט שמייכלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יע, איך האָב אויך געהאַט א חלום...

אינהאלט:

זייט

I

ליכטיקע שאָטנס ... 9

שלמקה'לע שיינדלס ... 21

אַ לעבן אויף הפקר ... 29

פרייטיק צונאַכט ... 39

איטשע שטומאַק ... 47

פּליטן אויפן טייך ... 55

אַ בוים ... 61

פאַרוואָלגערט זיך אַ פונק ... 67

פאַרשידענע צייטן ... 73

II

די דריי צויבער - קעניגן ... 79

טשוטשאַ ... 89

אַ העמד ... 99

אליין ... 107

אַ פרילינג חלום ... 121

בלעטערנדיק אויף צוריק ... 127

אונטער די פּאַרטאַלן ... 133

בארג-אַראָפּ, באַרג־אַרויף ... 137

אַ בריוו ... 141

„בעטלער" ... 145

דער געירשנטער חלום ... 149

IMPRESO:
TALLERES VIDA HABANERA
Sol 153 - Habana, Cuba